STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10965

# GEKLIBENE VERK

Ivan Franko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ДН ВУ

ІВ. ФРАНКО

# ВИБРАНІ ТВОРИ

Переклад Д. Гофштейна
Вступ П. Колесника

ДЕРЖАВНЕ ВИДАВНИЦТВО НАЦІОНАЛЬНИХ МЕНШОСТЕЙ УСРР
КИЇВ 1936 ХАРКІВ

אי. פראַנקאָ

# געקליבענע ווערק

יִידיש — ד. האָפשטיין

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטן אין אוסר״ר
קיִעוו 1936 כארקאָוו

פאראנטוואָרט. רעדאקטער — ל. מ י ש ק אָ ו ס ק י
טעכנישער רעדאקטער—מ. ז א ר ע צ ק י. קאָרעק־טער—מ. ד ו ב י נ ס ק י.

9־טע רעפּובליקאנישע דרוקעריַ אופּקפּ״ט. קיִעוו, רויטער פלאצ 2a. באשט. 33 טיראזש 2 000 עקז. 9 דרוק־בויגנ. פאפיר 94 × 62 — 1/16 — 38 קג. אינ 1 פאפיר־בויגנ 90 000 דרוק־צייכנס. באפול־מעכמ. פונ הויפּטליט 5526. פארלאג־נומ. 32-Є. איבערגעגעבנ אינ זאצ 9/I — 1936 י. אונטער־געשריבנ צומ דרוק 19/V—1936 י.



# איוואַנ פראַנקאָ.

מיזרעכ־גאַליציע, ווו עס האָט געלעבט אונ געאַרבעט פראַנקאָ, איז געווענ איבערהויפּט אַנ אַגראַר לאַנד אונ איז פאַרבליבנ אַ לאַנגע צײַט איינע פונ די אָפּגעשטאַנענסטע פּראָווינציעס פונ דער עסטרײַכ־אונגאַרישער אימפּעריע, וואָס אינ איר באַשטאַנד איז זי אַרײַנגעגאַנגענ נאָכ דער צעטיילונג פונ פּוילנ אינ 1772 יאָר.

די רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר האָט אָראָפּגעשווענקט דאָס לײַבייגנטומ, האָט פאַרשטאַרקט דעמ פּראָצעס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, דערינ אויכ אינ גאַליציע. אינעמ קאַמפּ פונעמ פּויערטומ קעגנ דעמ דרוק פונ די פּוילישע פּריצימ אינעמ מײַרעוו־אוקראַיִנישנ דאָרפ פּרוווט זיכ די דאָרפ־בורזשואַזיִע, אופהייבנדיק הויכ די פאָנ פונ דער אַזויגערופענער „נאַציאָנאַלער אופלעבונג", אַרויסטרעטנ אינ נאָמענ פונ די „אייגענע אונטערשיכטנ".

כאַראַקטעריזירנדיק די בורזשואַזע נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ, האָט דער כאַוו. סטאַלינ אינ 1913 יאָר געשריבנ: „דער קאַפּיטאַליזמ, וואָס האָט זיכ אַרײַנגעריסנ אינעמ רויִקנ לעבנ פונ די אָפּגעשטויסענע נאַציאָנאַליטעטנ, טרייסלט זיי אופ אונ ברענגט זיי אינ באַוועגונג". אונ ווײַטער: „דער קאַמפּ האָט זיכ אָנגעהויבנ אונ זיכ צעבראַנט, אייגנטלעכ, ניט צווישנ די נאַציעס אינגאַנצנ גענומענ, נאָר צווישנ די הערשנדיקע קלאַסנ פונ די קאָמאַנדירנדיקע אונ אָפּגעשטויסענע נאַציעס. דעמ קאַמפּ פירנ דורכ געוויינלעכ אָדער די שטאָטישע קליינ־בורזשואַזיע פונ דער אונטערדריקטער נאַציע קעגנ דער גרויס־בורזשואַזיִע פונ דער קאָמאַנדירנדיקער נאַציע (די טשעכנ אונ די דײַטשנ), אָדער די דאָרפ־בורזשואַזיע פונ דער אונטערדריקטער נאַציע קעגנ די פּריצימ פונ דער הערשנדיקער נאַציע (די אוקראַיִנער אינ פּוילנ), אָדער די גאַנצע „נאַציאָנאַלע" בורזשואַזיע פונ די אונטערדריקטע נאַציעס קעגנ דעמ הערשנדיקנ אַדל פונ דער קאָמאַנדירנדיקער נאַציע (פּוילנ, ליטע, אוקראַיִנע אינ רוסלאַנד)" 1).

אינ קאַמפּ קעגנ דעמ דרוק פונ די פּוילישע פּריצימ אונ פונ דער אוקראַיִנישער שליאַכטע אינ מיזרעכ־גאַליציע צומ סאָפ 70־ער יאָרנ טרעט אַרויס ניט קיינ גרויסע, אָבער אַ קעמפערישע גרופּע ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע יוגנט. זי פירט דורכ אַנ אַרבעט צווישנ די אַרבעטער, האַנטווערקער אונ פּויערימ, זי ווערט פאַרכאַפּט מיט אידייענ פונ סאָציאַליזמ, זי הייבט אופ איר שטימ פאַר אַ פרײַער, אַנ אָפּגערייניקטער פונ פּאָפּאָווּשטשינע וויסנשאַפט, פאַר אַ גרויסער,ווירקלעכ פאָלקישער מאַסעווער ליטעראַטור, קעגנ דער אויבערמאַכט פונעמ שוואַרצמייעדיקנ קלעריקאַליזמ, קעגנ דער פּאָליטישער רעאַקציע. צווישנ אָט דער יוגנט זעענ מיר אויכ איוואַנ פראַנקאָ.

* * *

אינ מעשעכ פונ עטלעכע יאָרצענדליקער איז פראַנקאָ אַרויסגעטראָטנ ניט נאָר ווי אַ פּאָעט, אַ פּראָזאַיִקער, אַ דראַמאַטורג, אַנ איבערזעצער, נאָר אויכ ווי אַ פּובליציסט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, עקאָנאָמיסט, היסטאָריקער אונ געזעלשאַפטלעכ־פּאָליטישער טוער.

---

1) י. סטאַלינ — „דער מאַרקסיזמ אונ די נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלע פראַגע". פּאַרטפאַרלאַג. 1934 יאָר, זײַט 11.

אלס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טוער האָט פראַנקאָ אָנגעהויבן אַרויסטרעטן נאָך אין דער צווייטער העלפט פון די 70־ער יאָרן.

זוכנדיק אַ רעאַלע קראַפט, אויף וועלכער מע זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן, פאַראינטערעסירט זיך פראַנקאָ מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די שטעט פון מיזרעך־גאַליציע (לוואָוו, באָריסלאַוו) זײַנען פאָרגעקומען אַרבעטער־שטרײַקן, וואָס פלעגן זיך אָפט פאַרענדיקן מיט צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. שוין אין 1877 יאָר האָט דאָס אָנגעשראָקענע פונעם „קאָמוניזם" מײַרעוו־אוקראַינישע בירגערטום געהאָלפן דער רעגירונג צו אָרגאַניזירן אַ שרײַענדיקן פּאָליטישן פּראָצעס איבער די סאָציאַליסטן, אין וועלכן ס'איז אַרײַנגעפאַלן פראַנקאָ, און ער איז אָפּגעזעסן אין טורמע 9 כאדאָשים.

דער אַרעסט האָט אויפגעשטעלט דעם יונגן פראַנקאָ אין דער סאַמע געדיכטעניש פונעם פּאָליטישן קאַמף. אין דער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „מײַן באַגעגעניש מיט אָלעקסען" (1878 י.) האָט פראַנקאָ געגעבן אַזאַ אָפּשאַצונג דעם פּראָצעס איבער די סאָציאַליסטן: „זעט נאָר, דער אַלצוויסנדיקער און אַלמעכטיקער געריכט האָט אָבער אינדערעמעסן מיך אָנערקענט פאַר שולדיק, האָט ווירקלעך דערשפּירט אין מײַן אָרגאַניזם אַ טראָפּן פון אַזאַ בלוט, וואָס די פראַנצויזישע „אָרדענונג־רעטער" האָבן פאַרגעסן צו פאַרגיסן ביז רעשט אין 1872 י., האָט דערזען אין מײַנע אויגן אַ פונק פון אַזאַ פײַער, וואָס קאָן אונטערצינדן די הײַזער פון די „פרידלעכע בירגער" ניט ערגער, ווי נאַפט". אין דעם זעלבן יאָר איז פראַנקאָ אַרויסגעטראָטן מיט אַ ציקל פּאָליטישע לידער — „דומעס פון אַ פּראָלעטאַריער", צווישן זיי מיט דעם באַוווסטן ווערק — „די כאַווײרים פון טפיסע", וואָס האָט געהאַט נאָך אַן אַנדער נאָמען — „באַם באַגינען פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע".

פראַנקאָ ווערט אין די פאַרדומפּטע באַדינגונגען פון מיזרעך־גאַליציע דער פאָרגעשריטנסטער מענטש פון זײַן צײַט. ער אינטערעסירט זיך מיט די אייראָפּעיִשן און מיט די רוסלענדישן פּאָליטישן לעבן. ער זעצט זיך לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, ער ווערט פאַרכאַפּט פון פילאָסאָפיע, געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט, פּאָליטעקאָנאָמיע. ער מאַכט פּרוּוון דאָס אַלץ ניט בלויז פּאָפּולאַריזירן אין דער פּרעסע, נאָר אויך אויף אַזעלכן ניט איז אויפן פּראַקטיש אָנווענדן אין דער אַרבעט צווישן די אַרבעטער. אין איינער פון זײַנע אויטאָביאָגראַפיעס האָט פראַנקאָ געשריבן: „אין יענע יאָרן זײַנען מײַנע באַציִונגען מיט די לוואָווער אַרבעטער געווען גאַנץ לעבהאַפטיקע. נאָך אין 1878 י. האָב איך אָנגעשריבן ניט קיין גרויסן „קאַטעכיזיס פונעם עקאָנאָמישן סאָציאַליזם", וועלכן עס האָבן אַרויסגעגעבן די לוואָווער אַרבעטער. אין די יאָרן 1879—1880 האָב איך צוזאַמען מיט אַ באַקאַנטן (אַ ייִדן) אונטעריכט געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמיע אין די אַרבעטער קרײַזלעך פאַר זעלבסטבילדונג. אין 1879 י. האָב איך געהאַט אַרויסגעגעבן ניט קיין גרויסן עלעמענטאַרן לערנבוך פון געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיע לויט מילן, טשערנישעווסקין און מאַרקסן..."

איבער דעם, וואָס די גאַנצע פּרעסע אין מיזרעך־גאַליציע איז געווען אין די הענט פון די „נאַראָדאָווצעס" און „מאָסקוואָפילן", די אַגענטן פונעם עסטרײַכישן און רוסלענדישן צאַריזם, האָט פראַנקאָ מיט זײַנע כאַווײרים אָרגאַניזירט אַן אייגענעם פּאָליטישן אָרגאַן. אָנשטאָט דעם פאַרבאָטענעם „דרוג" וואַרפט פראַנקאָ צוזאַמען מיט פּאַוולִיקן „אַ הייסן אַרויסרוף אין פּאָנעם דער געזעלשאַפטלעכקײַט" מיטן „הראָמאַדסקי דרוג" („געזעלשאַפטלעכער פרײַנט"). נאָכן פאַרבאָטן אין 1878 י. דעם „הראָמאַדסקי דרוג" גייט אַרויס דער „דזווין", דערנאָך די זאַמלונג „מאָלאָט". שפּעטער ווערט פראַנקאָ דער רעדאַקטער פון דער פּוילישער אַרבעטער־צײַטונג „Praca", ווו ער דרוקט אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַרבעטער. לעצטנס, אין די יאָרן 1881—1882 גייט אַרויס אויך אונטער זײַן רעדאַקציע דער זשורנאַל „סוויט", אין וועלכן עס האָט זיך געדרוקט די באַוווסטע דערציילונג „באָריסלאַוו לאַכט".

וועלכע־זשע זײַנען פראַנקאָס פּאָליטישע פּאָזיציעס אין די 70־80־ער יאָרן, וואָס זײַנען געווען דער פּעריאָד פון זײַן העכסטן אויפשטײַג?

צום אלעם ערשטנ דארפ מענ פארצייכענענ, אז פראנקאָ פרווט ארויסטרעטנ מיט דער פארטיידיקונג פונעם פילאָסאָפישנ מאטעריאליזמ, קעגנ אידעאליזמ אונ פּאָפּאָוושטשינע. ער הייבט אופ הויכ די לערע פונ טשארלז דארווינ, שטרײַכט אונטער זײַנ רעוואָליוציאָנערע באַדײַטונג אינ דער אנטוויקלונג פונ די נאטור־וויסנשאפטנ. דאָכ אָבער, איבערגייענדיק פונ די נאטור־וויסנשאפטנ צו די סאָציאלע וויסנשאפטנ, הייבט פראנקאָ אָנ פּלאָנטערנ. די לערע פונ מארקס—ענגעלס וועגנ דעמ קלאסנקאמפ, אלס דעמ באוועגער פונ דעמ היסטאָרישנ פּראָצעס, בײַט ער אונטער מיטנ דארוויניסטישנ געזעצ פונ קאמפ פאר עקזיסטענצ, „אונטערגעשטיצט" מיט לאנגעס מאלטוזיאנערײַ. אפ מארקס „קאפּיטאל" קוקט פראנקאָ מיט די אויגנ פונ לאנגע אונ ספּענסער. אינ די קוועלנ קלײַבט ער זיכ ניט פאנאנדער. ער זעצט איבער, רעפערירט, פּאָפּולאריזירט, פונ איינ זײַט, „די קווינטעסענצ פונ סאָציאליזמ" פונעמ קאטעדער־סאָציאליסט שעפלע, „די ארבעטער־פראגע" פונ לאנגע, לימאנאָווסקיס „מאָרעלי, רוסאָ אונ מאבלי, ווי סאָציאליסטישע שרײַבער", אונ פונ דער צווייטער זײַט — באזונדערע אָפּטיילנ פונ מארקס „קאפּיטאל", אונ אויכ ענגעלסעס „די אנטוויקלונג פונעמ סאָציאליזמ פונ אנ אוטאָפּיע ביז א וויסנשאפט". ווענ מע זאָל נעמענ אזא טעאָרעטישע ארבעט פראנקאָס, ווי „געדאנקענ וועגנ עוואָליוציע אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט", ווארפט זיכ גלײַכ אינ די אויגנ די גוואלדיקע ווירקונג, וואָס עס האָט געהאט אפ פראנקאָנ, צום אלעמ ערשטנ, די דערמאנטע ארבעט לאנגעס. פראנקאָ, כאָטש ער האָט געלייענט מארקסנ אונ האָט זיכ אָפּט אפ אימ פארופנ, האָט דאָכ אימ ניט פארשטאנענ. פונ דער אידיי „עקספּראָפּריִרנ די עקספּראָפּריִאטערס" ליידיקט ער אויס איר גאנצנ רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט. די שטירצונג פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג שטעלט ער זיכ פאָר ניט ווי א רעוואָליוציאָנערנ פּראָצעס, נאָר ווי א פּראָצעס אנ עוואָליוציאָנערנ. די רעוואָליוציאָנערע פּראקטיק פארשטייט ער ווי דעמ קאמפ פאר געזעלשאפטלעכע רעפאָרמעס. לויט פראנקאָ קומט אויס, אז די פּראָפּאגאנדע פונ סאָציאליזמ פירט ניט צו רעוואָליוציע, נאָר, פארקערט, זי מאכט אוממעגלעכ א רעוואָליוציע.

פראנקאָ ווייסט, אז אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט עקזיסטירנ קלאסנ. עס עקזיסטירנ עקספּלואטאטערס אונ עקספּלואטירטע. ער ווייסט, אז אינ דער געזעלשאפט איז פאראנ א שפּאלטונג, אז אינ די מאסנ פונעמ האָרעפּאשנעמ פאָלק זידט דער האס צו די פּריצימ, קאפּיטאליסטנ אונ זייערע אונטערלעקער, אָבער די גרויסע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, דעמ קלאסנקאמפ, לייקנט ער אָפּ. ער פאָדערט ענדערונגענ אינ די מאטעריעלע באדינגונגענ פונעמ לעבנ פונ די מאסנ, ענדערונגענ אינ די עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ. אָבער אונטער דער ענדערונג פונ די מאטעריעלע באדינגונגענ פונ לעבנ פארשטייט ער ניט די פארניכטונג פונ די בורזשואזע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ, וועלכע (די פארניכטונג) ווערט פארווירקלעכט בלויז אפ א רעוואָליוציאָנערנ וועג אונ נעמלעכ דורכנ פּראָלעטאריאט, נאָר בלויז אנ אדמיניסטראטיווע פארבעסערונג, אפנ גרונט פונ אײַנהיטנ די בורזשואזע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ.

אינ א גאנצער ריי ארטיקלענ זײַנע זאָגט פראנקאָ ארויס דעמ ריכטיקנ געדאנק וועגנ דעמ, אז די באפרײַונג פונ די ארבעטער איז די זאכ פונ די ארבעטער גופא. אָבער דאָס אלצ פארבלײַבט א פראזע, ווײַל אינ טאָכ ארײַנ האָט פראנקאָ געזאָרגט די גאנצע צײַט וועגנ שאפנ קאדרענ „פּאָרגעשריטענע" (לייענ—בורזשואזע) אינטעליגענצ, וואָס דארפ זיכ שטעלנ אינ שפּיצ פונעמ קאמפ פונ די מאסנ. זוכנדיק „ראדיקאלע" מיטלענ, וועלכע זאָלנ געבנ א מעגלעכקײַט אויסצוהיילנ די „מאקע" פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג,—די פּראָלעטאריזאציע פונעמ פויערטומ, די עקספּלואטאציע פונעמ ארבעטער,—שטעלט זיכ פראנקאָ אָפּ אפ דער לאנדווירטשאפטלעכער אונ קוסטאר־געווערבישער אסאָציאציע אָדער קאָאָפּעראציע. ווי מיר זעענ, זײַנענ פראנקאָס „סאָציאליסטישע" אידייענ אינ טאָכ ארײַנ געווענ אוטאָפּישע אונ רעאקציאָנערע.

פראנקאָס „סאָציאליזמ" האָט זיכ צונויפגעשטעלט פונ פארשיידענע ברוכשטיקער פונעמ פראנצויזישנ קליינבירגערלעכנ סאָציאליזמ (סיסמאָנדי) אונ פונעמ דײַטשישנ, דעמ אזוי־גערופענעמ „עמעסנ" סאָציאליזמ, אויסגעמישט מיט אידייענ פונעמ רוסישנ פאָלקיזמ, פונ דראגאָמאנאָווער „הראָמאדיווסטוואָ" אונ לאסאליאנערײַ. אינ אָט דער עקלעקטישער קאשע פונ פארשיידענע

„סאָציאַליזמען״, אין וועלכער עס איז ניט געווען אפילע קיין גראַם פון מארקסיזם, האָט ניט געקאָנט זײַן קיין אָרט אויך פארן פראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם. פראנקאָ האָט לאנגע יאָרן באהויפטעט, אַז די אינטערעסן פון די אוקראַינישע, יִדישע און פוילישע ארבעטער און פויערים — זײַנען געמיינזאמע אינעם קאמף מיט דער יִדישער און פוילישער בורזשואזיע און פריצים (וועגן אוקראַינישער בורזשואזיע דערמאנט ער קימאט ניט). פון אָט דער פאָזיציע איז פראנקאָ גאנץ שארף ארויסגעטראָטן קעגן די אוקראַינישע און פוילישע שאָוויניסטן, קעגן די אנטיסעמיטן. און דאָך האָט ער זיך אינעם קאמף, אשטייגער, מיטן פוילישן נאציאָנאליזם אָפט אראָפגעקײַקלט אַף די פאָזיציעס פון אוקראַינישן נאציאָנאליזם. באזונדערס האָט דאָס זיך אנטפלעקט אין די 90־ער יאָרן.

פראנקאָס אָנטייל אין דער נאָך ווייניק אנטוויקלטער באוועגונג פון די ארבעטער אין די 70־80־ער י.י. איז ארויסגערופן געוואָרן דורכן קאמף פון דער בורזשואזיע קעגן דעם דרוק פון די פוילישע פריצים, וועלכער (דער קאמף) איז דאַן געוואָרן לעבהאפטיקער אין די דערפער פון מיזרעך־גאַליציע. אָט פארוואָס, ווען אין די 90־ער יאָרן האָט די ארבעטער־באוועגונג אָנגעהויבן ארײַנגיין בעהאדראָגעדיק אינעם פעריאָד פון איר רעוואָליוציאָנערן אופשטײַג, איז גאנץ נאטירלעך געווען פראנקאָס איבערגאנג אַף רעכטע פאָזיציעס, זײַן איבערגעבורט אין א טיפישן בורזשואזן ראדיקאל.

אינעם 1890 י. ווערט פראנקאָ איינער פון די אָרגאניזאטערס פון דער בורזשואזער ראדיקאלער פארטיי, ער גייט אינגאנצן אָפּ פון דער ארבעטער־באוועגונג. אין דער מיט 90־ער י.י. קומט פאָר די שפאלטונג פון דער ראדיקאלער פארטיי, און פראנקאָ שטייט צו (כאָטש אפילע ניט אַף לאנג) צו די נאציאָנאל־דעמאָקראטן אין דער שפיץ מיט גרושעווסקין. אין דער צווייטער העלפט פון די 90־ער און אין אָנהייב פון די 900־ער י.י. הייבט ער שוין אָן אַן אָפענעם קאמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־באוועגונג, ער טרעט ארויס מיט א „קריטיק״ פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציאַליזם פון מארקס־ענגעלס, אָנשפארנדיק זיך אַף די פאסקוויליאנטישע אָנפאלן קעגן דעם מארקסיזם פונעם אנארכיסט טשערקעזאָוו, דערהייבנדיק דעם „סאָציאַליזם״ פון די ענגלישע פאביאַנער און פראנצויזישע פאָסיביליסטן, וואָס זײַנען געווען אָפענע דורכפירער פונעם אָפּאָרטוניזם, פון דער בורזשואזער ווירקונג אַפן ארבעטער־קלאס.

אָט דער פראָצעס פון פראנקאָס איבערגעבורט פון א קליינבירגערלעכן סאָציאַליסט אין א בורזשואזן ראדיקאל און ליבעראל איז געווען א קאָמפליצירטער און א ווייטיקדיקער. ער האָט געשאפן אין זײַן לירִיק שטימונגען פון אונטערגאנג, פעסימיזם. ער האָט ניט איין מאָל ארויסגערופן באַם פאָעט דעם ווילן צו ענדיקן מיט זעלבסטמאָרד. דאָס איז געווען די טראגעדיע פון פראנקאָ, אלס א ראדיקאלן בורזשואזן. דעמאָקראט, וועלכער האָט ניט פארשטאנען די קלאסן(בורזשואזע)־נאטור פון דער דעמאָקראטיע, „... היסטאָריש א באגרענעצטער אין איר נוצלעכקײַט, אין איר נויטווענדיקײַט״ (לענין, ווערק, ב. XXIII, ז. 292, ארויסג. 3).

אָט פארוואָס פראנקאָס געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע טעטיקײַט איז בלויז אין יענעם טייל געווען פראָגרעסיוו און אפילע רעוואָליוציאָנער, אין וועלכן זי איז געווען געווענדעט אין דער אָדער אנדערער מאָס קעגן דעם פעאָדאלן דרוק פון איין זײַט, און קעגן דער קאפיטאליסטישער רויבערישער עקספּלואטאציע פון מיליאָנען ארבעטנדיקע מאסן, — פון דער אנדערער זײַט. ניט צופעליק האָט דאָך די רוסלענדישע זשאנדארמעריע, דורך איר אגענט אין ווין, שטרענג געשפירט נאָך פראנקאָס טעטיקײַט; ניט צופעליק האָט אויך די עסטרײַכישע זשאנדארמעריע אזוי אָפט געשלעפּט אים איבער טורמעס און עטאפן (די ארעסטן פון 1877, 1880, 1889 י.י.).

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויספירלעכער אַף פראנקאָס געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע אָנשויונגען און אַף זייער עוואָליוציע איבערהויפּט דערפאר, וואָס פארן לעצטן יאָרצענדליק האָבן די נאציאָנאליסטישע פאלסיפיקאטערס פונעם טיפ זעראָוו, כריסטיוק, פיליפּאָוויטש, מוזיטשקא, בערעזינסקי, יאוואָרסקי און אנד. פּאָפּוליאריזירט אין א קאָלאָסאלן שקוואל פון פארשיידענע מאָנאָגראפיעס און ארטיקלען די נאציאָנאליסטישע לעגענדע וועגן פראנקאָס „מארקסיזם״. באַ פראנקאָס לעבן

האָבנ די נאַציאָנאַליסטנ (גרושעווסקי, יעפרעמאָוו, שטשוראט אונ אנד.) אויסגעוואָרצלט אלצ דאָס בעסטע, אלצ דאָס ווערטיקסטע אינ דער טעטיקײַט פונעם שרײַבער; בא די נײַע סאָוועטישע באַדינגונגענ האָבנ זיי זיכ געפּרוווט פאָרשטעלנ פראנקאָנ (פונקט אזויווי דראגאָמאנאָווג) פאר א מארקסיסט, פאר א דורכפירער פונעם מארקסיזמ אינ אוקראַינע. גלײַכ באמ ערשטנ באריר מיט פאקטנ צעפליט זיכ אפ פיצלעכ די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע לעגענדע וועגנ פראנקאָ דעמ „מארקסיסט״. אונ אויכ פראנקאָ אליינ האָט קיינמאָל זיכ ניט געהאלטנ פאר קיינ נאָכפאָלגער פונעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ פונ מארקס־ענגעלס.

* * *

פארשטייט זיכ, אז פראנקאָס פּאָליטישע אָנשויונגענ האָבנ געלאָזט זייער שפּור אויכ אפ זײַנ קינסטלערישנ שאפנ, זיי האָבנ ניט געקאָנט ניט לאָזנ אימ. אָבער פראנקאָ איז געווענ א קינסטלער א רעאליסט, אונ דעריבער האָט א גרויסע טייל פונ זײַנ יערושע אײַנגעהיט איר הויכע דערקענטעניש־ווערט.

נאָכ בא די ערשטע שריט פונ זײַנ שרײַבערישער ארבעט האָט פראנקאָ ארויסגעוויזנ א טיפנ אינטערעס צו דער קלאסישער מײַרעוו־אייראָפּײַשער אונ רוסישער ליטעראטור. שעקספּיר אונ סערוואנטעס, הײַנע אונ געטע, באלזאַק אונ זאָליא, שעווטשענקאָ אונ טשערנישעווסקי, נעקראסאָוו אונ טאָלסטוי, גאָגאָל אונ שטשעדרינ אאזוו. — אָט דאָס זײַנענ יענע קינסטלער פונ א וועלט־באַדײַטונג, מיט וועלכע עס האָט זיכ אינ די 70־80־ער יאָרנ פארכאפּט פראנקאָ, איבערגעזעצט, פּאָפּוליאריזירט זיי אינ זײַנע קריטישע ארטיקלענ. א באזונדער אינטערעס האָט פראנקאָ ארויס־געוויזנ צו דער רעאליסטישער ליטעראטור, וועלכע האָט געגעבנ ברייטע בילדער פונ געזעלשאפט־לעכנ לעבנ. אָט דער אינטערעס, דיקטירט דורכ די נויטנ פונ זײַנ געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישער טעטיקײַט, האָט געהאט א קאָלאָסאלנ באַדײַט אינעמ פאָרמירנ פראנקאָנ אליינ אלס א שרײַבער א רעאליסט. אינ די באַדינגונגענ פונ מיזרעכ־גאליציע איז פראנקאָ געוואָרנ דער גרונטלייגער פונ א רעאליסטישער ליטעראטור פונ דער דעמאָקראטישער ריכטונג.

... ניט באיארד — דער אומבאקעמפּבארער אטלעט,<br>
ניט דאָנ־זשואנ, דער באזיגער פונ אלע פרויענ־הערצער,<br>
איז דער העלד פונ אונדזער צײַט, נאָר דער פּראָדוצענט, דער ארבעטער.

עס איז ניט שווער זיכ פאָרצושטעלנ, וואָס פאר א גוואלד עס האָט אופגעהויבנ דאָס רע־אקציאָנערע בירגערטומ קעגנ אזעלכע לאָזונגענ אינ דער ליטעראטור. דאָכ האָט פראנקאָ געפונענ אינ זיכ גענוג קרעפטנ אפ ארויסצוטרעטנ קעגנ די פוילע געשמאקנ פונעמ בירגערלעכנ „לייע־נענדיקנ פּובליקומ״. אויסלערנענדיק דאָס לעבנ פונ די פויערימ, האנטווערקער אונ ארבעטער, האָט ער אינ פילצאָליקע סקיצנ, נאָוועלנ אונ דערציילונגענ פאנאנדערגעוויקלט א שוידערלעכ אינ זײַנ עמעסדיקײַט בילד פונ דער באלעגופיש־גאלאָכישער בארײַסערײַ אינ די דערפער, א בילד פונ אכזאָרישער עקספּלואטאציע פונ די ארבעטער אינ די שאכטעס, וואלד־געווערבנ אונ נאפט־געווערבנ.

זײַנע סקיצנ אונ דערציילונגענ וועגנ דער רויִנירונג פונעמ מיזרעכ־גאליציאַנער דאָרפ האָט פראנקאָ געבויט אפ קאָנקרעטנ מאטעריאל פונ באאָבאכטונגענ, אפ פאקטנ. בא אנ אָרעמענ שאכ־טיאָר קומט אומ מיט א שרעקלעכנ טויט א געליבטער זונ („א שאכטיאָר״); א שווײַגנדיקער, שטילער מוליער האָט אופגעבונטעוועט, האָט שיר ניט דערהארגעט דעמ אונטערמײַסטער, וואָס אײַדעקעוועט זיכ איבער אימ, אונ ער פאלט ארײַנ אינ די הענט פונ פּאָליציי („א מוליער״); עס גייט אונטער דער הויז־געווערב פונ די דאָרפישע האנטווערקער, צעקוועטשט דורכ די שטײַערנ („א גוטער פארדינסט״, „א הויז־געווערב״); עס קומט אומ מיט א שרעקלעכנ טויט אפ די וואלד־געווערבנ א קאפּצנ, וועלכער האָט זיכ אוועקגעלאָזט אפ פארדינסטנ, קעדיי אויסקויפנ זײַנ הײַזקע („אליינ דער שולדיקער״); עס קומט אומ מיט א הונגעריקנ טויט א פאמיליע ציגײַנער, וואָס

עס פֿאַרפֿאָלגט זיי א זשאנדארם („ציגייַנער“); עס שטארבט אינ טורמע א מערדער, וועלכנ מע האָט פֿארורטיילט „אפ אייביקע יאָרנ אונ נאָכ אפ פיר יאָר“ („אינ טור מע־שפיטאָל“); עס קומענ אומ קינדער, וועלכע די נויט האָט ארויסגעוואָרפֿנ אפ דער גאס („יאנדרוסנ“, „Odi profanum vulgus“) א א וו. פונ די קליינע אונ זייער איינפאכע סקיצנ שטייט אופ א שווידערלעכ בילד פונ קאַפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע, פֿארווילדעטקייַט אונ אונטערגאנג. איבער אָט דעם אלעמענ הערט זיכ די ייִעשדיקע שטימ פונעם אווטער: עס קומט אומ דער מענטש.

קימאט אינ יעדנ ווערק זייַנעמ שטרייַכט דער אווטער אומבאדינגט אונטער, אז קוילערס, גאנאָווימ, פּראָסטיטוטקעס ווערנ ניט געבוירנ, נאָר זיי זייַנענ א פּראָדוקט פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, בא וועלכער איינ מענטש דעמ צווייטנ איז א וואָלפ, בא וועלכער אלצ איז געריכטעט דערצו, אז עס זאָל זיגנ דער גוויר, אונ דער קאפּצנ זאָל אומקומענ. די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט דערמאנט דעמ אווטער אנ אומענדלעכע יאמ־טיפֿעניש. בלויז „פונויבנ“ זידט דאָס לעבנ, אונטנ אָבער, אפנ געזעלשאפטלעכנ „דעק“, איז „טויטע וואסער“, א בייסוילעמ, ווו עס קומענ אומ צעקוועטשטע, ארויסגעוואָרפֿענע פונ דער געזעלשאפט מענטשנ. פּראנקאָ ווייסט, אז ווענ עס זאָל זיכ ענדערנ די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, וואָלטנ פונ אָט די קלוימערשט אפ שטענדיק פֿארפֿאלענע „אָפּפאלנ פונ דער געזעלשאפט“ ווידערגעבוירנ געוואָרנ נוצלעכע מענטשנ פאר דער געזעלשאפט. דער פֿארווילדעטער, דערדריקטער דורכ דער טפּיסע באטראק באָוודור, וועלכער האָט שוינ איינגאנצנ געקריָגנ א צורע פונ א כייַע, היט אופ אינ זייַנ נעשאָמע א פונק מענטשלעכקייַט, וועלכער וועט אָבער דאָכ צעטראָטנ ווערנ דורכ די שטיוול פונ די כייַיש־ווילדע טורמעניקעס „אפנ דעק“. אינ הארצנ באמ זעכצניאָריקנ יינגל יאָסל שטערנ, וועלכנ עס עקספּלואטירט אונ ברענגט אומ דער ארענדאר, טליִעט א פונק פונ גרויסנ הומאניזמ, וועלכער שלעפּט אימ פונ דער „טויטער וואסער“ פונעמ געזעלשאפטלעכנ „דעק“ — „צומ ליכט“, אָבער אָט דער פונק ווערט פֿארלאָשנ הינטער די הויכע ווענט פונ טפּיסע („צומ ליכט“).

א באזונדערע באדייַטונג האָט דער אזויגערופענער „באָריסלאווער ציקל“ פונ פּראנקאָס ווערק, אינ וועלכנ עס איז געגעבנ א ברייטער באווייַז פונ דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע פונ די ארבעטער אונ פונ די ערשטע שריט פונ זייער רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ. אינ אָט דעמ ציקל גייט ארייַנ די סעריע באָריסלאווער דערציילונגענ („א נאפט־ארבעטער“, „א זינדיקער א באל־כאראָטע“, „אפ דער ארבעט“, „יאצ זאלעפוגא“, „דער שאפער“, אונ אנד.) אונ די דערציילונגענ „Boa Constrictor“ אונ „באָריסלאוו לאכט“.

אינ די פריִקע דערציילונגענ פונ באָריסלאווער ציקל שלאָגט זיכ דורכ דעמ עמעסדיקנ באווייַז פונ דער נויט אונ ליידנ פונ די ארבעטער א טענדענצ, וועלכע מע קאָנ פֿאָרמולירנ אזוי: צוריק פונעמ קאפּיטאליזמ. אָט די רעאקציאָנער־פֿאָלקיסטישע טענדענצ ווערט ארויסגעשטויסנ דורכ דערווירקלעכקייַט גופֿע אינ די ווייַטערדיקע ווערק, אונ באזונדערס — אינ די דערציילונגענ „Boa Constrictor“ אונ „באָריסלאוו לאכט“. אינ „Boa Constrictor“ גיט פּראנקאָ די געשיכטע פונעמ אופקומ אונ פֿאָרמירונג פונ א טיפּ פונ א קאפּיטאליסטישנ עקספּלואטאטער אינ דער פּערזאָנ פונ גערמאנ גאָלדקרעמער. אינ דער דערציילונג „באָריסלאוו לאכט“ איז געגעבנ א ברייט אונ העל בילד פונעמ קאמפּ פונ די ארבעטער קעגנ דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע. פּראנקאָ באווייַזט שריט בא שריט, וויִאזוי דער דרוק פונעמ אונטערנעמער שמידט צונויפ די ארבעטער, וועקט אופ אינ זיי דעמ גייַסט פונ קלאסנ־סאָלידאריטעט, וויִאזוי עס ווערט געבוירנ די אידיי פונ א שטרייַק. אינ שפּיצ פונ די ארבעטער שטעלט זיכ דער שטאָטישער ארבעטער בענעדיאָ סיניצע אונ אָפּשטאמלער פונ דאָרפישע גווירימ — די ברידער בעסאראבנ. סיניצע איז — דער באגייַסטערער פונעמ שטרייַק, א פּרינציפּיעלער אָנהענגער פונ אָרגאניזירטנ ארבעטער־קאמפּ; די ברידער בעסאראבנ באשטייענ אפ א טאקטיק פונ „אנטשיידענע טאטנ“ אינ גייַסט פונ די בלאנקיסטיש־נאראָדאָוואָלישע פּרינציפּנ. אָביעקטיוו איז טאקע סיניצעס ליניע געווענ רעוואָליוציאָנער. פּראנקאָ האָט דאָס ניט באזיניקט, אונ, זייַענדיק אליינ א פּרינציפּיעלער קעגנער פונ רעוואָליוציאָנערע קאמפּ־מעטאָדנ, האָט ער געמאכט א פּרווו צו „אנטקרויננ“ זיי דורכ באווייַזנ די בעסאראבנ,

וועלכע האָבן גערופן צינדן און רויִנירן די שאַכטעס. צוליעצט, האָט פראַנקאָ זיך אַליין פאַרפלאָנטערט אין די קעגנזאַצן, און אַרויסגייענדיק פון זיי דורך אַ קאָנסעקווענטן צעוויקלען סיניצעס געשטאַלט האָט ער ניט געקאָנט. אַלע זײַנע סימפּאַטיעס זײַנען אויף סיניצעס זײַט, אָבער גלײַך נאָך דעם ערשטן דורכפאַל באַם צוגרייטן דעם שטרײַק (די אונטערנעמער באַנווענען אַרויס די קאַסע) ווייסט ניט פראַנקאָ, וווהין צו ריכטן די טעטיקייט פון זײַן פּאָזיטיוון העלד, ער פאַרלירט זיך. דאָס ווערק איז אַזוי טאַקע פאַרבליבן ניט דערשריבן.

ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, פאַרבלײַבט די דערציילונג „באָריסלאַוו לאַכט״ דאָס בעסטע ווערק ניט בלויז אין פראַנקאָס שאַפונג, נאָר אויך אין דער גאַנצער אוקראַיִנישער ליטעראַטור פון סאָף 19־טן י. ה. אין דער דערציילונג „באָריסלאַוו לאַכט״ טרעט דער אַרבעטער־קלאַס אַרויס צום ערשטן מאָל ניט בלויז ווי אַ קלאַס אַן אונטערדריקטער, נאָר אויך ווי אַ רעוואָליוציאָנערער קלאַס. פראַנקאָס טענדענץ איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט: זי האָט ניט געגעבן די מעגלעכקייט פאַרענדיקן דאָס ווערק, אָבער זי האָט ניט דערהאַרגעט דעם רעאַליזם.

דער רעאַליזם האָט געגעבן אַ הויכע דערקענטעניש־ווערט פיל ווערק פראַנקאָס פון די 90־ער יאָרן. נאָך דער ראָמאַנטישער אויטאָפּיע „זאַכאַר בערקוט״ (1883 י.) האָט פראַנקאָ אָנגעשריבן צוויי זייער אינטערעסאַנטע דערציילונגען „פאַרן היימישן ווינקל״ און „דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט״. אין דער ערשטער ווערט געגעבן אַ שאַרפע קריטיק פונעם פּוילישן בירגערטום און אַריסטאָקראַטיע, און אין דער צווייטער — פונעם דרוק פון די פּוילישע פּריצים. פאָרזעצנדיק די ליניע פון זײַנע נאָוועלן פון 1880 יאָר („אויפן באַרגשפּיץ״, „פון די שריפטן פון אַ כוילע״, „אויפן דעק״) גיט פראַנקאָ העלע בילדער פון אָט די „פּאַראַזיטן מיט אַ וואַסערדיקן מויעך״, וואָס רופן זיך אַליין „דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט״, און דאָס פאָלק — „פוילשטאָף״, אויף וועלכן עס וואַקסט „די בלום״ פון דער שליאַכטישער ציוויליזאַציע. צוזאַמען דערמיט ווײַזט דער אויטער אַרויס זײַנע סימפּאַטיעס צו יענע פּוילישע רעוואָליוציאָנערן, אַפילו פון שליאַכטישער אָפּשטאַמונג, וואָס „האָבן באַטריפט די האַלבקײַלעכן פון דער ערד מיט זייער בלוט״, וואָס „זײַנען דורכגעלאָפן איבער דער לענג און ברייט פון אַלע לענדער פון אייראָפּע״, וואָס „האָבן פאַרפילט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט מיט זייערע ווייען און קלאָגעכישן, און לידער״, וואָס זײַנען אומגעקומען „אין סיביר און אין קאַזעמאַטן״, „זײַנען רויִנירט געוואָרן דורך אויפשטאַנד און טויזנטער פרײַוויליקע אָפּפערס״.

צו אַ קריטישער, דעמאַסקירנדיקער קראַפט אינעם באַווײַזן דעם דרוק פון די פּוילישע פּריצים אינעם מײַרעוו־אוקראַיִנישן דאָרף איז פראַנקאָ דערגאַנגען גראָד דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געסטאַרעט שרײַבן דעם עמעס, געסטאַרעט זיך זײַן עמעסדיק אינעם באַווײַזן דאָס לעבן פון די מאַסן. דאָרט אָבער, ווו פראַנקאָ איז אָפּגעגאַנגען פון די פאַקטן, ווו ער האָט זיך געסטאַרעט דורכפירן זײַנע „פּלענער״ פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דאָרט האָט די ליבעראַלע טענדענץ אומגעבראַכט זײַן רעאַליזם, זי האָט פאַרוואַנדלט דאָס ווערק אין אָנצייניקער פּובליציסטיק, און די העלדן פון ווערק — אין גייענדיקע סכעמעס, נודנע און אומנאַטירלעכע. אַזוי האָט געטראָפן מיט די דערציילונגען „זיך־קרייצנדיקע סטעזשקעס״, „גריץ און פּאַניטש״ און אַנד. און אין דער דערציילונג פון 1907 יאָר — „דער גרויסער גערויש״ האָט פראַנקאָ געענטפערט אויפן דורכפאַל פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר מיט אַ בורזשואַז־ליבעראַלער פּריידיקונג פון קלאַסן־„שאָלעמ״ צווישן דעם פּויערטום און די פּריצים.

מיט פראַנקאָ דעם רעאַליסט סײַ אין זײַן דיכטונג, סײַ אין דער פּראָזע, סײַ אין דער דראַמאַטורגיע האָט געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס מיט אַסאַך רעאַליסטן פון דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער און רוסישער ליטעראַטור פון 19־טן י. ה. שטייענדיק אויף די פּרינציפּן פון עמעסדיקייט אינעם באַווײַזן דאָס לעבן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן — אַרבעטער און פּויערים, האָט ער דערמיט אַליין הויך אויפגעהויבן די דערקענטעניש־ווערט פון זײַנע ווערק, פאַרברייטערנדיק די ראַמען פון זייער סאָציאַלן רעזאָנאַנס, פאַרטיפנדיק זייער קינסטלערישן אינהאַלט. פראַנקאָס רעאַליסטישע שאַפונג האָט, אַזוי צו זאָגן, „אַריבערגעוואַקסן״ זײַנע פּאָליטישע פּאָזיציעס, אַרויסשטויסנדיק דעם לייענער

אפ רעוואָליוציאָנערע אויספּירנ,— צי האָט דאָס געוואָלט דער אווטער, צי ניט. פראנקאָ דער קינסטלער־רעאַליסט האָט געקוקט ווײַטער, האָט געזענ טיפער, ווי פראנקאָ דער פּאָליטיקער.

איצט זײַנענ די ארבעטער אונ פּויערימ פונ מײַרעוו־אוקראַינע אונטערנ דרוק פונעמ פּוילישנ פאשיזמ פארטריבנ אינ א נאָכ מער שוידערלעכנ יאָכ אונ דאַלעס, באַרײַסעריי, פּאָליטישע רעכט־לאָזיקײַט, איידער דאָס איז געווענ אינ פראנקאָס צײַטנ. אָבער זיי ווייסנ גוט, אז אפ מיזרעכ־אייראָפּע עקזיסטירט א מעכטיק לאַנד — דער ברידערלעכער פארבאַנד פונ פרײַע פעלקער — ד ע ר פּ ס ר ר, דאָס פּאָטערלאַנד פונ די ארבעטנדיקע פונ דער גאָרער וועלט, אז אינ יענעמ לאַנד פונ לענינ־סטאַלינ, דעמ לאַנד פונ סאָציאַליזמ, ווערט געבויט א פרײַ, ליכטיק, פריידיק לעבנ.

אַלע ברייטערע מאסנ ארבעטער אונ פּויערימ פונ מײַרעוו־אוקראַינע באַזיגיקנ, אז דער איינ־ציקער וועג פאר זיי דאָס איז דער רעוואָליוציאָנערער קאמפּ, צוזאמענ מיט די ארבעטער אונ פּויערימ פונ פּוילנ, קעגנ דעמ דרוק פונ דער כײַיש־ווילדער נאציאָנאַליסטישער באַנדע פונעמ פּוילישנ אונ אוקראַינישנ פאשיזמ.

פּעטראָ קאָלעסניק.

# ש ט יי נ ב ר ע כ . ע ר.

איך האָב געזען אַ שיינעם כאָלעם. אַ פּוסטער פלאַך
זיך שפּרייט פאַר מיר. ס'איז אומגעהייער ווילד זײַן אויסזען.
אַ הויכער פעלדז דאָרט שטײַגט פון ווייסטן דרויסן;
איך שטיי געשמידט אין קייטן פאַר דעם פעלדז דעם גרויסן —
ווי איך, דאָרט שטייען מענטשן טויזנטער אַסאַך.

מיט טרויער־קנייטשן שטערנס טיף פאַרצויגן,
אַ גלי פון ליבע ברענט בײַ יעדערן אין בליק.
די הענט האָבן קייטן ענג, ווי שלענג, אַרומגעצויגן,
בײַ יעדערן די אַקסלען נידעריק געבויגן,
ווײַל אַלעמען אַ גרויסע שווערע מאַסע דריקט.

אין יעדער האַנט אַן אײַזערנער, אַ שווערער האַמער,
און ווי אַ דונער פון דער הייך, אַ קאָל זיך טראָגט:
„איר שטורמט דעם פעלדז, צעבּרעכט די ווילדע צאַמען,
ניט שרעקט זיך פאַר קיין מי, פאַר אַלע שלעק צוזאַמען —
ס'איז אײַך באַשערט דעם פעסטן פעלדז צעשטערן: שלאָגט!"

ווי איינער, אַלע האָבן מיר די הענט געהויבן,
און טויזנט האַמערס שווערע פאַלן אויף דעם שטיין.
פון טויזנט זײַטן מוז דער פעלדז זיך דרויבן,
אין שטיקער אָן אַ צאָל, אין ברעקלעך און אין שטויבן
געשווינד צעפאַלט זיך זײַן פאַראַקשנטער געביין.

ווי הילך פון שלאַכט און ווי פון וואַסערפאַל דאָס שלאָגן,
האָבן האַמערס אונדזערע געדונערט איינס נאָך איינס,
און טראָט נאָך טראָט מיר האָבן אָרט געקראָגן,
כאָטש פיל פון אונדז האָבן שטיינער שווער צעשלאָגן
און ווײַטער אַלץ געגאַנגען און ניט געבליבן שטיין...

ניט וויינען — ברעכן מויערן.
זאָל זײַן פאַר די קינדער,
אויב ניט פאַר זיך אליין,
אויסקעמפן גליק מיט אייגן געביין.

# אײביקער רעוואָלוציאָנער

שטרענגער רעוואָלוציאָנער —
גײַסט, וואָס רײַסט דאָס לײַב צום קריג,
רײַסט פאר זיג פון גליק און פרײַהײַט, —
ניין, ער לעבט, ניט טויט איז ער.
ניט קיין פּײַן און ניט קיין צאָרעס,
ניט גאלאָכים, ניט קייסאָרים,
ניט כאיאָלעס צארישע ווילדע,
ניט הארמאטן אָנגעצילטע,
ניט שפּיאָניש פאלשעס וואָרט,
ניט גערירט האָט אים פון אָרט.

ניט טויט איז ער, ער לעבט נאָך!
טויזנטער יאָר איז ער אלט.
און ערשט נעכטן ווידער זיך צעבליט,
קרעפטן נײַע ער באהאלט
און שטײַגט, און שטארקט זיך שטענדיק,
אהין, ווו ס'טאָגט, ער ווארפט זיך,
מיטן פעסטן וואָרט, ווי מיט טרומייטן,
מיליאָנען אים באגלייטן,
און די וועלט נאָך אים אין פרייד שוין שפּרײַזט,
עס רעדט דער גײַסט.

אומעטום די שטים פון גײַסט:
אין פּויערישע שטיבער
און אין ווארשטאטן, אין גריבער,
אין ערטער פון דער נויט.
ווו זײַן שטים טוט זיך הערן,
פארשווונדן ווערן די טרערן,
און עס ווערט א קראפט געבוירן.

און יעדער האָט געוווּסט, אַז ס'וואַרט אויף אים קיין רום ניט
און ניט קיין אָנדענק צווישן מענטשן פאַר זײַן שווערער מי,
אַז דענקמאָל אויף דעם וועג וועלן מענטשן קומען,
וועט מיר וועלן שאַפן אים און אויסגלײַכן אַרומעט,
און ביינער אונדזערע וועלן פוילן אונטער אים.

קיין רום קיין מענטשלעכן מיר האָבן ניט געוואָלט גאָר,
ווײַל ניט קיין העלדן זײַנען מיר און גאָר ניט גרויס.
אָ, ניין, זיך פרײַוויליק פאַר קנעכט געמאָלדן,
אויף זיך גענומען קייטן, פון פרײַהייט קנעכט געוואָרן,
אויפן וועג פון פאָרשריט שטיינברעכער מיר זײַנען בלויז.

און אַלע, אַלע גלייבן מיר, ווי איינער:
מיר וועלן אים צעשמעטערן, דעם שרעקנדיקן פעלדז.
מיט בלוט מיט אייגענעם, מיט לעכצנדיקע ביינער,
אַ נײַעם פּלאַץ בויען מיר פון נײַע שטיינער —
דאָס נײַע לעבן גייט — עס קומט אַ נײַע וועלט!

מיר האָבן דאָס געוווּסט, אַז ערגעץ אויף דער וועלט דאָרט,
וואָס מיר האָבן פאַרוואָרפן צוליב מי און לייד,
דאָרט מוטערס, קינדער, פרויען וויינען הייס און וועלקן,
אַז פּײַנט און פרײַנט דאָרט בייז זיך צאָרענען און שעלטן
אַ אונדז, אַ אונדזער פרוי, אַ אונדזער גרויסן שטרײַט.

מיר האָבן דאָס געוווּסט — די זעל האָט טיף געוויייטיקט,
דאָס האַרץ האָט זיך געריסן, און טרויער האָט געקלעמט,
נאָר ניט טרערן, ניט דער טרויער, ניט דער ווייטעק,
ניט קלאָלעס האָבן פון דער זאַך אונדז ניט באַזײַטיקט,
ס'האָט קיינער ניט אַרויסגעלאָזט דעם האַמער פון די הענט.

און אָט אַזוי מיר גייען — אייַן געשמידטע מענגע,
האַמערס אין די הענט, מיט איין געדאַנק אין בליק.
מע האָט פאַרשאָלטן אונדז, מע וויל אונדז ניט געדענקען,
מיר ברעכן דאָך דעם פעלדז, אַ וועג דעם עמעס שענקען,
אויף ביינער אונדזערע וועט קומען ערשט דאָס גליק.

# א י נ  ט אָ ל  א  ד ע ר פ ל  ל י ג ט

אינ טאָל א דערפל ליגט,
א נעפל שוועבט אונ שטיקט,
אפנ בארג אינ עק פונ דאָרפ
א קוזניע שטייט, א שמיד ווינט דאָרט.

דאָס הארצ באמ שמיד איז צעגליט,
ער שמידט אונ זינגט א ליד:
„קומט, לײַט, פונ הײַזער, פונ פעלד,
עס שמידט זיכ דאָ א נײַע וועלט.
קומט, לײַט, קומט אינדערפרי,
קומט פונ ווײַט, קומט פונ הי".

אונ די נעפלענ זיכ שפרייטנ
איבער פעלדער ברייטע,
אונ פארדעקנ פאר מענטשנ די וועגנ,
אונ פארהילנ פאר מענטשנ די שטעגנ,
וואָס פירנ צומ בארג פונ דעמ טאָל,
צומ שמיד, וואָס שמידט פונ שטאָל
ניט קיינ קייטנ, נאָר געווער
פאר דער נײַער פרײַער ערד.

# ס אָ ר ק ע.

כ׳בין א ייִדיש קינד אַן אָרעמס,
ניט קיין שיינס, ניט קיין גראָטנס.
נידעריק, דערצו געבויגן,
און דאָס פּאָנעם גאָר א צאָרע.
נו, ווי דען געקאָנט האָט וואקסן
פּראָסטע אויסגעדאַרטע סאָרקע —
אָן א טאטע, אָן א מאמע,
קליינערהייט שוין צווישן פרעמדע
פּאָלגן געגג און גיין שעליכעס.
צוואנציק יאָר אזוי געלעבט זיך,
ניט געלעבט, נאָר אומגעשלעפּט זיך,
פון א קרעטשמע צו א קרעטשמע,
טאָג און נאכט אין שווערער ארבעט.
די רענדארשע — פוילע קליפּע,
דער רענדאר — א פרומער גאנעוו,
און די געסט — ווי שמאטעס, קלעפּיק —
אלץ נאָר איינס אין זיי אין זינען:
ארבעט אלץ דער דינסט פארגעבן,
אלץ זי שטורכענען, זי קנייפּן,
און די דינסט זאָל גאָר קיין פּיפּס טון,
זאָל נאָר שמייכלען גאָר באדארפן,
כאָטש אין הארץ ברענט האס און בושע.
צוואנציק יאָר אזוי געלעבט זיך,
ביסקל איינמאָל רוימט דער קרעטשמער:
„קום באנאכט צו מיר, דו, סאָרקע,
וועט עס פאָרט דאָס ווײַב אוועק נאָר!"
כאָטש בין מיעס און געבויגן,
כאָטש געוואקסן גראָב און נאריש,
ניט קיין לייענען, ניט קיין שרייַבן,

און אינגאנצן קאָן ניט דאַוונען, —
נאָר כ׳האָב באַלד און גלײַך פאַרשטאַנען,
צוליב וואָס סע רופט מיך יודקע.
כ׳האָב געטראַכט: „איך מוז אַנטלויפן
און דער קרעטשמערקע דערציילן״.
נאָר זיך באַלד באַטראַכט: „פאַרוואָס דען?
ס׳לעבן מײַנס פאַרגייט דאָך סײַווי,
ווי דאָס וואַסער אַף דער בלאָטע,
אָן א פרייד, אָן גלוסט, אָן נאַכעס.
שטאַרבן וועל איך און ניט וויסן
אָט דאָס גליק, וואָס אַנדערע ווייסן.
און אין הימל אין פאַרשטאָפּטן
נישטאָ קיינער, וואָס זאָל העלפן.
לאָמיך אויכעט, לאָמיך אויכעט
מײַנס אַן אייגן קינד מיר האָבן.
ווי וועל איך עס ליבן, האַרצן,
העטלעך, פּיסעלעך די קליינע
קושן, קושן זיי, דערוואַרעמען.
שענקען דעם לעצטן ביסן,
אַז די זעט זאָל דעם ניט פעלן.
שלאָגט מען מיך, נו, זאָל מען שלאָגן,
נאָר אַבי מײַן טויב זאָל וואַקסן,
גלײַך ווי אַלע מענטשנס קינדער!״
האָב איך אָפּט אַזוי געטראַכט זיך,
וואַסער שלעפּנדיק פון טײַכל,
שמאַטעס יידישע באַם לאַטען,
נ׳קיך באַם וואַשן די געפעסן.
און געפילט האָב אונטערן האַרצן
שטאַרקער אַלץ און שטאַרקער רירט זיך,
הייבט זיך אַלץ און דרייט זיך איבער.
אָפּט פאַרכאַפּט מיר אויש דעם אָטעם,
גלײַך בין שיקער און פאַרקישעפט,
פון די הענט די אַרבעט פאַלט מיר,
זיץ מיט צוגעמאַכטע אויגן,
כ׳לעב שוין, אַזויווי אין כאָלעם, —
א ראָזעווע, א קלייניטשקס,
א ווייכינקס אַזא און א פּוצקע,
זויגט עס די ברוסט באַ דער מאַמען,

שמיצט מיט די פיסלעך, שמייכלט, —
כ׳וואָלט אַזוי יאָרן געזעסן.
כאַפּט זיך באַלד אויף די רענדאַרשע,
טוט מיר אַ רוק אין דער פּלייצע,
רוק און שטורך און צעשרייַט זיך.
קום איך צו זיך פֿון מייַן כאָלעם,
קוק מיר אָפּ איר אָן פֿאַריבל!
אַז גאָר קיין קאַפּעלע פּייַנטשאַפט,
גאָרניט געווען אין מייַן האַרצן.
שטאָלץ אַזוי, שטאָלץ און געהויבן,
וואָלט איך געזאָגט אָט דער קליפּע:
„כאָטש ביסט די קרעטשמערקע רייַכע,
איך, נאָר די אָרעמע דינסטמויד,
פֿאָרט בין איך איצטער דייַן גלייַכן!
אַ מאַמע, אַ מאַמע! קליפּע!"
ווען בין געווען אָפּ דער צייַט שוין,
האָט די רענדאַרשע דערוווּסט זיך.
אוי ווי! — די קלאָלעס, די גוואַלדן
האָט מיך פֿון קרעטשמע פֿאַרטריבן
סאַמע אין שניי און אין קרירע.
יודקע פֿאַר איר האָט געציטערט,
יודקע קיין פּיפּס ניט געגעבן.
פֿאָרט האָט ראַכמאָנעס געקריגן,
שקאַפּע געשפּאַנט אינעם שליטן,
אָפּגעפֿירט מיך צו׳ן אַ בובע.
שטיל מיר געשענקט אַ פּאָר גריוונעס.
„אָרעמע סאָרקע", געזאָגט מיר,
ווויִנ באַ דער בובע וואָס לענגער,
כ׳וועל דיך שוין זען באַזאָרגן.
פֿאָרכט נאָר פֿאַר גאָט און דערצייל ניט,
זאָג ניט דער קרעטשמערקע מייַנער,
זאָג ניט, אַז איך בין דער טאַטע!
זי וועט מייַן לעבן פֿאַרסאַמען!"
גליקלעך געבוירן אַ ייִנגל,
געזונט און אַ שיינער — אַ מאַלעך!
כ׳וווין באַ דער באָבע אַ כוידעש,
בין שוין אײַנגאַנצן אַ געזונטע.
יודקע נאָר ווייַזט זיך ניט, קומט ניט.

אלט איז די בובע און אָרעם,
האָט אויך אליין גאָר קיין ברויט ניט,
אָרעם און אָן שום כאיונע.
ווי ז'מיר, וואָס הייבט מען אָן טוען?
זאָגט צו מיר איינמאָל די בובע:
„זעסטו דאָך, טײַערע סאָרקע,
דאָ איז קיין פלאן ניט צו בלײַבן,
מוז מען א נעסט זיך געפינען.
כ'שליס אפ ווינטער מײַן שטיבל,
כ'דינג זיך, באם וויט*) מיר אן אלקער.
נעם־זשע דיר, סאָרקע, דײַן קינד מיט,
גיי, בידנע, גיי צו דײַן יודקען.
וועט דיך דאָס ווײַב זײַנס ניט וועלן, —
גיי ערגעץ, גיי צווישן מענטשן!"
דעמלט א פראָסט געווען — שרעקלעך!
שנײ איבער פעלד האָט געדרייט זיך,
איך — קימאט נאקעט און באָרוועס.
אלץ וואָס געהאט עפּעס ווארעמס,
ס'קינד מײַנס אין אלץ האָב פארוויקלט.
און איך — פאר זיך דארף ניט גאָרניט!
כ'גיי צו דער קרעטשמע, צו יודקען.
קום איך אהין, די רענדארשע
קוקט אפ מיר גלײַך א בייזוווּנדער!
(האלט שוין א דינסט שוין אן אנדערע)
„וואָס דארפסטו?" — פרעגט די רענדארשע.
„כ'האָב פינף יאָר געארבעט דאָ", זאָג איך,
„איצט נאָך מײַן לוין בין געקומען".
אך, אז א קוויטש געטאָן האָט זי:
„זאָג באלד, דו, וואָרעם פאסקודנער!
זאָג נאָר, דײַן קינד איז פון וועמען?!"
„מײַנס", זאָג איך, „און ניט קיינעמס!"
„זאָג ווער דער טאטע דעם קינדס איז!
זאָג, אניט קריגסטו קיין גראָשן!"
„דאָס וועל איך קיינמאָל ניט זאָגן!"
„מארש פון דער שטוב מיר! דו טראנטיע!
כ'זאָל דײַן געביין דאָ ניט זען!
דיך און דײַן מאמזער פאסקודנעם!"

*) וו ו י ט — דער דאָרף־סטאראָסטע.

„יודקעכע טײַערע", בעט איך,
„זעט, ס'איז אין דרויסן אַ קרירע.
איך — קימאַט באָרוועס און נאַקעט.
ס'קינד איז בײַ מיר נאָך אַ קלײנינקס,
וווּהין אין דער נאַכט זאָל איך גײן?"
וואָס דיר! פֿאַרשמוצ מיר מײַן שטוב ניט!
נ'דר'ערד אַרײַן גײ, וווּהין דו ווילסט זיך!"
האָט זי אַ שפּרונג געטאָן, כצופֿע,
מיך פֿון דער קרעטשמע געשלײַדערט,
גלײַך אין דער ביטערער קרירע.
בין איך אַוועק, ווי אַ דולע.
שווער אַזוי, שווער אויפֿן האַרצן.
וווּהין איז עס יודקע פֿאַרפֿאַלן?
וואָס כאָטש קײן אויג ניט געוויזן?
כאָטש מיט קײן וואָרט ניט געהאָלפֿן?
ס'מויל ניט פֿאַרשטאָפּט אָט דער קליפּע?
ווּ זאָל איך איצט זיך אַהינטון,
ווענען אַ נאַכטלעגער בעטן?
פֿינף יאָר געלעבט אין דער קרעטשמע.
כ'קען ניט און ווײס ניט דאָס דאָרף דאָ,
כ'קען ניט. די מענטשן, וואָס לעבן
דאָרט, אין די גרוי־גראָווע שטיבלעך,
זײַנען געווען פֿאַר מיר שרעקלעך.
דאַכט, זײַנען אַלע דאָרט שיקער,
גרייט, דאַכט זיך, שטענדיק צו שלאָגן,
זידלען אַ ייִדישע טאָכטער.
אוי, אַזאַ שרעק מיך באַפֿאַלן —
גלײַך אין פֿינצטערן וואַלד בין,
גלײַך ווי מיט וועלף. ס'הייבט אָן טונקלען.
באַלד האָט דאָס קינד זיך צעכליפּעט.
פֿיל איך: כ'האָב מילך נאָך אין ברוסטן.
כ'זעצ זיך אין שניי בײַ אַ פּלויטל
זויגן דעם אויפֿעלע געבן.
האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן קלײנינקס,
קרעפּטיק אַ כאַפּ געטאָן זויגן —
ביטערן פֿראָסט ניט דערפֿילט נאָך,
בעקעלעך נאָר זײַנען רויט שוין.
זויגט, און די אײגעלעך שוואַרצע

קוקן מיר גלײַך אינעם פּאָנעם.
קוקן אזוי מיט א קלוגשאפט,
גלײַך אָט־אָט וועט עס א זאָג טון:
„מאמעלע, שרעק דיך ניט, מאמע!"
גוט אזוי, גוט מיר געוואָרן,
גוט אזוי, ליב אזוי, ליכטיק,
גלײַך ווי דער שניי וואָלט צעגאנגען,
ווארעמער ווינט וואָלט זיך צעבלאָזן,
צווײַגן און בליטן צעבליט זיך...
קוק איך און האלט אין איין קוקן
פּ'טײַבעלע קלײנינקן מײַנעם,
וועלט און די צאָרעס פארגעסן...
פּלוצעם — א הונט האָט צעבילט זיך,
ווינט זיך צעפּײַפּט אינעם אויער,
שניי מיר א שמיץ אין די אויגן.
כ'האָב זיך א הייב געטאָן טייקעף.
פיל איך — אוי, הענט און די פיס מיר
שוין גאָר פארגליווערט, ווי קריִעס,
ס'קינד איז פארפרוירן און יאָמערט,
מיך נייגט דער שלאָף צו דער ערד גאָר,—
אומגליק, מיר ווערן פארפרוירן!
איז מיר אדורך א מאכשאָווע
גיך, ווי א בליץ, אינעם קאָפּ מיר:
„וואָס־זשע פארפרוירן, נאָך בעסער!
ווערט עס א סאָף צו דעם פּלאָגן".
קינד אָבער יאָמערט, שטילינקס,
שנײַדט עס מײַן הארץ, ווי א מעסער,
יאָגט אָפּ די מיִעסע געדאנקען.
„ניין, ניין, אליין זאָל איך שטארבן,
וואָס זאָל דאָס קינד, נעבעך, לײַדן?"
טו איך א נעם זיך מיט קויכעס,
באָפּרע ארויס פונעם שניי זיך,
וואָס שוין ביז האלב האָט פארשיט אונדז.
נעם איך און טוליע דאָס מײַנס.
כ'וואָלט אין עק וועלט איצט געלאָפן,
האָב איך קיין קויעך ניט, וויל איך
קינד מײַנס מײַן אָרעמס דערווארעמען, —
האָב איך קיין ווארעמקײַט מער ניט.

װעג איז פאַרשיט, איז פאַרװײעט,
פיס אין פאַרװײעניש זינקען,
װינט אין די אויגן פליאָסקעט...
זע איך און פּלוצעם דערזע איך:
שטײט זיך א שטיבל; א שװאַכינק
פײַערל פינקלט פון פענצטער.
האָב איך א טראַכט געטאָן טײקעף:
דאָרטן איז פּלויט אונטער פענצטער,
װעל איך מײַן קינדעלע לאָזן.
שלאָפן דאָרט, שלאָפט נאָך ניט קײנער,
קינדערש געװײן װעט מען הערן,
װעט מען עס נעמען דערװאַרעמען.
איך אין דער װעלט װעל זיך לאָזן,
ביז ס'װעט דער שנײ מיך פאַרשיטן".
לאַנג ניט געטראַכט און געטאָן.
ס'פענעמל שיר ניט פאַרפרוירנס,
שטאַרק עס געקושט, זיך געזעגנט.
אָפּגעקלאַפּט אַלץ, װוּ נאָר מעגלעך,
שנײ, װאָס פאַרשנײט עס אינגאַנצן.
און אינעם פּלויט, װוּ קײן װינט איז,
אונטערן פענצטער געלײגט עס.
איך, א צעדולטע און שלעפעריק,
לאָז זיך אין שנײ איבער פעלדער.
ביטער געװען איז דער װעג מיר!
יעדער מײַן שפּאַן, האָט געדאַכט זיך,
שװער איז, א פּודיקע מאַסע,
ציט מיט א קײַעך צו דר'ערד מיך.
װינט אין די אויגן מיר פליאָסקעט,
פײַפט, דאַכט זיך, קלאָרע דיבורים.
װערטער, דאַכט, הער איך: „דו אויסװורף!
מיִעסע דו סאָרקע, װאָס טוסטו!"
שטעל איך זיך אָפּ... און אין האַרצן
שטעכט עפּעס, שטעכט, װי מיט נאָדלען.
הער איך זיך אײַן צו די שאָרכן,
דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך הער דאָרט:
ס'פּיפּסעט א קינד און סע קלאָגט זיך.
האָבן די בײזע מאַכשאָװעס
קריכן אין קאָפּ מיר גענומען:

„עפּשער שוין שלאָפן דאָרט אלע,
יאָמערט דאָס קינד, נאָר מע הערט ניט.
אוי מיר, סע קאָן נאָך פארפרוירן!
טאָמער דערשמעקן גאָר הינט עס,
פרעסן עס לעבעדיקערהייט אוף!"
כאַפּ איך זיך אוף א פארווייטע,
טו זיך א דריי, און מיט קויעך:
„ראטעוועט!" רײַס איך זיך, שרײַ איך:
„ס'קינד מײַנס! מײַן קינד! ס'קינד מײַנס! מײַן קינד!"
פוסט אָבער טויט איז ארומעט,
ווינט נאָר די האָר מיר צעטרייסלט...
גלײַך ווי א פערד פון די דישלעס,
האָב זיך א וואָרף געטאָן לויפן,
ווידער צום דאָרף צו. אָן קויכעס
פאַל איך, שטיי אוף און פאַל ווידער,
שרײַ איך און וויין, נאָר אומזיסט אלץ!
לויף איך און לויף, הוילע צאָרעס,
דאכט, אז א שאָ און א צווייטע,
דאכט שוין, אז יאָרן א גוזמע,
נאָר ס'איז קיין שטוב ניט צו זען,
אלץ עפּעס סקירדעס און ווערבעס,
הינט ערגעץ בילן אין ווײַטן.
עפּעס ווי גראָבנס גוואלדראָווניע,
פלויטן, נאָר שטיבלעך — קיין איינס ניט!
האָט מיך פארכאַפּט אזא יִיעש,
שרעק די נעשאָמע געלעכערט.
לויף איך, אזויווי א דולע,
יאָמער און וויע, און קוויטשע.
פּלוצעם, מע כאַפּט מיך פונהינטן...
„וואָס טוסטו דאָ עפּעס?" — פרעגט מען.
קוק איך זיך אום — א זשאנדארם,
בלאנקט אים ביקס אפן אקסל,
ס'לויכט אפן פּאס א לאמטערן.
כאָטש ווען אין קרעטשמע געוועזן נאָך,
האָב פאר זשאנדארמען געציטערט
(נאָכמער פלעגן יודקע זיך שרעקן!),
איצט האָב איך גאָר אף קיין האָר ניט
פארן זשאנדארם זיך געשראָקן,

כ'בין צו די פיס אים געפאלן,
ווי צו מײַן פרײַנט, מײַן דערלײזער.
„פּאָרעצ, אוי", זאָג איך, „כ'בין סאָרקע,
וואָס האָט געדינט אין דער קרעטשמע.
כ'גיי צו דעם קינד מײַנס א קוק טון!"
און אלצדינג־אלצדינג דערציילט אים.
נעמט דער זשאנדארם פאר דער האנט מיך,
פירט מיך אזוי צו דעם דערפל,
ביז ס'האָט גענומען שאריען.
„אידעס די דאָזיקע כאטקע?"
„כ'ווייס נישט, פאנ, איכ'ל א קוק טון."
ב'יז שוין געטראָפן... א קלאָג מיר!
ס'איז טאקע די שטוב, די זעלבע,
נאָר ס'איז דאָרט דאָס קינד ניטאָ מער!
איך בין א טויטע געבליבן.
ס'קינד איז ניטאָ שוין — א בראָך מיר!
סע לײַכט זיך אין שטוב דאָרט, סע ראשט זיך...
אָנגעקלאפט באלד... און ארײַנגעגאנ...
און אפ טיר שוין דערהער איך,
א קינד שרײַט. „טאטעניו מײַנער!" —
האָב נאָר געקאָנט א געשריי טון
און אין כאלאָשעס געפאלן.
נאָכדעם איז ווייס איך ניט גאָרניט.
ווי דורך א שלאָף נאָר, געדענקט זיך,
כ'ליג אינעם פויערשן שטיבל,
ווארעם און זויבער און ליכטיק.
א באבעשע זיצט לעם מיר דאָרט,
שאָקלט דעם קאָפּ אירן גרויען.
שטילינקערהייט אלץ זי טײַנעט:
"נארעלע אײנע, דו סאָרקע!
נאָר באדארפט דעמלט א קלאפ טון.
מיר זײַנען דאָך ניט, ווי דער יודקע
און ווי זײַן ווײַב. מיר, מיר זײַנען מענטשן!
גוט נאָך, וואס בינ ניט געשלאָפן,
וואכ נאָך געדרייט זיך... דערהער איך:
עפּעס אין דרויסן באם פענצטער,
גלײַך ווי א קעצעלע מיאווקעט..."
כ'ווייס ניט מער גאָרניט... ערשט נאָכדעם

האָב איך דערוואַכט אין שפּיטאָל שוין.
אין טורמע, דרײַ, זאָגט מען, וואָכן
בין איך געלעגן אין פיבער.
מיך, זאָגט מען, מישפּטן וועט מען.
זאָל מען מיך מישפּטן, מילא!
ס'אַרט מיך ניט זייער געריכט מער,
זייער באַשטראָפן מיך רירט ניט.
די שווערסטע שטראָף בין אַדורך שוין,
דורך שוין דעם מישפּט דעם ערגסטן —
יענע אָט שרעקלעכע נאַכט דאָרט.
וואָס סע וועט ווײַטער זײַן, אַרט ניט.
כ'האָב ניט קיין מוירע פאַר אַרבעט,
כ'שרעק מיך אינערגעץ פאַר גאָרניט.
אויב נאָר דאָס קינד מײַנס מיט מיר איז,
גרייט פאַר דעם אַלצדינג צו אויסשטיין!
לײַדן... מע זאָגט, מ'האָט געוואָלט עס
צונעמען, ס'קינד, פון מיר דעמאָלט.
נו, האָט אַ גליק מיך געטראָפן:
כ'האָב ניט דערלאָזט דערצו דעמלט!
כ'האָב, זאָגט מען, שרעקלעך געדרייט זיך,
דול זיך געקלאַפּט און געשריגן
אַלץ נאָר דאָס קינד מײַנס געזוכט עס,
ביז ס'האָט דער דאָקטער געהייסן:
„גיט איר דאָס קינד צו זיך, וואָרעם
כ'בין פאַר איר לעבן ניט אָרעוו!"
איצט איז דאָס קינד שוין אַ גרויסינקס,
לאַכן אַפילע שוין קאָן עס.
זעט, ווי סע שפּילט, ווי סע דריגעט,
כאַפּט זיך מיט הענטלעך פאַר ברוסטן!
דו, דו, מײַן גוטס, דו, מײַן וווּנדער!
ליבינקס מײַנס, כ'עס דו מײַנער!

# ברויט אפ פאנשטשינע

געווען איז עס ווינטער אָנהייב 1890 יאָר. נאָכן יאריד אין פּערעמישל האָבן מיך איינגעלאדן די אָרטיקע לייענער, באזונדערס דער אָרטיקער מיטגליד פון סיים נאָוואקאָווסקי, כ׳זאָל פאָרן מיט זיי קיין טאָרקי. כ׳האָב שוין לאנג געוואָלט זיין אין טאָרקי און כ׳האָב מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאג. א צווייטאָגיקע רייזע אין א שליטן איבערן שניי בא שיין פון דער לעוואָנע איז פאר מיר געווען מער אנגענעמען, ווי שרעקלעך. מיר איז אויסגעקומען זיצן אין דעם שליטן פון דעם אלטן פויער אנדריי קריצקי, מיט וועלכן כ׳האָב זיך אפן יאריד באקענט ווי מיט א מענטשן, וואָס מע קאָן זיך מיט אים גוט דורכשמועסן. אונטערוועגס האָב איך אים נאָך בעסער דערקענט ווי א דערציילער. צייט אפ ריידן האָבן מיר געהאט, און קריצקי איז ניט מיד געוואָרן דערציילן. אין דאָרף האָט ער געקענט אלעמען, ער האָט געוווסט די געשיכטע פון יעדער כאטע, פון יעדן ווינקל, און כאָטש זיין זיקאָרן האָט דערגרייכט ניט זייער וויט, נאָר פאָרט אפ א פאָר יאָר פאר 1848. וועגן די לעצטע יאָרן פון פאנשטשינע זיינע זיינע דערציילונגען געווען די אינטערעסאנטסטע און זיינען טיף ארייינגעדרונגען אין מיין זיקאָרן. עפשער וועט זיך מיר אמאָל איינגעבן זיי אלע באשרייבן (קריצקי לעבט נאָך, און גיב אים גאָט לעבן אסאך יאָרן!). און אצינד גיב איך איבער פון זיקאָרן איין טייל פון זיין דערציילונג, ניט בוכשטעבלעך, נאָר אזוי, ווי זי האָט זיך אויסגעפאָרמירט אין מיין זיקאָרן.

---

— כ׳בין נאָך געווען יונג, ווען מ׳האָט אָפגעשאפט די פאנשטשינע, — האָט דערציילט קריצקי, — בלויז דריי יאָר האָב איך געארבעט אפ איר. נאָר די דריי יאָר וועל איך געדענקען, וויפל כ׳וועל לעבן. ביטערע צייטן זיינען געווען, פאני! די איצטיקע יוגנט, דאנקען גאָט, האָט אפילע ניט קיין פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ס׳האָט זיך דעמלט געטאָן. און לאָז זי ניט האָבן. זי דאַרף זי ניט האָבן, נאָר עפּעס וואָלט זי באדארפט וויסן. דאָס וואָס איר האָט איבערגעגעבן אין איירע „פריצישע שפאסן", איז עמעס, נאָר ס׳איז נאָך ניט דער גאנצער עמעס. איר, פאניע, האָט דאָס ניט געקאָנט גוט וויסן, ווייל איר זיינט דעמלט נאָך אפ דער וועלט ניט געווען. און ווער ס׳האָט עס ניט געזען מיט

זײַנע אויגן, דער קאָן עס זיך אזוי לײַכט ניט פֿאָרשטעלן. גיט נאָר א קוק אף אונדזערע פֿעלדער, פֿאניע! די ערד איז, גאָט צו דאנקען, א געבענטשטע, אפֿילע דער אָרעמסטער קאָן לעבן, ווען ער האָט נאָר א פּאָר געזונטע הענט און פֿלײַס צו דער ארבעט. דעם עמיגראציע־פֿיבער ווײסן מיר דאָ נאָך ניט. מיר עסן אָדער ווײצענעם, אָדער קאָרענעם ברויט, די פֿערד האָדעווען מיר מיט האָבער, הונגער לײַדן מיר ניט. מיר האָבן אונדזער שלעפּ־פּי, געקאָוועטע וואָגנס, מיר האָבן אין דאָרף א שול, א לײענשטוב, א געזעלשאפֿטלעכן לאגער. דערפֿאר האָבן מיר ניט קײן אײן פּראָצענטניק. מיט אײן וואָרט — מיר שטײען אף אײגענע פֿיס, אף וויפֿל א כלאָפּ קאָן שוין אין גאליטשינע שטײן אף אײגענע פֿיס.

און פֿרעגט מיך ניט, וויאזוי דאָ האָט אויסגעזען פֿארן 1848 יאָר! גענוג אײַך זאָגן, אז אין גאנצן דאָרף איז ניט געווען קײן אײן וואָגן. נאָר בא דעם פּאן זײַנע געווען וואָגנס, און בא די כלאָפּן נאָר שליטנס. מיט שליטנס האָט מען זומער געפֿירט טווע אין די שײַערס און הײ אין די סטויגן, מיט שליטנס האָט מען ארויסגעפֿירט מיסט אין פֿעלד, מיט שליטנס, סײַ זומער, סײַ ווינטער, האָט מען צום בײסוילעם געפֿירט אויך די געשטאָרבענע.

נו, נאָר דעם געשטאָרבענעם איז אלצײנס. און וויאזוי האָבן די לעבעדיקע געלעבט! כ׳וועל בלויז וועגן זיך זאָגן. מײַן טאטע האָט געשטאמט פֿון מעהיקע, געהאט צוויי ברידער, אלע דרײַ זײַנען געווען יאטן גוטע, פֿײַקע. האָט גענומען דער פּאן אײנעם צום הויף פֿאר א מעשאָרעס, אוועקגעפֿאָרן מיט אים קײן בראָד און דאָרט אים פֿארשפּילט אין קאָרטן צו אן אנדער פּאן. נאָך ביז איצט איז דאָרט אין בראָדער געגנט דאָ א פֿאמיליע קריצקי — דאָס זײַנען אונדזערע קרויוים. איז געקומען דער פּאן אהיים, גענומען דעם צווײטן ברודער אין הויף, אוועקגעפֿאָרן מיט אים קײן ווארשע און ווידער אים ערגעץ פֿארלאָרן. זעט מײַן טאטע, אז ס׳וואַרט אף אים דאָס זעלבע, האָט ער גענומען און אנטלאָפֿן אהער קײן טאָרקי. ס׳איז קלוימערשט אונטער אײן פּאן געווען, נאָר פֿאָרט איז דאָס ווײַטער פֿון אים, און אזוי איז דאָס אים גלאט אָפּגעגאנגען. געבידעוועט האָט דער טאטע זײער, כאסענע געהאט פֿאר אן אָרעמער, ניט געוווּסט פֿון וואָס צו לעבן, און דאָ טרײַבט מען אף פּאנשטשינע. איך בין נאָך ניט אלט געווען קײן צוועלף יאָר, האָב איך אויך געמוזט גײן אף פּאנשטשינע. אוי, האָב איך זיך אָנגעליטן באלײדיקונגען פֿאר די דרײַ יאָר! באהיט גאָט זיך דערמאנען!.. נאָר ניט וועגן זיך וועל איך אײַך דערצײלן.

געווען איז בא אונדז אין דאָרף אן אָרעמער און אומגליקלעכער מענטש, אָנאָפּרי האָט ער געהײסן. ער איז טאקע בעמעס געווען אן אָרעמער און אן אומגליקלעכער. איצט, דאכט זיך, זײַנען נאָך אָרעמערע פֿאראן און מע לעבט אף דער וועלט. כאלופּניקעס, אָן א שפּאן־פֿעלד, אפֿילע קאמירניקעס, שכײניס בא יענעם, זעען אויס, ווי מענטשן. דעמלט איז ניט אזוי געווען. אָנאָפּרי האָט געהאט זײַן כאטע, א גאָרטנדל, א שמאָל פּאסיקל ערד. א פֿערטל דעסיאטין פֿעלד. איצט וואָלט

ער געהייסן א שטיקל באַלעבאָס, און דעמלט איז עס געווען א קאָפּצעדריילע.
ווי איצטער זע איך אים! אײַנגעהויקערט, מיט אײַנגעפאַלענע אויגן, און דאָס
פּאָנעם זײַנס האָט געהאַט א קאָליר פון הוילער ערד. זומער און ווינטער באָר־
וועס, אָן א קאַפּעליוש און אָן א היטל. כ'האָב קיינמאָל ניט געזען, אז זײַן
קאָפּ זאָל זײַן מיט עפּעס צוגעדעקט; די העמד א גראָבע, פון זאַק־לײַוונט,
שוואַרץ, ווי די סטעליע אין א פאַרויכערטער שטוב; איבער דער העמד אַן
אַלטע פון אונטן אָפּגעפוילטע צעשליסענע רעדנע, אונטערגעבונדן מיט ליקע
אָדער מיט א שטריענעם גאַרטל. אָט דאָס איז געווען זײַן גאַנצ אָנטון, סײַ
ווינטער, סײַ זומער. ער איז שטענדיק געגאַנגען אײַנגעבויגן, פּאַמעלעך, קאַם
בעקראָכן, אַלצ עפּעס געקײַעט אין מויל און שטענדיק הונגעריק געווען. מיר,
יאַטן, וואָס האָבן געפּאַסעט דעם פּאַנס שעפּסן אָדער געטאָן עפּעס אַן אַנדער
אַרבעט, האָבן ניט איין מאָל געלאַכט פון אים, אים גערייצט. ער האָט זיך
קיינמאָל ניט געבייזערט, ניט געשריגן און אַלצ עפּעס אַזוי נאָכגעביק, מיט
אַזאַ מין דערנידערטער און צוגעטויבטער שטים אָפּגעענטפערט:

— אַזוי, קינדערלעך, אַזוי! שפּאַסט אײַך, געזונטערהייט. און א שטיקעלע
ברויט גיט, אויב איר האָט, ווײַל גאָט ווייסט, אז כ'האָב נאָך קיין היילק שטי־
קעלע ברויט אין מויל ניט געהאַט...

— און וואָס קײַעט איר שטענדיק, אָנאָפּרי? — פלעגן מיר פרעגן.

— עס, — פלעג ער ניטווילנדיק ענטפערן, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און שווער
א קרעכצ געטאָן.

— אָנאָפּרי מאַלעגיירעט, מאַלעגיירעט! — פלעג אויסשרײַען עמעצער פון די
פּאַסטעכער. אַגדרע לאַפּן אונטער. א געלעכטער קלינגט איבער דער לאָנקע,
און אָנאָפּרי אַרט עס ניט, ער קערעוועט זיך אָפּ און שלעפּט זיך אַוועק צו
זײַן אַרבעט. נאָר איינמאָל האָב איך געזען, ווי ער האָט שטילערהייט, קיינער
זאָל ניט זען, אָפּגעווישט זײַנע אויגן מיטן קויטיקן אַרבל פון זײַן רעדנע.

די פרוי איז בא אים געווען א בייזע, אַזוי האָט מען גערעדט אין דאָרף.
אָפּן אויסזען אירן האָט מען עס ניט געקאָנט דערקענען, ווײַל דאָס ווײַבל
איז געווען א שיינע, א געזונטע, א רויטע און א פריילעכע. ערשט שפּעטער
האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א שלעכטער גורל האָט זייביידע צונויפגעע־
פירט. אָנאָפּרי איז לאַנג געזעסן א באָכער — געדינט באַם הויף, קיין אייגנס
האָט ער גאָרנישט ניט פאַרמאָגט. און איינמאָל הייסט אים דער פּאַן: כאַסענע
האָבן פאַר מאַרטען. דאָס איז געווען זײַן אומגליק, ווײַל מאַרטע האָט אים
געגומען אין די הענט, אים דערנידעריקט, דערשלאָגן, געפּײַניקט מיט הונגער.
מע האָט אפילע געזאָגט, אז זי פלעג אים שלאָגן אין די אָוונטן און אַליין איז
זי געלאָפן צו די הויף־דינער. מיט אַזאַ מין פרוי איז אָנאָפּרי גיך געעלטערט
געוואָרן, זיך אײַנגעהויקערט, איז געל געוואָרן, פאַרוועלקט און איז געוואָרן
אַן עמעסער שלעפּער, ווי מ'האָט געזאָגט אין דאָרף.

כ'ווייס שוין ניט לויט וואָס פאַר אַן אינוועטאַר, אָבער ס'איז געווען צו

זאָגן, אז אָנאָפּרי האָט זיך גערעכנט פאר קלוימערשט א באַלעבאָס, ניט קיין נײַמיט, און דאָך איז ער טאָג נאָך טאָג געווען אפ דער פּאַנשטשינע. דאכט זיך, אז די פּרוי האָט אים געטריבן אפ דער ארבעט מער, ווי ער האָט געדארפט, אפ געצאָלטע טעג. נאָר וואָס פאר אן ארבעט האָט ער שוין געקאָנט טון? דער אומגליקלעכער האָט קיין קיעך ניט געהאט, און ווען אנדערע פלעגן אים ניט אונטערהעלפן אין זאהאָן אָדער אין שײַער, האָט דער אטאמאן ניט געזשאלעוועט די נאהײַקע, מע האָט אים געשלאָגן, געטראָטן מיט די פיס, אז די ביינער האָבן געטרישטשעט בא דעם אלטן. און ער האָט געליטן און קיין וואָרט ניט געזאָגט. און אָט א כידעש, ניט איין מאָל האָט זיך גערדאכט, אז ער וועט ניט אופשטיין נאָך די שרעקלעכע אומענטשלעכע קלעפּ, אז אלע ביינער זײַנען בא אים איבערגעבראָכן. נאָר ניין! ער פלעג אָפּליגן א ביסל, שטיל אָפּקרעכצן און ווײַטער אופשטיין, און ווידער אָנהייבן ביסלעכווײַז זיך פּאָרען, ווי ער טוט עפּעס, ניט גיכער און ניט בעסער, ווי פאר די קלעפּ.

איינמאָל — ווי אצינד געדענק איך עס, און ביזן טויט וועל איך עס ניט פארגעסן, — ס'איז געווען האלב טאָג.

די צײַט, ווען מע האָט געשניטן ווייץ. מע האָט ארויסגעטריבן א מענגע מענטשן אפן פּאנס פעלד, און אָט האָט מען שוין איין פאס אָפּגעשניטן. מ'האָט באדארפט איבערגיין צום צווייטן, וואָס איז געווען אין צווייטן עק פעלד פון יענער זײַט שליאך. איר, פאני, מיינט ניט, אז ס'איז אזא פּאָשעטע זאך צו איבערגיין פון איין פעלד צום צווייטן. דאָס איז איצטער גייט מען עס איבער פון איין פעלד צום צווייטן מיט בלישטשענדיקע סערפּן, מע אָטעמט מיט דער פולער ברוסט, מע גלײַכט אויס די ביינער, מע רופט זיך איבער, מע באגריסט זיך, מע שפּאסט אָדער מע פרעגט איינס ס'צווייטע וועגן געזונט. דעמאָלט איז געווען ניט דאָס. די פּאנעס האָבן אלץ ארײַנגעטײַנעט אין זייערע דינער: איר קאָנט ניט האלטן קיין אָרדענונג, איר פּאטערט אסאך צײַט ביז, איר קריכט איבער פון איין פאס צום צווייטן. און די דינער, וואָס ארט עס זיי? אפ די פערד און מיט די נאהײַקעס אין די הענט...

ווי נאָר איין פאס איז אָפּגעשניטן, באלד שרײַט מען:

— אנו, באלד אפן צווייטן! ווײַטער!

און געלאָזט די פערד אין האלאָפּ, און אלע שניטערס אין א היץ, אין א ספּעקע, אין שטויב, צי אין רעגן, — מע טרײַבט זיי פאָרויס. מיד פון שווערער ארבעט, ניט באוויזן אָפּרוען, לויפן די מענטשן. און די, וואָס קאָנען ארויסשפּרינגען, די יונגע און די שטארקע, די לויפן פאָרויס, שרײַען, פּילדערן, לאכן, אזוי אז פונווײַטן וואָלט זיך געקאָנט דאכטן, אז סע יאָגט איבערן פעלד עפּעס א צעטומלטע איבערגעשראָקענע כאסענע. אָבער די שוואַנגערע פרויען, די אלטע לײַט און די קינדער קאָנען ניט אָניאָגן. זיי בלײַבן פונהינטן. אוי, ביטער איז זייער גוירל! דער אטאמאן אפן פערד נאָך זיי, ער שלאָגט מיט דער נאהײַקע, ער פרעגט ניט, ער שלאָגט איבער די אקסלען, איבער קעפּ. זיי,

נעבעך, לויפן, פאלן אין ריוו און אין די בייטן, און ניט איין מאָל אונטער דעם פערדס קאָפּיטעס. אוי, פאני, שוין וויפל מאָל האָב איך געזען, ווי שוואַנגערע פרויען פלעגן אזוי פאלן, און ווען זיי פלעגן אופשטיין, פלעג זייער העמד זיין פארשריבן מיט רויטע פאסן! דאָס האָט די נאַהייקע דורכן לייוונט דורכגעהריזעט דאָס לייב.

האָט מען עס איינמאָל געטריבן אזוי די הראַמאדע פון איין ערדכייקעך אפן צווייטן. די מענטשעלעך זיינען געלאָפן מיט דער פעלד־סטעזשקע, פארסאפעט, רויט, באשאָטן מיט שטויב, די אויגן זיינען אָנגעגאָסן מיט בלוט, ווייל א ספעקע איז געווען א גרויסע. איך בין געשטאנען באַם וועג, איך האָב געפאסעט דעם פאנס פערד באם ראנד וועג. פריער זיינען פאר מיר דורכגעלאָפן די יינגלעך. דערנאָך די מיידלעך, נאָך זיי די מענער און דערנאָך די אלטווארג, טופענדיק מיט די פיס. און אָנאָפּרי איז געווען צווישן זיי, ער איז אָבער אין סאמע עק געבליבן. ס׳איז צו זען געווען, ווי זיינע קניִעס ציטערן און דאָס צעעפנטע מויל באמיט זיך פארכאפן וואָס מער לופט. אָבער ווו, ער קאָן, נעבעך, ניט נאָכלויפן, און דער אטאמאן אפן פערד יאָגט זיך נאָך אים. נאָך א רעגע, און עס גיט א הילך א געשריי:

— גיכער, דו כאם, גיכער!

און איינצייטיק האָט א סווישטשע געטאָן די נאַהייקע, זי האָט א בלישטשע געטאָן, ווי א שווארצער שלאנג, און האָט זיך ארומגעדרייט ארום אָנאָפּריעס פיס, וואָס זיינען געווען אנטבלויזט ביז די קני. א גרינגער קנאַל, ווידעראמאָל האָט א בלישטשע געטאָן איינדערלופטן די נאַהייקע און ווידער האָט זי זיך ארומגעדרייט ארום די נאקעטע פיס פון דעם אלטן. ער האָט נאָר אן אויקע געטאָן און איז אנידערגעפאלן אפ דער ערד. און אפ די פיס זיינען באלד ארויסגעטראָטן צוויי ברייטע רויטע פאסן, און פון זיי האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז ארויסטרעטן דאָס בלוט.

דער אטאמאן האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד.

— שטיי אוף, דו גאנעפעץ! — האָט ער געשריגן צו אָנאָפּריען. יענער האָט זיך פאמעלעך, שווער אָנגעהויבן אופהייבן. אין דער זעלבער רעגע האָט די נאַהייקע נאָכאמאָל ארומגעכאפט זיינע אקסלען. ער האָט זיך א וואקל געטאָן, ווי אן איינגעבויגענע לאָזע, און אין יענער רעגע איז עפּעס א שווארצס און א הארטס ארויסגעפאלן באַ אים פון דער פאזוכע און האָט זיך אוועקגעקייקלט צום ריוו. אָנאָפּרי האָט געפרוווט מיט דער האנט א כאפ טון דאָס ארויסגעפאלענע, אָבער ער האָט ניט באוויזן עס כאפן איינדערלופטן.

— וואָס איז עס? — האָט א געשריי געטאָן דער אטאמאן, באמערקנדיק זיין באוועגונג.

— א... א... אזוי! — האָט געשטאמלט אָנאָפּרי.

— הייב עס אוף און דערלאנג עס אהער! — האָט געשריגן דער אטאמאן. א צונויפגעהויקערטער און א ציטערנדיקער איז אָנאָפּרי צוגעקראָכן צום

דיוו, האָט אופגעהויבן און דערלאַנגט דעם אטאמאַן דאָס, וואָס איז אַרויסגע־פאַלן בא אים פון דער פאַזוכע. דער אטאמאַן האָט זיך לאַנג צוגעקוקט צו יענער זאַך, און אָנאָפּרי איז געשטאַנען פאַר אים אָן דער היטל, די הענט צו־נויפגעלייגט אַף דער ברוסט, ווי פאַרן געבעט. איך האָב ניט צוגענומען די אויגן פון זײַנע פיס. זײַנע קניִעס האָבן אַלע מאָל געציטערט, ווי בא אַ מענטשן, וואָס איז שטאַרק פאַרפרוירן, און פון די רויטע פאַסן אַף די דאַרע און שוואַר־צע ליטקעס איז אָפּגעשווומען דאָס בלוט אין האָט זיך באַלד אײַנגעזאַפּט אין אײַ־נעם גרויען שטויב פון וועג.

— וואָס איז עס? — האָט ענדלעך אַ פרעג געטאָן דער אטאמאַן בא אָנאָפּריען.

— דאָ... דאָ... דאָס איז ברויט. — וואָס? ברויט?

— נו, יאָ, מײַן ברויט. איך עס אַזאַ ברויט. בא אַנדערע מענטשן איז עס מאַקוכע, און בא מיר, פּאַנאָטשקע, איז עס ברויט.

דער אטאמאַן האָט נאָך אַ רעגע געהאַלטן אין די הענט אָנאָפּריעס ברויט, האָט עס באַטראַכט, געשמעקט, און דערנאָך האָט זײַן האַנט עפּעס מאָדנע אָנ־געהויבן ציטערן, ער האָט דאָס ברויט אַ שלײַדער געטאָן ווײַט אין פעלד, אַפּ־גיך אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ טיכעלע און גענומען אָפּווישן די אויגן. אפילע ער האָט אָנגעהויבן וויינען.

איר ווייסט, פּאַני, מע דערציילט, אַז ערגעצווו האָט דער הער גאָט גע־מאַכט אַזאַ נעס, ער האָט שטיינער געצווונגען וויינען. ווײַזט אויס, אַז יענער נעס איז געווען פון גאָט. נאָך־נאָך אַ גרעסערער נעס איז געווען, מיינט איך, זינדיקער, ווען אַזאַ אַטאמאַן האָט זיך צעוויינט, דערזעענדיק אָנאָפּריעס ברויט. כ'בין אַ קליינער געווען דעמלט. פערצן יאָר אַלט געווען, נאָר ווען כ'האָב דערזען זײַנע טרערן, די טרערן פון יענעם מענטשן, וואָס איז געווען צו אונדז, ווי פײַער, ווי אַ ווילדע כײַע אָן אַ האַרץ, האָט מיר ווי עפּעס מיט אַ מעסער אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. ביז יענער רעגע האָב איך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, כ'האָב זיך נישט פאַרקלערט: מע האָט געזאָגט אַרבעטן, האָב איך געאַרבעט, מ'האָט געשלאָגן, האָב איך געליטן, ווײַל כ'האָב געזען, אַז אַלע אַנדערע טוען דאָס זעלבע. כ'האָב אפילע ניט געטראַכט, אַז ס'קאָן זײַן אַנדערש. כ'האָב אפילע ניט פאַרשטאַנען, צי איז עס גוט, צי שלעכט. פאַר־קערט, מ'האָט מיר ניט איין מאָל געזאָגט, אַז אַזוי דאַרף זײַן, אַז אַזוי האָט דער הער גאָט עס באַשאַפן: דער כלאָפּ איז אַ פוילער, און מע מוז אים טרײַבן צו דער אַרבעט... נאָר אָט יענע טרערן פון דעם אטאמאַן האָבן אַלץ איבער־געקערט אין מײַן נשאָמע. כ'האָב זיך דערוווסט, אַז ס'איז, ווײַזט אויס, אַ שרעקלעכע קריוודע אַף דער וועלט, אַז אפילע אַזאַ ווילדע כײַע דאַרף איבער דער קריוודע זיך צעוויינען.

דער אטאמאַן האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכאַמאָל אָפּגעווישט מיטן טיכעלע די אויגן און נאָכדעם אַרויסגענומען פון טײַסטער עפּעס אַ מאַטביי און אַ וואָרף געטאָן צו אָנאָפּריען און געזאָגט:

— אַט האָסטו! גיי אין קרעטשמע און קויף דיר ברויט. און קום גיך ארויס צו דער ארבעט.

און ניט ווארטנדיק מער, האָט ער א קנאַק געטאָן דאָס פערד און זיך גע־לאָזט נאָך די שניטערס. און אַנאַפּרי, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און ניט קוקנדיק אַף זײַנע פארבלוטיקטע פיס, האָט אָנגעהויבן טופּען אפּן וועג צום דאָרף. און ווען ער איז ווײַט אָפּגעגאנגען, האָב איך אופגעהויבן זײַן ברויט און באהאלטן אים אונטער דער פאזוכע. פריער האָב איך אַפּ געלעכטער געוואָלט באווײַזן אים די אנדערע פאסטעכער, זיי זאָלן א קוק טון, וואָס פאר א קײַעכטס עס מאַ־לעגיירעס יעדן טאָג דער אלטער אָנאָפּריע, נאָר ווען כ׳האָב געגומען די מאַ־קוכע אין דער האנט, האָט מיך אזא טרויער דורכגענומען, אז כ׳האָב דאָרט אײַנמיטן פעלד בא דעם פאנס פערד זיך צעוויינט, ווי א קליין קינד. און ווען כ׳בין פראנאכט געקומען אהיים, האָב איך באהאלטן יענע מאקוכע אין א ווינקל אונטער דער סטריכע, און איך האלט זי ביז איצט און כ׳וועל מײַנע אייניקלעך עס לאָזן אַף אָנדענק.

דאָס זײַנען געווען די לעצטע טעג פון שניט אַף דער פּאַנשטשינע. צו פּייסעך צו האָט מען אָפּגעשאפן די פּאַנשטשינע, און פויערים האָבן דעם פרי־לינג דורכגעפירט אַף דעם אייגענעם פעלד. דער אלטער אָנאָפּרי האָט זיך נישט געפרייט, ער איז געווען דער זעלבער.

— וואָס איז שוין איצט פאר מיר די פרײַהײַט? — האָט ער געקרעכצט. — זײַט זיך פרײַ, און מײַנס איז שוין פארפאלן.

איינס האָט ער נאָר געוואָלט: פארזוכן זײַן אייגענעם קאָרענעם ברויט...

— אַט ווען איך עס אופּ א קאָרן ברייטל פון מײַן אייגן פעלד! — האָט ער ניט איין מאָל געזאָגט. — עפשער וועל איך דעמלט דערפילן די פרײַהײַט.

די צײַט פון שניט האָט זיך דערנעענטערט. דאָס קאָרן איז געראָטן אַף כידושים, העכער פון מענטשן־וווקס, און דער זאנג, ווי א לעקעך.

דער אלטער אָנאָפּרי פלעג יעדן טאָג גאנצפרי ארויסלויפן אַף זײַן פעלד, האָט זיך אײַנגעקוקט אין זײַן קאָרן, מיט שרעק געשפּירט נאָך יעדער כמארע; ער פלעג אָפּרײַסן א זאנג, אויסלײשטשען די זוימען, צי מע קאָן שוין שנײַדן. ער האָט זיך דערוואַרט, ס׳זײַנען ענדלעך האַרט געוואָרן די זוימען, דאָס שטענגל איז געל געוואָרן און האָט זיך אָנגעבויגן אראָפּ. קיינער האָט זיך נאָך ניט גענומען שנײַדן, און דער אלטער אָנאָפּרי האָט אין איינעם א טאָג גענר־מען דעם סערפּ און איז אוועק אין זײַן פעלד.

— כ׳וועל צוויי־דרײַ סנאָפּעס אָפּשנײַדן, די זוימען אויסדרעשן, אַף די מילשטיינער עס איבערמאָלן, אבי א פּרווו טון דעם הייליקן ברויט.

ס׳איז געווען פארנאכט. איך מיט איינעם א ייִנגל האָב זיך אומגעקערט פון פעלד, פון דעם היי. גייען מיר מיט דער סטעזשקע צווישן קאָרן, רעדן צווישן זיך. פלוצעם פון פאָרנט קריכט עפּעס און שעלעשטשעט. מיר לויפן אונטער נעענטער — דאָס איז דער אלטער אָנאָפּרי. ער האָט אָנגעשניטן דרײַ

סנאָפּעס קאָרנ, האָט אוועקגעלייגט איינעם אפנ קאָפּ, דעם צווייטנ אפנ אקסל, דעם דריטנ אפנ צווייטנ אקסל, זיכ איינגעבויגנ אינצווייענ אונ קריכט אזוי אהיימ. די סנאָפּעס זיינענ גרויסע, ווייל דאָס קאָרנ איז געראָטנ, אזוי אז די זאנגענ שלעפּנ זיכ אזש איבער דער ערד. גייענ מיר נאָכ אימ, רעדנ אונ שפּאסנ, אונ אָט איינער, אָט דער צווייטער, ווי ניט אומיסטנ, טרעטנ אָנ אפ א זאנג. אונ בא אימ איז ווייניק קיעכ אפילע אפ אָפּרייסנ דעם זאנג פונ שטענגל; נאָר יעדער מאָל שטעלט ער זיכ אָפּ, אונ ניט אויסקערעווענדיק זיכ, זאָגט ער מיט א טרויעריק־רויִקער שטימ:

— היי, יאטלעכ, לאָזט מיכ צורו! ס'איז דאָכ דער הייליקער ברויט.

מיר האָבנ ראכמאָנעס געהאט אפ אימ אונ האָבנ אופגעהערט אימ שטערנ אונ איכ האָב געזאָגט:

— גיט, טאטוס, ווער איכ אייכ אָפּטראָגנ די סנאָפּעס צו דער כאטע.

— ניינ, זונ, כ'וועל שוינ אליינ.

מיר האָבנ אימ באגלייט אזש ביז דער כאטע. זיינ ווייב איז נישט געווענ אינדערהיימ. די טיר איז געווענ פארשפּארט פונ אינעווייניק. ביז מיר האָבנ געפונענ דעם הילצערנעמ שליסל אונטער דער סטריכע, ביז מיר האָבנ אופגעשלאָסנ די טיר, איז אָנאָפּרי געשטאנענ אונ אלץ געהאלטנ אפ זיכ די סנאָפּעס, אונ ווענ די טיר האָט זיכ געעפנט, האָט ער זיכ עפּעס פּלוצעמ א וואָרפ געטאָנ אינ שטוב, נאָר זיכ אויסגעגליטשט אפנ שוועל אונ איז אינאיינעמ מיט די סנאָפּעס שטיל געפאלנ אפ דער ערד, גלייכ ווי ער וואָלט זיכ צוגעזעצט. אונ שטיל. די סנאָפּעס האָבנ אימ פארדעקט.

— וואָס איז אייכ, טאטוס? — פרעגנ מיר פונ דרויסנ.

ער האָט ניט געענטפערט. מיר זיינענ אריינגעלאָפנ אינ הויז, האָבנ אראָפּגעוואָרפנ פונ אימ די סנאָפּעס, אונ ער ליגט אפ דער ערד מיטנ פּנעמ אראָפּ שוינ א טויטער.

— ניט דערוואַרט זיכ פארזוכנ דעם פרייענ ברויט!..

1896 יאָר.

# צו שײַנ

1

געלערנטע נאַטורוויסנשאַפטלער זאָגנ, אַז די שיכטנ וואַסער, וואָס ליגנ אױפֿנ סאַמע גרונט פֿונ די טיפֿסטע יאַם־טיפֿענישנ, זײַנענ עמעסע „טױטע וואַסערנ”. דער אומגעהײַער גרױסער טײל אײבערשטע שיכטנ, וואָס דריקט אױף יעדנ טײל פֿונ יענעם נידער, שאַפֿט דאָרט אױף אַוועלכע עס איז באַוועגונג, לעבנ. די זונענ־שײַנ דערגײט אַהערצו ניט, קײנע לעבעדיקע באַשעפֿענישנ געפֿינענ זיכ דאָרט ניט, קײנע וואַסער־שטרעמונגענ, קײנע שטורעמ־ווינטנ, קײנע ערד־ציטערנישנ האָבנ דאָ קײנ מינדסטנ אָפּקלאַנג ניט. די אײנציקע באַוועגונג, וואָס מ׳קאָנ דאָ יאָ באַמערקנ, איז דאָס אײביקע אונ אומופֿהערלעכע פֿאַלנ פֿונ מיליאָנענ טױטע קערפּערס אונ געבײנער פֿונ לעבעדיקע באַשעפֿענישנ, וואָס האָבנ פֿריִער, אפֿשט־מאָל טאַקע גאָר אַמאָל געלעבט אונ פֿאַרבראַכט דאָרט, אינ דער הײכ, געפֿרײט זיכ קעגנ דער זונ, זיכ געבאָדנ אינ וואַרעמקײַט, זיכ געהוידעט אױף די מעכטיקע יאַם־כוואַליעס. זײַנענ זײ אומגעקומענ, פֿאַלנ זײ לאַנגזאַמ, לאַנגזאַמ אַראָפּ, באַזונדערס יענע פּיצינקעלעכ פֿאָראַמיניפֿערנ, דיִאַטאָמײענ *) אונ אַנדער קלײנ וואַרג, וואָס שאַפֿנ די הױפּטמאַסע פֿונעם יאַם־לעבנ. לאַנגזאַמ לאָזנ זיכ אַראָפּ זײערע טױטע קערפּערלעכ אינ וואָס ווײַטער אַלצ געדיכטערע אונ אַלצ גרעבערע שיכטנ, רײַכע מיט זױערשטאָף אונ קױלנזױער, זײ ווערנ פֿאַנאַנ־דערגעפֿאַלנ, פּונקט ווי זײ ווערנ איבערגעבערענט, אונ נאָר אינ אַ צײַט אַרומ דערגרײכנ זײ דעמ יאַם־דעק אונ לײגנ זיכ דאָרט אויס אינ אַנ אומגעהײערער צאָל, ווי מיקראָסקאָפּישע קײַלעכלעכ אונ פּיצינקעלעכ, קעדײ אַמאָל, אינ טויזנ־טער יאָרנ אַרומ, שאַפֿנ אַ קרײַד־פֿעלדז.

שווער אונ אומעטיק, ווײַזט אויס, איז יענע נידעריקע וואַסער־שיכטנ אײביק צו גליווערנ אונ שטײנערנ אױפֿנ טויטנ דעק, אינ דער מוירעדיקער פֿינצטער־ניש, אונטער דעמ ניטגעהערטנ דרוק, נאָר צווישנ טויטע קערפּערס. ס׳איז זײ שווער אונ אומעטיק, באַזונדערס ווענ ס׳ווערט זיכ אינ זײ אינ פֿאַרבאָרגע־ניש אָפּרופֿנ יענע אײביקע ניטפֿאַרפֿאַלענע קראַפֿט, אָנ וועלכער ס׳איז ניט פֿאַראַנ קײנ אײנ אַטאָמ אינ דער נאַטור. אינמיטנ אַ לעבעדיקע ניטפֿאַרפֿאַלענע קראַפֿט, אונ אַרומ־אונ־אַרומ אַ פֿינצטערניש, אַ מוירעדיקער דרוק אונ

*) פֿאָראַמיניפֿערנ, דיִאַטאָמײענ — דאָס זײַנענ פּיצינקעלעכ וואַסער־באַשעפֿענישנ אונ געוויקסנ, וואָס מיטנ געווײנלעכנ אויג קאָנ מענ זײ ניט זענ.

א גרענעצלאָזער בייסאלמנ. אונ ווענ אינ יענע אומגליקלעכע, אפ אייביקנ טויט פארמישפעטע אטאָמענ וועט זיכ ווענ ס'איז, איינמאָל אינ טויזנטער יאָרנ, א רודער טונ א גרינגער אָפּגלאנצ פונ דענקענ—מיינט איר אוואדע, אז ס'איז ניט מעגלעכ? נו, אונ אונדזער דענקענדיקער מויעכ, וואָס איז ער דענ, אויב ניט קיינ פארבינדונג פונ די זעלבע אטאָמענ זויערשטאָפ, קוילנשטאָפ אונ אנדערע עלעמענטנ, — איז שווער אונ ביטער מוז אָט דער געדאנק זײַנ! מוטער נאטור! פונוואנענ־זשע איז געקומענ אפ אונדז אזא ניטגערעכטיקייט? צי זייענ מיר דענ ערגער פונ יענע, וואָס פארברענגענ אינ דער הייכ איבער אונדז, הוידענ זיכ אונ שפּילנ זיכ אינ דער פראכטפולער ליכטיקייט? אונ פארוואָס זאָלסטו ניט איינשטעלנ קיינ דריי, פארוואָס זאָלסטו אונדז כאָטש אפ א שטיקל צײַט ניט לאָזנ אהינ, אינדערהייכ?

די מוטער־נאטור ווייסט אָבער ניט פונ קיינ סאנטימענטאליטעטנ, זי הערט זיכ ניט צו צו קיינ פאנטאזיעס.

— אָט באלד וועל איכ זיכ מיט אײַכ, נאראָנימ, צערעמאָניענ!—ברומט זי. — אויב איר פילט אינ זיכ א קראפט, טאָ פרוווט אליינ זיכ ארויסרייסנ אינ דער הייכ! איכ זאָל ניט האָבנ קיינ ארבעט אײַכ אונטערצושטופּנ!

טאקע, פרוווט זיכ אליינ ארויסרײַסנ!

ס'איז אײַכ ניט אויסגעקומענ צו זענ אזעלכע געשעענישנ אינעמ מענטש־לעכנ לעבנ? אוי, מײַנע טײַערע, האָט זיכ אזעלעכס געטראָפנ, ווענ אשטייגער איז ניט אויסגעקומענ אזעלעכס צו זענ! אונ פונ יעדנ אזא פאל האָט אײַכ פארקלעמט באמ הארצנ, אונ ביז אצינד פארקלעמט דאָס נאָכ, ווענ איר פרוווט זיכ נאָר איבערטראָגנ מיטנ געדאנק אינ דער לאגע פונ יענע אָרעמע לעבעדיקע אטאָמענ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפטלעכקייט, וואָס זײַנענ פארורטיילט געוואָרנ דורכנ גירינקנ מאזל אפ אייביקער פינצטערניש, אפ טעמ־פּער ניטרירעוודיקייט, אפ פארגעסלעכנ טויט. צי זייענ מיר ניט אלע—צי זײַנענ מיר ניט דער זעלביקער אונטערשטער שיכט צווישנ די פעלקער? צי פילנ מיר דענ ניט אפ אונדזער פאָלק־אָרגאניזמ יעדע שטארקע, געזונטע באַ־וועגונג פונ יענע פרײַע אונ גליקלעכע פעלקער, ווי א ווייטעק, ווי א שטורכ, ווי א דרוק?

אונ יעדערער פונ אײַכ, וועמענ ס'איז נאָר אויסגעקומענ דורכ גרויסער אָנשטרענגונג אונ אפּנ כעזשבנ פונ ניט איינעמ פונ אײַערע נאָענטע מענטשנ זיכ ארויסצורײַסנ פונ יענעמ פינצטערנ אָפּגרונט כאָטש אפ אנ עטוואָס העכערנ שטאפל, צי האָט ער ניט געפילט אומגערנ קיינ שרעק אונ קיינ ווייטעק, ווענ ער האָט דערמאנט זיכ וועגנ יענעמ אָפּגרונט אונ וועגנ דעמ, אז ווענ ס'זאָלנ ניט געווענ זײַנ די אָדער יענע גליקלעכע אומשטענדנ, וואָלט ער, קאָנ זײַנ, ביז איצט זיכ גע־פלאָגט אינ דעמ נידער, א פינצטערער, אנ אומבאהאָלפענער, קיינעמ ניט באוווסט, ניט קיינ מענטש, נאָר א טייל פונ דער מענטשנ־מאסע? אונ צי טוט אונדז דענ ניט וויי דאָס הארצ, ווענ מיר דערמאנענ זיכ וועגנ אסאכ אזעלכע

טויזנטער, וואָס האָבן, פּונקט ווי מיר, זיך געפּרוּווט ארויסרײַסן פון יענער פינצטערניש, זיך געצויגן צו דער שײַן, זיך געריסן צו דער פרײַהײַט און ווארעמקײַט — און אלץ אומזיסט? און צי כאפּט אונדז דען ניט אָן קיין שוי־דער, ווען מיר דערמאנען זיך וועגן לעבן און וועגן סאָף פון אזעלכע קיינעם ניטבאוווסטע דערשלאָגענע, ניט איין מאָל צעטראָטענע און פארשפּיגענע איינסן, ווען ס'ווערט אונדז קלאָר, אז ניט איין מאָל האָט בלויז א נארישער אומשטאנד, א בלינדער צופאל, א מיספארשטייעניש, א שפּאס, א שלעכט וואָרט, א שטוי־בעלע זיי ארויפגעשטויסן פונעם וועג און אף אייביק צוריק ארײַנגעוואָרפן אין יענער פינצטערניש, פון וועלכער זיי האָבן זיך קימאט ארויסגעקליבן אף דער ליכטיקער פרײַהײַט?..

אָט אזעלכע געדאנקען האָבן געפּײַניקט מײַן מויעך און פארטריבן דעם שלאָף פון מײַנע אויגן אין די לאנגע־לאנגע נעכט און טעג, וואָס כ'האָב פארבראכט אין טורמע. מײַנע אומגליקלעכע כאווײרים, בא וועלכע ס'האָט אויך געפּיקט אינעווייניק, האָבן פאר מיר ניט געפונען קיין טרייסט־וואָרט, — פארקערט, כ'האָב געזען, אז זיי אליין האָבן נאָך מער פון מיר געפּאָדערט אזא וואָרט, וואָס זאָל זיי היילן. קעדיי ניט מעשוגע ווערן פון אָט דעם אומגליק, האָבן מיר געשמועסט צווישן זיך, דערציילט איינער דעם צווייטן — ניט וועגן זיך, נאָר וועגן אנדערע, ווײַטע, און פּאָרט וועגן אומגליקן. איינע פון די דערציילונגען, וואָס האָט מיך געערגערט מער פון אלע איבעריקע, דערלאנג איך דאָ די לייענער. דער, וואָס האָט זי מיר דערציילט, איז געווען, — כ'רעד דאָ ניט וועגן זײַן „פּאכ" *), — א יונגער באָכער, פול מיט קראפט און געוואגט־קײַט, פארמאָגט א גוטן מילד־מענטשלעכן געפיל, דערצויגן אפן קליינבירגערלעכן שטייגער, ער האָט געענדיקט א פאָלק־שול, זיך געלערנט א מעלאָכע,—מיט איין וואָרט, ניט ווייניק קרעפטן און געלט האָט ער געפּאטערט, קעדיי ער זאָל זיך ארופדראפּן אין דער הייך, ווערן א מענטש,—נו, און ארויסגעקומען... נאָר ניט וועגן דעם גייט עס איצט!

שוין דאָס זעקסטע מאָל איז ער געזעסן אונטערן שלאָס און האָט שוין געוווּסט די גאנצע ארעסטאנטן־פּראקטיק, קימאט די גאנצע געשיכטע פון יעדער קאמער: ווער ס'איז אין איר געזעסן, פאר וואָס, אף וויפל איז ער געווען פארמישפּעט, וויאזוי מ'איז זיך פריִער באגאנגען מיט ארעסטאנטן און וויאזוי מ'באגייט זיך איצט א. אז. וו. דאָס איז געווען אַן עמעסער כראָניק־שרײַבער פונעם ארעסטאנטישן לעבן. די אופזעער האָבן אים געהאלטן פאר א מענטשן, וואָס זיצט ניט אײַן אף קיין אָרט, און האָבן אים דאָס געגעבן צו פילן מיט אָפטע דיסציפּלינארע שטראָפן. ער איז אָבער ניט אנשוויגן געוואָרן און האָט ארויסגעשאָסן, פּונקט ווי פולווער, אבי ער האָט נאָר געזען, אז עפּעס טוט זיך ניט ווי ס'דארף צו זײַן, — אז מ'קריוודעט די ארעסטאנטן. באזונדערס אָפט האָט ער געהאט צוזאמענשטויסן מיט די וועכטער, וואָס גייען אום אונטער

---

*) ספּעציאַליטעט.

די טורמע־פענצטער און גיבן אכטונג, אז די ארעסטאנטן זאָלן ניט ארויסקוקן דורך די פענצטער און זאָלן ניט ריידן איינער מיטן צווייטן. וויפל מאָל האָט דער וועכטער אים געדראָט, אז ער וועט שיסן, אויב ער וועט ניט אראָפּגייען פון פענצטער, נאָר ער איז זיך געזעסן רויִק, גאָרניט ניט געזאָגט און ערשט דעמלט, ווען דער וועכטער האָט אָנגעהויבן צו קלינגען מיט דעם שלאָס פון דער ביקס, איז ער אראָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער און האָט געשריִען:

— נו, נו, כ׳ווייס דאָך, אז דו וועסט ניט וואגן צו שיסן.

— און פונוואנען ווייסט איר דאָס? — האָב איך אים איינמאָל געפרעגט.

— וואָס הייסט, פונוואנען איך ווייס דאָס? כ׳בין אליין געווען אן איי־דעס, כ׳האָב אליין געזען.

— וואָס האָט איר געזען?

— ע, דאָס איז א גאנצע געשיכטע, איבער וועלכער מ׳האָט פארבאָטן די וועכטער צו שיסן. אָט וועל איך אייך בעסער דערציילן, זאָל זיך דאָרט דער אָרעמער רעקרוט ניט ערגערן. ער, נעבעך, מוז דאָך אויך טון דאָס, וואָס מע הייסט אים.

2

— צוויי יאָר איז שוין אוועק פון יענער צייט, — האָט ער אָנגעהויבן, — פּונקט צוויי יאָר. כ׳בין געזעסן דעמלט אין אָטאָ דער גרוב אונטער דעם פארהער. אינצווייען זייַנען מיר אין דער קאמער געווען — איך און עפּעס א פּאָרעצל, זשורקאָווסקי האָט ער געהייסן. וואָס פאר א מענטש דאָס איז געווען, און פארוואָס איז ער אהער אָנגעקומען, דאָס געדענק איך שוין ניט.

איז אָט, איינמאָל אפדערנאכט, שוין נאָך דעם אפדערנאכט־וויזיט, מיר האָבן זיך שוין אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפן, מיטאמאָל הערן מיר די טריט פונעם וועכטער און דאָס קלינגען פון די שליסל. אָט שליסט ער אָפּ און לאָזט אריַין א סנאָפּ געלע שייַן פון זייַן לאמטערן. אין דער שייַן זעען מיר עפּעס א צונויפגעקאָרטשעטע, האלב־נאקעטע, דארע פיגור. ער האָט זי א שטופּ געטאָן פאָרויס און זי אריַינגערוקט אין דער קאמערע, וויַיל זי, ווייַזט אויס, האָט עס אליין ניט געקאָנט טון געשווינד.

— אָט האָסטו דיר א רעדנע און א ליַילעך, — האָט ער א געשריי געטאָן און האָט ארופגעוואָרפן די זאכן דער פיגור אפן קאָפּ, קימאט ביז דער ערד זי צוגעבויגן. — לייג זיך און שלאָף! א שיסל וועסטו מאָרגן באקומען.

און מיט די ווערטער האָט דער וועכטער פארשלאָסן די טיר און איז אוועק. אין קאמערע איז געוואָרן פינצטער, ווי אין א קעלער, און שטיל, ווי אין א טרונע. נאָר צייַטנווייַז הערן מיר א קלאנג, ווי מ׳וואָלט מיט א האקמעסער אייַנהאקן פלייש — דאָס קלינגט אונדזער כאווער מיט די ציין. פארשטייט איר, ס׳איז שוין געווען שפּעטער הארבסט, צוויי וואָכן נאָך אלע הייליקע, א קעלט אזא, אז ניט אויסצוריידן.

— ווער ביסטו?—פרעג איך בא דעם פארגליווערטן כאווער, ניט אופ־שטייענדיק פון געלעגער. איך האָב זיך שוין אויסגעוואַרעמט, און ס'האָט זיך מיר ניט געוואָלט אופצושטיין. און אין קאַמער איז געווען גאַנץ קאַלט, ווײַל דער פענצטער איז איבער דער שטיקעניש באַטאָג און באַנאַכט אָפן געווען.

אונדזער כאַווער שווײַגט, ער קלינגט נאָר מיט די ציין, און דורך דעם קלאַפן זײַנעם הערט זיך אַן אומופּהערלעכ כלּיפּען. איך האָב ראַכמאָנעס גע־האַט אָפּ דעם יאַט, ווײַל איך האָב בא זיך שוין באַשטימט, אַז דאָס איז נאָך גאָר אַ גרינער „פרײַער" *), בין איך אופגעשטאַנען און האָב טאַפּנדיק אין דער פינצטער אים אויסגעבעט דעם געלעגער.

— נו, נו,—זאָג איך,—גענוג, שטיל, וויין ניט, טו זיך אויס און לייג זיך שלאָפן

— כ'קאָ...קאָן... ניט...—האָט ער קאַם אַרויסגערערט.

— פאַרוואָס?

— ווײַל... ווײַל... איך... בין שטאַרק פאַרפרוירן.

כ'גיי צו צו אים, ער איז אינגאַנצן, ווי אַ בייַן, דורכגעפרוירן, מיט קיין האַנט, מיט קיין פוס קאָן ער קיין ריר ניט טון. וויאַזוי ער איז צו דער קאַמער געקומען, קאָן איך ניט פאַרשטיין. דאָס פּאַרעצל איז אויך אופגעשטאַנען. מיר האָבן אַראָפּגענומען פון אים די שמאַטעס, אים אויסגעטאָן ביז נאַקעט, גוט אײַנגעריבן, פאַרוויקלט אים אין אַ לײַלעכ און אין אַ קאָלדרע און אים אַוועקגעלייגט אָפּן בעט. אין אַ פערטל שאָ אַרום הער איך—ער זיפצט, ער באַוועגט זיך.

— נו, ס'איז דיר גרינגער?—פרעג איך.

— גרינגער.

— די הענט און פיס זײַנען דיר אָפּגעגאַנגען?

— ניט אינגאַנצן, נאָר ס'איז שוין גרינגער.

— און פונוואַנען ביסטו?

— פון סמערעקאָוו.

— דיך האָט, געוויס, אַ זשאַנדאַרם געבראַכט?

— ווער דען? ער האָט מיך געיאָגט פון אינדערפרי אָן קימאַט אַ גאַנצן דורכן פראָסט. צען מאָל בין איך געפאַלן אין וועג, ווײַל כ'האָב ניט געקאָנט גיין. ער האָט מיך געשלאָגן מיט אַ רימען, האָב איך געמוזט גיין. ערשט אין דער זבויסקער קריטשמע האָבן מיר אַ ביסל אָפּגערוט. דער ייִד האָט מיר גע־געבן אַ ביסל בראָנפן.

— און ווי רופט מען דיך?

— יאָסקע שטערן.

— אַ! ביסטו אַ ייִד?

— פאַרשטייט זיך, אַ ייִד.

— זאָל דיך דער רוח כאַפּן! האַרגע מיך אַוועק, וואָלט איך פון גע־שפּרעך ניט דערקענט, אַז דו ביסט אַ ייִד, אַזוי ריין רעדסטו אָפּ אונדזער שפּראַך.

*) פ ר ײַ ע ר — אָפּ דעם גנייווישן לשון אַ לאָוקאַטש, אַ מאָלאָדעץ.

— וואָס דען, פּאַני, איך בין אויסגעוואַקסן אין דאָרף, צווישן פּויערים, כ'בין א פּאַסטעך געווען.
— און וויפל ביסטו אלט?
— זעכצן יאָר.
— און פאַרוואָס האָט מען דיך אהער אין טורמע געבראַכט?
— אוי, פּאַני, איך ווייס ניט! דער זשאַנדאַר האָט געזאָגט, אז מיין באַ־לעבאָס האָט זיך אָפּ מיר געקלאָגט פאר א גאַנייווע מיט אן אופּבראָך. אָבער איך האָב, גאָט איז אן איידעס, גאָרניט גערויבעוועט, אכוץ מיינע פּאַפּירן, אָפּ מיין וואָרט, מיינע פּאַפּירן!
און ער האָט אָנגעהויבן כליפּען און שרייען, ווי א קינד.
— נו, נו, באַרויק זיך, — זאָג איך צו אים, — דאָס אלץ וועסטו מאָרגן זאָגן דעם ריכטער, און צו מיר האָט עס קיין שייכעס ניט. איצט שלאָף.
— אוי, פּאַני, דער זשאַנדאַר האָט געזאָגט, אז מע וועט מיך פאַר דעם אופּהענגען. — האָט יאָסקע אלץ געכליפּעט.
— ביסט מעשוגע! — האָב איך א געשריי געטאָן. — לאַך זיך אויס! ווו האָסטו געהערט, אז פאַר אזעלכע קליינקייטן זאָל מען הענגען?
— און מיין באַלעבאָס האָט געזאָגט, אז מע וועט מיך פאַרשיקן אָפּ צען יאָר אין טורמע.
— נו, נו, זאָרג ניט, — זאָג איך, — וועסט ווי ס'ניט איז איבערקומען, גאָט איז א טאַטע. שלאָף איין, און מאָרגן וועלן מיר מיט דיר שמועסן.
מיר זיינען אנשווייגן געוואָרן, און באַלד טאַקע בין איך אנשלאָפן גע־וואָרן, — דאָס איינציקע גליק אין טורמע איז, וואָס כ'שלאָף זיך אויס, ווי א האָז אין קרויט.

3

ערשט אָפּן צווייטן טאָג האָבן מיר געקאָנט גוט באַטראַכטן דעם נייעם פאַרשוין. ס'איז מיר אויש קאָמיש געוואָרן, וואָס כ'האָב נעכטן אין אים ניט דערקענט קיין יידן. א רויטער, מיט פּייעס, די נאָז אויסגעבויגן, ווי בא אן אלטן שפּאַרבער, די פיגור איינגעקאָרטשעט, כאָטש לויט זיין עלטער איז ער ניט געווען מאָגער, און געהאַט א שיינעם וווקס. און נעכטן, ווען מיר האָבן אים אינדערפרינצטער איינגעריבן און געהערט זיין שטים, האָבן מיר זיך אין דעם אפילע ניט אָנגעשטויסן.
ער האָט מיט פּאַכעד אָנגעהויבן באַטראַכטן די קאַמערע, ווי אן איבערגע־שראָקענע מאָנאַשקע. ער האָט זיך אופּגעכאַפּט, ווען איך און דער פּאָרעץ זיי־נען נאָך געלעגן, האָט זיך ארומגעוואַשן, פאַרבעט דעם געלעגער, האָט זיך געזעצט אָפּן עק בעט. ער זיצט און שוויגט, ווי א פאַרשאָלטענער.
— ביסט הונגעריק? — פרעג איך אים.
שווייגט ער און קאָרטשעט זיך נאָך מער איין.
— נעכטן האָסטו עפּעס געגעסן? — פרעגט דער פּאָרעץ.

— יאָ... געכטן... ווען דער זשאנדאר האָט מיך שוין געזאָלט פירן, האָט דעם סטארעסטעס ווײַב מיר געגעבן א ביסל באָרשטש און א שטיקל ברויט.

— אהא, איצט ווייסן מיר שוין, — האָט א שמייכל געטאָן דער פּאָרעץ און האָט אים געגעבן איבערבײַסן א היפש שטיקל ברויט און א נעכטיקן קאָטלעט.

דאָס ייִנגל האָט נעבעך אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט געוואָלט באדאנקען, ער האָט אָבער ניט געקאָנט, טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

און נאָך איין אומדערוואַרטעטע אייגנשאפט האָט פארמאָגט דאָס ייִנגל. א שטילער, א געהאָרכזאמער, אָן א ברעקל באַרימערײַ, ניט קיין באלן אסאך צו ריידן, אָבער ווען מע האָט אים געזאָגט, ער זאָל עפּעס טון, פלעגט ער זיך א שלײַך טון, ווי א פונק. ס'איז געווען עפּעס נאטירלעכס, ייִנגלשס אין זײַן אופירן זיך. און ווען ס'איז ניט געווען וואָס צו טון — וואָס פאר אן ארבעט קאָן שוין זײַן בא אונדז אין קאמערע! — פלעגט ער ליב האָבן זיצן שווײַגנדיק אין א ווינקל, צונויפגעקאָרטשעט, מיט די הענט ארומגעכאפּט די קני און מיטן קין זיך אָנגעשפּארט אין זיי, נאָר די אויגן בלישטשען פונעם פינצטערן ווינקל, ווי בא א נײַגעריק מײַזל.

— נו, דערציילזשע אונדז, וואָס פאר א שרעקלעכן פארברעכן ביסטו באַגאנגען, וואָס דער זשאנדארם האָט דיך געשראָקן מיט דער טליע? — האָט אים איינמאָל דער פּאָרעץ געפרעגט, ווען ס'איז שוין קלאָר געווען, אז דאָס ייִנגל איז צו זיך געקומען און איז געוואָרן היימישער.

— אוי, פּאני, — האָט יאָסקע געזאָגט און אופגעציטערט מיטן גאנצן קערפּער, — ס'איז אסאך צו דערציילן און ווייניק וואָס צו הערן. ס'איז זייער א נארישע מײַסע.

— נו, נו דערצייל, מירן אויסהערן. קיין בעסערס האָבן מיר דאָך דאָ סײַווי ניט וואָס צו טון, איז מעג מען א נארישע מײַסע אויך אויסהערן.

— כ'בין געוואקסן בא מאָשקען, דעם סמערעקאָווער ארענדאר, — האָט יאָסקע אָנגעהויבן, — כ'האָב זיך געשפּילט מיט זײַנע קינדער, מאָשקען האָב איך גערופן „טאטע", און די מאָשקעכע — „מאמע". איך האָב געמיינט, אז זיי זײַנען מײַנע עלטערן. ניך האָב איך אָבער באמערקט, אז מאָשקע קויפט זײַנע קינדער שיינע פּעלצלעך, און מאָשקעכע גיט זיי יעדער פרײַטיק ווײַסע העמדלעך, און דער צײַט ווען איך פלעג ארומגיין א שמוציקער און אן אָפּגעריסענער. אז איך בין אלט געווען זיבן יאָר, האָט מען מיר געהייסן היטן די גענדז, זיי זאָלן ניט גיין אין שאָדן. די מאָשקעכע האָט ניט געפרעגט, צי ס'איז קאַלט, צי ס'גייט א רעגן, צי ס'איז א היץ — געיאָגט מיך פונדערהיים אפ דער טאָלעקע און יעדער מאָל אלץ ווייניקער עסן געגעבן. האָב איך געליטן פון הונגער, ניט איין מאָל געוויינט אפ דער טאָלעקע, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. די דאָרפישע ייִנגלעך זײַנען געווען בעסער צו מיר — זיי האָבן מיר געגעבן ברויט קעז, צוגעלאָזט מיך צו זייערע שפּילן. איך בין צוגעוווינט געוואָרן צו זיי און שפּעטער זיי געהאָלפן היטן די גענדז. איך בין פאר מײַנע יאָרן געווען א

קרעפּטיקער און א געשיקטער, האָבנ די דאָרפּישע באַלעבאָסטעס אַלײנ אָנגעהױבנ מיר געבנ פּאַסענ, פּריִער גענדז, דערנאָך אױך קעלבלעך, װענ זײערע קינדער האָבנ געדאַרפט גײנ אינ שול. פאַר דער אַרבעט פלעג איך בא זײ קריגנ ברױט, א װאַרמעס אמאָל איבערכאַפּנ, און ניט אײנ מאָל, אינ א יאָנטעװ, אױך א פּאָר קרײצערס. די מאָשקעכע איז געװענ זײער א קאַרגע, איז זי געװענ צופרידנ, װאָס איך האָב אינדערהײם ניט געבעטנ קײנ עסנ. אָבער װענ מאָשקעס קינדער האָבנ זיך דערװוּסט, אַז איך עס פרעמדע מאכאָלימ, האָבנ זײ מיך אָנגערופנ טרײפּניאַק און האָבנ זיך גערײצט מיט מיר, און שפּעטער האָבנ זײ מיך אָנגעהױבנ אױסמײַדנ. אינ אָנהײב האָט עס מיך ניט געאַרט, אָבער גיך האָב איך די פײַנטשאַפט דערפילט גאַנצ שאַרפ.

מאָשקע האָט געדונגענ א באַהעלפער פאַר זײַנע ייִנגלעך, ער זאָל זײ לערנענ לײענענ און שרײַבנ. דאָס איז געװענ אומ װינטער. איך האָב אױך געהאַט פרײַע צײַט, אָבער װענ איך בינ צוגעגאַנ צו די ייִנגלעך, קעדײ זיך אױך לערנענ, האָבנ זײ אָנגעהױבנ שרײַענ, שטופּנ און ציפּנ מיך, און דערנאָך מיט געװײנ געזאָגט דער מוטער, אַז אײנער מיט א טרײפּניאַק װעלנ זײ זיך ניט לערנענ. כ׳זע, אַז מאָשקעכע אַלײנ האָט זײ אָנגערעדט, װײַל זי האָט מיך שטאַרק פײַנט געהאַט, די מעכאַשײפע, כאָטש איך װײס ניט פאַרװאָס. װי נאָר די קינדער האָבנ אױפגעהױבנ א געשרײ, איז זי געקומענ צו לױפנ און האָט מיך שטאַרק צעדודערט, זאָגנדיק, אַז דאָס לערנענ איז ניט פאַר מיר, אַז זײ זײַנענ אָרעמ און האָבנ ניט פאַר װאָס צו האַלטנ קײנ לערערס־באַהעלפערס פאַר שלעפּערס. האָב איך זיך צעװײנט. אָבער װאָס װעסטו טונ? כ׳גײ מיר אינ דאָרפ, שפּיל זיך מיט די דאָרפּישע קינדער, כ׳קוק זיך צו, װי עלטערע פױערימ מײַסטרעװענ עפּעס בא א װאָגנ, בא א שליטנ אָדער בא אַנ אַנדער געצײַג. ניט אײנ מאָל פלעגנ מיר, א גאַנצע כאָפּטע יאַטנ, לױפנ צומ קאָװאַל. די קוזניע זײַנע איז געשטאַנענ אפנ ראַנד פונ דאָרפ, און דאָרטנ פלעגנ מיר שאָענלאַנג זיך צוקוקנ צו דער אַרבעט. און װײַל איך בינ געװענ דער קרעפּטיקסטער פונ אַלע יאַטנ, פלעג דער קאָװאַל ניט אײנ מאָל מיר הײסנ אַרבעטנ מיטנ בלאָזאַק, אָדער א קלאַפּ טונ מיטנ האַמער, אָדער דרײענ דעמ שאַרפשטײנ. אױ, בינ איך דעמלט גליקלעך געװענ! װי הײס האָב איך געגאַרט, אױב שױנ דאָס לערנענ איז ניט פאַר מיר, זאָל איך כאָטש האָבנ א מעלאָכע אינ די הענט.

פרילינג־צײַט פלעג איך זיך װידער אומקערנ אפ דער טאָלעקע צו די גענדז און צו די קעלבלעך, װעלכע מאָשקע פלעג צונױפקױפנ אינ די אַרומיקע דערפער, און אױסהאַלטנדיק זײ א צײַט, דערנאָך זײ אָפּפירנ קײנ לעמבערג פאַרקױפנ. סמערעקאָװער טאָלעקע איז א גרױסע, ערטערװײַז פאַרװאָקסנ מיט קאָרטשעס, האָב איך ניט געדאַרפט אַסאַך אַרומלױפנ. זיצ איך מיר אַזױ אפ א בערגל, שאַרפ אָנ דאָס מעסערל און נעמ זיך שנײַדנ, דױבענ, מײַסטרעװענ פאַרשײדענע זאַכנ פונ האָלצ. פריִער קלײנע לײטערלעך, אַקערלעך, באָראָנעס, שפּעטער — שטײַגנ, װינטמילנ, װאַסערמילנ. אינ א יאָר אַרומ בינ איך שױנ

געווענ אזא מײַסטער, אז כ׳האָב איבערגעשטײַגט אלע דאָרפישע יאטנ. כ׳האָב אָנגעהויבנ פראָדוצירנ סקריפּענדיקע שרעקערלעכ אפ אָפּצוטרײַבנ שפערלעכ פונ דער ווייצ, פונ פראָסע, פונ קאָנאָפּליע, אונ האָב פארקויפט א פּאָר אזעלכע שרעקערלעכ צו צענ קרייצערס. אינ א קורצער צײַט ארום האָב איכ פארדינט אזויפיל, אז איכ האָב געקאָנט קויפנ סטאָליער־געצײַג — דאָלעטעס, בויערס א. ד. גל. איכ פלעג זיכ נעמענ פאר אלצ גרעסערע אונ גרעסערע זאכנ, ווײַל איכ האָב גרויס כיישעק געהאט צו דערצו. וואָס׳ איכ זאָל ניט זענ, וויל איכ אלצ מאכנ. אומ ווינטער פלעג איכ פארברענגענ די גאנצע צײַט באמ טטאָליער אָדער באמ קאָוואל, זיי געהאָלפנ אונ אליינ דערווײַל זיכ צוגעווינגט צו דער ארבעט. איכ בינ שוינ זעכצנ יאָר אלט געווענ, אונ מאָשקע טראכט אפילע ניט פונ מיר עפּעס מאכנ; געמאכט פונ מיר א פּאסטעכ, אונ וואָס וועט ווײַטער זײַנ — ארט אימ גאָר ניט. איכ האָב אפילע ניט געוווּסט, ווער איז מײַנ פאָטער געווענ אונ ־פונוואנענ איכ שטאמ. אינ דאָרפ האָט מענ נאָר געוווּסט, אז מאָשקע האָט מיכ א קליינעם פונ ערגעצ געבראכט, אז איכ בינ א זונ פונ מאָשקעס א קאָרעוו, וועלכער האָט נאָכ זײַנ טויט איבערגעלאָזט מיר אליינ א גרויסנ מאיאָנטעק, אונ מאָשקע האָט אימ פאררייגנט.

— ס׳איז א שאָד, יאָסקע—האָבנ ניט איינ מאָל געזאָגט צו מיר די פויערימ,— דו ביסט אזא לעבעדיקער באָכער, אונ צו א מעלאָכע ביסטו פייִק, אָבער וואָס וועט פונ דיר זײַנ?

— וואָס דארפ דענ זײַנ? — האָב איכ געענטפערט. — ס׳וועט זײַנ א פּאסטעכ פאר דער געמיינדע.

— אוי, ניינ, מאָשקע האָט קיינ געוויסנ ניט, וואָס ער באציט זיכ אזוי שלעכט צו דיר!

— ער זאָגט, אז ער איז אָרעמ אונ האָט ניט פאר וואָס, — האָב איכ געזאָגט.

— גלייב ניט אָט דעמ אלטנ ציגײַנער! ער האָט געלט, אונ ניט ווייניק, נאָר ער באהאלט זיי פאר זײַנע קינדערלעכ.

פונ אזעלכע ווערטער האָט מיכ אזש אופגעטראָגנ, כ׳האָב אליינ אָנגעהויבנ טראכטנ וועגנ זיכ.

— אינדערעמעסנ,—טראכט איכ מיר, — אפ וואָס וועל איכ זיכ דאָ דערוואַרטנ? אומזיסט ארבעטנ אפ מאָשקענ וועל איכ דאָכ שטענדיק קאָנענ. ווענ איכ זאָל כאָטש א גוטע מעלאָכע זיכ אויסלערנענ, וואָלט איכ אנ אייגנ שטיקל ברויט געהאט אינ די הענט. אָבער וויאזוי זאָל איכ דערגייִנ דערצו, וויאזוי זאָל איכ זיכ באפרײַענ פונ מאָשקענ? ווהינ טוט מענ זיכ אהינ אפ דער וועלט? באזונדערס דאנ, ווענ איכ וייס ניט פונוואנענ איכ שטאמ, ווער איז געווענ מײַנ פאָטער, אונ צי זײַנענ ערגעצ דאָ מײַנע אייגענע?

אונדזער קרעטשמע איז געשטאנענ באמ וועג, אָפט פלעגנ אהינ ארײַנקומענ זשאנדארמענ, מיינסטנס מיט צונויפגעשמידטע ארעסטאנטנ, וואָס זיי האָבנ זיי

געפירט קיינ לוואָוו אָדער קיינ זשאָווקווע. צום אָנהייב האָב איכ שרעקלעכ מוירע געהאט פאר די געוונטע, גרויזאמע כלאָפּעס אינ טונקלע אָנטוגנ, מיט קאראבינעס אפ די פּלייצעס אונ אינ קאפּעליושנ מיט א קוטעס פונ בלישטשענדיקע פעדערנ פונ א האָנ.

מיט אומרו אונ ציטער, צונויפגעקאָרטשעט אפנ ראנד פונ אויוונ, האָב איכ ניט איינ מאָל זיכ צוגעהערט, ווי זיי רעדנ מיט מאָשקענ אָדער מיט די דאָרפישע באלעבאטים. זיי האָבנ גערעדט געוויינלעכ וועגנ שרעקלעכע זאכנ, וועגנ סרייפעס, גאנאָווים, שלעפּערס, אונ אינ די געשפּרעכנ האָב איכ זייער אָפט געהערט דאָס וואָרט: פּאפירנ. „אויב ער האָט קיינ פּאפּירנ ניט, דארפ מענ אים באלד פארהאלטנ". „עהע, איכ זע, זיינע פּאפּירנ זיינענ ניט אינ אָרדענונג". „כאָטש איינ גוט פּאפּירל זאָל ער האָבנ, וואָלט איכ אים אָפּגעלאָזט". „וואָס איז דאָס פאר א פּאפּירנ, האָב איכ ניט איינ מאָל געטראכט וואָס האָבנ אזא מאכט, אז איינ פּאפּיר קאָנ ראטעווענ א דורכגייער פונ א, זשאנדארמ מיט א קאראבינ אונ מיט פעדערנ? אָבער אפ דער פראגע האָב איכ קיינ ענטפער ניט געקאָנט קריגנ, אונ דערפאר טאקע האָט מיכ אלצ מער געשראָקנ דער געדאנק וועגנ אָט די פּאפּירנ. וויאזוי וועל איכ אוועקגיינ אינ דער וועלט, ניט האָבנדיק קיינ פּאפּירנ? דער זשאנדארמ וועט דאָכ מיכ אפנ צווייטנ שפאנ פארהאלטנ אונ אָפּפירנ אפ גאָט אליינ ווייסט וואָס פאר א ליידנ! טראכטנדיק אזוי, האָב איכ געציטערט מיטנ גאנצנ לייב.

וואָס אָפּטער איכ האָב געטראכט, ווי צו באפרייענ זיכ פונ מאָשקענ, אלצ אָפּטער האָבנ זיכ אָט די פּאפּירנ מיר געשטעלט פאר די אויגנ. די פּאפּירנ האָבנ זיכ מיר אפילע געכאָלעמט — אלטע, געלע, מיט גרויסע שטעמפּלענ; מיט א פארקנייטשטנ פּאָנעמ האָבנ זיי אפ מיר געקוקט אָדער געלאכט פונ מיר מיט אנ עסלעכנ אָנציינקנ מויל. זייער אומגליקלעכ בינ איכ דעמלט געווענ. מענטשנ, וועלכע איכ האָב געפרעגט, האָבנ באשטעטיקט, אז אָנ פּאפּירנ קאָנ מענ זיכ ניט לאָזנ אינ וועג, אונ אָנ זיי וועט מיכ קיינ שום באלמעלאָכע ניט נעמענ צו זיכ לערנענ. אונ פונוואנענ זאָל איכ זיי נעמענ אָט די פּאפּירנ? דער קאָוואל האָט מיר געייצעט פרעגנ וועגנ זיי בא מאָשקענ: ער האָט דאָכ געוויס באקומענ עפּעס פּאפּירנ נאָכ מיינ פּאָטערס טויט.

יאָ, פרעגנ בא מאָשקענ! ווענ ס'זאָל מיר זיינ גרינג בא אים צו פרעגנ. פריִער, ווענ איכ בינ געווענ א קליינ קינד, איז ער געטרייער געווענ צו מיר; אָבער אז איכ בינ אונטערגעוואקסנ, האָט ער מיכ איבערגעגעבנ אינ די הענט פונ זיינ פרוי דער מעכאשייפע, ער האָט מיט מיר קימאט קיינמאָל ניט גערעדט. כ'האָב באמערקט אפילע, אז ער מיידט מיכ אויס. פונ דער צייט, ווענ מענטשנ האָבנ מיר געזאָגט, אז ער האָט פארייגנט מיינ טאטנס גוטס, האָב איכ אָנגעהויבנ אופמערקזאמ נאָכ אים שפּירנ. האָב איכ פארשטאנענ, אז מיינ אכטונג געבנ לאָזט אים ניט צורו. ער האָט זיכ עפּעס אומרויִק ארומגעדרייט, ווענ מיר פלעגנ בלייבנ אליינ אינ צימער, ווי ס'וואָלט אים עפּעס געגאָגט.

„און וואָס, טראַכט איך מיר, ווען עס טרעפט, דאָס ווײַב זאָל ניט זײַן אינ־דערהיים, קאָן מען אפּ אים אומדערוואַרטעט אָנגרײַפן, עפּשער וועל איך זיך עפּעס דערוויסן." האָב איך טאַקע באַשלאָסן בא אַ געלעגנהייט אַזוי צו טון.
אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך טאַקע אײַנגיכן געמאַכט. מאָשקעס איז אוועקגעפאָרן קיין זשאָוקווע. אין קרעטשמע איז אַכוץ מאָשקען קיינער ניט געווען, בין איך טאַקע צוגעגאַנגען צו אים און זאָג:
— רעב מוישע, מענטשן זאָגן, אַז נאָך מײַן פאָטערס טויט זײַנען בא דיר איבערגעבליבן עפּעס פּאַפּירן.
מאָשקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי אַ בין וואָלט אים אַ ביס געגעבן.
— און פונוואַנען ווייסטו עס?
— מענטשן זאָגן.
— וואָס פאַר אַ מענטשן?
— אַלע, דאָס גאַנצע דאָרף.
— ניין, און צוליב וואָס דאַרפסטו די דאָזיקע פּאַפּירן? דו קאָנסט דאָך אַפילע ניט לייענען!
— יאָ. און פאָרט וואָלט איך געוואָלט וויסן. הייסט עס, דו האָסט זיי?
— איך האָב, איך האָב די דאָזיקע בעטלערישע פּאַפּירן! — האָט מאָשקע אַ געשריי געטאָן אין כּעס, ווי איך וואָלט אים, ווער ווייס, וואָס פאַר אַן אומאָנגענעמלעכקייט געזאָגט. — אַ שלימאַזל איז ער געווען, דער פאָטער דײַנער, געפּטערט דעם מאַיאָנטעק, און צו די צאָרעס דיך איבערגעלאָזט אפּ מײַנע הענט. וואָס קאָן איך פון דיר האָבן!
— ווייסטו וואָס, רעב מוישע, — זאָג איך, — גיב מיר אָפּ די פּאַפּירן, וועל איך זיך אוועקגיין, אויב דו דאַרפסט מיך ניט.
— וואָס? — האָט מאָשקע אויש אַ פּישטשע געטאָן. — דו ווילסט אוועקגיין? און וווהין וועסטו גיין, דו נאַר איינער?
— איך וואָלט זיך ערגעץ פאַרדינגען אַ מעלאָכע זיך אויסלערנען.
מאָשקע האָט זיך צעלאַכט אפּן גאַנצן קאָל.
— גיי, גיי, דו נאַרישער קאָפּ איינער! מיינסט, עמעצער וועט דיך צונעמען? פאַרן לערנען דאַרף מען צאָלן, און כוץ דעם דאַרף מען קענען לייענען און שרײַבן, אי דאָס ניט אפּ ייִדיש, נאָר אפּ גוייִש.
בין איך געבליבן שטיין, ווי אַ סטויפּ, אין אַ מינוט אַרום בין איך ערשט אימשטאַנד געווען אַרויסזאָגן:
— איז באַווײַז מיר כאָטש די פּאַפּירן, איך וויל זיי אָנקוקן.
— טפו! — האָט מאָשקע אויסגעשריגן, — זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, ווי אַ שטעכלקע צו אַ פּעלץ! נו, קום, כ׳וועל דיר באַווײַזן דײַן גוטס! דײַן גליק, וואָס איך האָב זיי ביז איצט נאָך ניט פאַרברענט.
דאָס לעצטע וואָרט האָט, ווי אַ מעסער, פאַרוווּנדעט מײַן האַרץ. און ווען מאָשקע זאָל טאַקע אָפּדערעמעסן געווען פאַרברענען מײַנע פּאַפּירן? וואָלט איך

דעמאָלט געווען איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אַ בלעטל, וואָס איז פון בוים אַראָפּגעפאַלן... און ניט איך אַליין וואָלט ניט געוווּסט מײַן אָפּשטאַמונג, קיינער וואָלט עס ניט געוווּסט. איך וואָלט ניט געקאָנט אַוועקגיין פון דעם אָרט, איך וואָלט אויף אײביק געוועזן צוגעשמידט צו מאָשקעס באַנק, ביז סאַמע טויט וואָלט איך געווען אַ קנעכט. אַ ציטער האָט מיך דורכגענגמען בײַ דעם דאָזיקן געדאַנק, ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג האָב איך זיך אַליין בײַגעקומען און בין רויִק נעגאַנגען נאָך מאָשקען אין קעמערל.

דאָס קעמערל איז געווען אַ הילצערנס, צוגעבויט צו דער קרעטשמע, און דער אַרײַנגאַנג איז געווען פון פּאָרהײַזל. בלויז איין פענצטער האָט עס געהאַט, אַ קליינס, איבערגעשלאָגן מיט אײַזערנע פּרענטעס. דאָרט פלעג מאָשקע צונויפלייגן פאַרשיידענע זאַכן. דאָרט זײַנען געווען אַסאַך פעלצן, שמויסענע היטלען, שטיוול. אין קאַסטן זײַנען געלעגן קאַרעלן, מ'האָט געזאָגט אַפילע, אַז דאָרט אויפן דנאָ פון קאַסטן ליגן אַלטע דוקאַטן און טאַלערן. אַ פּאָר מאָל האָבן גאַנאָווים געפּרוּווט זיך אַרײַן אין קעמערל, אָבער ס'האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן, ווײַל ס'איז געווען פעסט געבויט, דאָס דאָזיקע קעמערל, כוץ דעם האָט מאָשקע געהאַלטן גוטע הינט. די טיר אין דעם קעמערל איז געווען אַ נידעריקע און אַ שמאָלע, מאָשקע האָט זיך געמוזט אײַנבייגן, בײַס ער איז אַרײַנגעגאַנגען. נאָך אים בין איך אויך אַרײַן.

— און דו וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער זיך אַרופגעוואָרפן אויף מיר.

— וואָס הייסט וואָס, האָסט דאָך מיר געהייסן גיין נאָך דיר!

— אָבער ניט דאָ! וואַרט צו אין פּאָרהײַזל!

— ס'איז אַלצאיינס, — זאָג איך, — כ'וועל דאָ צוואַרטן. כ'וועל דאָך בײַ דיר גאָרניט אופּעסן.

מאָשקע האָט אויסגעטאַרטשעט די אויגן און האָט זיך אײַנגעקוקט אין מיר, ווי ער וואָלט מיך זען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. איך ווייס ניט, וואָס איז אים אין מיר ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט אַ שפּײַ געטאָן און זיך אָפּגעקערעוועט. דערנאָך אַרופגעקראָכן אויפן קאַסטן און דערלאַנגט פון אַ פּאָליצע, צוגעשלאָגן בײַ דער סאַמע סטעליע, אַ פּאַק צונויפגעדרייטע געלע פּאַפּירן.

— אָט זײַנען דײַנע שמאַטעס! — האָט ער אַ בורקע געטאָן און באַוויזן די פּאַפּירן פונדערווײַטנס.

— גיב, איך וויל זיי באַטראַכטן, — זאָג איך און שטעק אויס די האַנט.

— נו, וואָס וועסטו דאָרט זען, נאַר איינער, — האָט מאָשקע געענטפערט, — און צוליב וואָס דאַרפסטו עס? זיץ בײַ מיר, אויב ס'איז דיר גוט, און זוכ ניט קיין צאָרעס!

און ער האָט אַוועקגעלייגט די פּאַפּירן צוריק אויף דער פּאָליצע.

— קום פונדאַנען, — זאָגט ער — איצט קאָנסטו זײַן רויִק. און דאָס, וואָס מע משנ

האָבן דיר וועגן מיר געזאָגט, — איך ווייס דאָך, אַז מענטשן האָבן לאַנגע צונגער, — איז גלייב דעם ניט. דאָס אַלץ איז אַ ליגן!

— וואָס איז אַ ליגן? — פרעג איך.

— עט, מיט דיר ריידן, דאַרף מען זיך פריִער אָנעסן! — האָט מאַשקע אַ בורקע געטאָן און קימאַט אַרויסגעשטופּט מיך פון דער קאַמער, דערנאָך פאַרשלאָסן זי אַפן ריגל און אַפּ אַ שליסל און אַוועק אין קאָרטשמע.

4

יאָסקע איז אַפּ אַ מינוט אַנשוויגן געוואָרן. פאַן זשורקאָווסקי, וואָס האָט אויפמערקזאַם געהערט זײַן דערציילונג, האָט אַ שמייכל געטאָן און זאָגט:

— נו, האָסט געזאָגט, אַז ס׳וועט זײַן אַ נאַרישע מעשׂה, און אָט, דו דער־ציילסט, ווי פון אַ ביכל.

— ע, פאַני, בײַזדאַנע איז ניט געווען קיין נאַרישע מעשׂה, אָבער איצט וועט שוין זײַן אַ נאַרישקייט. און וואונדערט זיך ניט, וואָס איך דערצייל אַזוי גוט. אין דאָרף האָב איך זיך אויסגעלערנט מעשׂיות דערציילן. אַ זיקאָרע האָב איך אַ גוטע, און ס׳איז מיר גענוג איין מאָל הערן אַ מעשׂה, ווי איך קאָן זי שוין איבערדערציילן פיל בעסער און אינטערעסאַנטער, איידער דער פון וועמען איך האָב זי געהערט. פאַראיאָריקן ווינטער האָט מען מיך פאַר די מעשׂיות אַזוי ליב געקריגן אין דאָרף, אַז אָן מיר איז ניט פאָרגעקומען קיין איין דאָרפישע צונויפקומעניש.

— הע, ווי איך זע, ביסטו אַ מײַסטער אַפּ אַלץ, — האָט דער פאַרעץ געזאָגט.

— אוי, פאַני, — האָט יאָסקע געענטפערט מיט אַ זיפץ, — איך ווייס ניט, וואָס דאָס הייסט, נאָר איך מיין, אַז דאָס איז טאַקע מײַן אומגליק. אויב איך זע, אַז איך דאַרף עפּעס טון, אַז איך קאָן זיך עפּעס אויסלערנען, איז ברענט עס מיך אַזוי אינעווייניק, עס מוליעט מיך, עס מוטשעט מיך אַזוי, אַז איך רו ניט קיין מינוט, ביז איך וועל עס ניט טון, זיך ניט דערוויסן, זיך ניט אויסלערנען. טאַקע נאָר דאָס האָט מיך געבראַכט אין טורמע אַרײַן.

— נו, נו, דערצייל!

דאָס מאָל האָט יאָסקע אָבער ניט געקאָנט פאַרענדיקן זײַן דערציילונג, ווײַל פונקט אין יענער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר פון אונדזער קאַמערע. יאָסקען האָט מען גערופן צום פּראָטאָקאָל.

— דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער יאַט, — האָט דער פאַרעץ אַ מורמל געטאָן און האָט אָנגעהויבן פאַרטראַכט אַרומגיין איבער דער קאַמערע.

— און איך מיין, אַז ער טראַכט אַסאַך אויס, — זאָג איך, — ער האָט זיך אויסגעלערנט די פויערים מעשׂיות דערציילן, דערציילט ער אונדז אויך אַ מעשׂה.

— דו מיינסט, אַז ס׳איז גאָר אַזוי?

— נו, וואָס דענ, עס קאָנ דענ אזוי ניט זײַנ?

— געוויס קאָנ עס אזוי זײַנ, אָבער דער פאָנעם זײַנער איז זײַנ גוטער אײדעס. מיר וועלנ דאָכ סײַוויסײַ האָבנ צײַט זיכ איבערצײַגנ.

אפנ פראָטאָקאָל איז יאָסקע לאנג ניט געזעסנ, ניט מער פונ א האלבער שאָ. ער האָט זיכ אומגעקערט פיל פריילעכער אונ רויִקער, ווי ער איז אוועק.

— נו, וואָס, — פרעג איכ בא אים, — ער האָט דיכ ניט אופגעגעסנ דער ריכטער?

— ע, וואָס זאָגט איר, דער ריכטער איז א גוטער מענטש, — האָט געזאָגט יאָסקע. — דעם עמעס זאָגנ, האָב איכ פאר אים פריִער מוירע געהאט. אינ דאָרפ האָט מענ מיר געזאָגט, אז דאָ שלאָגט מענ ביז מע איז זיכ מוידע, אז מע בריט די פעדעשוועס מיט צעגליטנ אײַזנ.

— כא־כא־כא! — האָב איכ זיכ צעלאכט. — איצט ווייס איכ שוינ, פארוואָס דו דרייסט זיכ אונ שרײַסט פונ שלאָפ יעדע נאכט! דיר כאָלעמט זיכ געוויס, ווי מע בראָט דיכ מיט צעגליטנ אײַזנ"!

— אוי, איכ בעט אײַכ, לאכט ניט. מיכ כאפט אָנ א שרעק, ווענ איכ דערמאָנ זיכ נאָר אינ יענע כאָלוימעס, אזוי האָב איכ זיכ פונ זיי אָנגעליטנ. אונ אלצ אומזיסט. דער ריכטער איז אזא גוטהארציקער, ער האָט גערעדט מיט מיר, ווי סע באדארפ צו זײַנ, ניט געשריגנ, ניט געזידלט אונ האָט מיכ ניט געשלאָגנ, אזויווי דער זשאנדאר.

— דער זשאנדארם האָט דיכ דענ געשלאָגנ? — האָט דער פאנ זשורקאָווסקי געפרעגט.

— אוי, פאני, כ'האָב געמיינט, ער וועט די נעשאָמע פונ מיר ארויסיאָגנ. גיט נאָר א קוק אפ מײַנע אקסלענ.

אונ יאָסקע האָט אראָפגענומענ דאָס העמדל. מיר זײַנענ פארציטערט געוואָרנ. דעם ייִנגלס אקסלענ זײַנענ געווענ אינגאנצנ באדעקט מיט סיניקעס אונ מיט שטיקער פארטריקנט בלוט.

— נו, אונ ווענג וואָס האָט דיכ דער ריכטער געפרעגט? — האָט זשורקאָווסקי דער ערשטער געזאָגט.

— ווענג דער דאָזיקער אומגליקלעכער רויבערײַ. ווי איז עס פאָרגעקומענ.

— נו, וואָס?

— וואָס זאָל זײַנ? איכ האָב אים דערציילט, ווי עס איז געווענ, אונ א סאָפ. האָט ער פארפולט דעם פראָטאָקאָל אונ געהייסנ מיכ אָפפירנ.

— נו, דערצייל איצט אויכ אונדז, ווי עס איז פאָרגעקומענ.

— ווי עס איז פאָרגעקומענ? איר ווייסט דאָכ שוינ, וואָס פאר א לעבנ איכ האָב געהאט בא מאָשקענ. האָב איכ ניט געוואָלט מער בא אים בלײַבנ, אונ כוצדעם האָב איכ מוירע געהאט, אז אויב איכ וועל אים דערמאָנענ ווענג די פאפירנ, וועט ער זיי אינגאנצנ פארברענענ, האָב איכ באשלאָסנ אליינ זיי צוגאנוועננ. מיר איז דאָכ גרינגער זיכ פארקלײַבנ אינ קעמערל, איידער א

פרעמדע גאַנעוו. אי די הינט קענען מיך, און אַליין ווייס איך אַלע גענג און אַלע פּירוגגען אין שטוב. אין אָנהייב האָב איך געוואָלט ארויסגאנווענען בא מאַשקען די שליסל, אָבער ער האָט, ווייזט אויס, דערשמעקט עפּעס און האָט געטראָגן די שליסל מיט זיך, אָדער ער פּלעג זיי אַוועקבאַהאַלטן, אַז איך זאָל זיי ניט געפינען. נאָר האָב איך נאָר בא זיך באַשטימט, אַז איך מוז ארויסגאַנ־ווענען די פּאַפּירן, האָט מיך שוין געגעסן דער פיבער, האָב איך וועגן גאָרניט ניט געקאָנט טראַכטן אַחוץ דעם, ווי צו קריגן די פּאַפּירן. און וואָס האָב איך געהאַט צו טראַכטן? איינמאָל באַנאַכט האָב איך אָפּגעשניטן דעם צאַפּן בא איינע סטויפּ—דאָס קעמערל איז געווען געבויט אויף סטויפּעס,—מיט דער דאָלעטע אונטערגעהויבן דעם באַלקן און ארייַנגעקראָכן אין קאַמער, גענומען מייַנע פּאַפּירן, און דערנאָך ארייַנגעשטופּט דעם באַלקן אויף זייַן אָרט. דאָס איז אַלץ.

— אַ קליינינקייט! — האָט דער פאַרעץ אַ בורקע געטאָן.

— און ווי באַלד איך האָב באַקומען די פּאַפּירן אין די הענט, האָב איך זיי אַפילו ניט איבערגעקוקט, ניט צעבונדן דאָס שנירל, מיט וועלכן זיי זייַנען געווען איבערגעבונדן, נאָר גלייַך זיי אייַנגעוויקלט אין אַ שמאַטע. און באַהאַלטן אין בוזעם. נאָכדעם האָב איך גלייַך פאַרלאָזט מאַשקעס קרע־טשמע. „וווהין גייט מען איצט?" האָב איך אַ טראַכט געטאָן. דער שרעק האָט מיך נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלאָזט. און אויב מאַשקע האָט מיך אָפּגענאַרט און מיר באַוויזן עפּעס נאַרישע פּאַפּירן אָנשטאָט מייַנע! און עפּשער האָב איך אינדערפינצטער גענומען ניט יענץ פּעקל? כ׳וואָלט געדאַרפט מיט עמעצן זיך אויסייצענען, וואָס צו טון אין דעם פאַל. האָב איך איבערגעעכטיקט אין דעם ערשטן סטויג היי און זיך גלייַך געלאָזט צום קאָוועל נאָך אַן אייצע. איך האָב אים אַלץ דערציילט. האָט ער מיך באַלד אָפּגעגאָסן מיט קאַלטער וואַסער.

— שלעכט האָסטו, יינגל, געטאָן, — זאָגט ער, — גיי באַלד צום סטאַראָסטע, דערצייל אים אַלץ און גיב אים אָפּ די פּאַפּירן.

ס'האָט מיר פאַרכאַלעשט דאָס האַרץ פון אָט די ווערטער. אָבער וואָס קאָן מען טון? כ׳זע, אַז ס'איז אַ קלוגע אייצע, בין איך אוועק. כ׳קום צום סטאַ־ראָסטע, און נאָך פון דעם הויף זע איך דורכן פענצטער, אַז לעבן דעם טיש זיצט אויף אַ באַנק אַ זשאַנדאַר. האָט מיר באַלד עפּעס ווי אַ שפּעטשע גע־טאָן, אַז דאָס איז מייַן טויט. בין איך פאַרהילצערט געוואָרן, ניט געקאָנט ווייַטער קיין טראָט טון. עס האָט מיר אַ בלישטשע געטאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ: אַנטלויפן! ס'איז אָבער שוין געווען שפּעט. דער סטאַראָסטע האָט מיך דערזען און צופרידן אַ געשריי געטאָן:

— אָט איז ער אַליין! מע האָט אים נאָר דערמאַנט, און ער גייט אין דער האַנט. אהער קום, נעענטער!

כ׳זע, אַז אַלץ איז שוין ארויסגעשווומען, מע פרעגט זיך אָפּ מיר. האָב איך זיך אייַנגעשטעלט און בין ארייַן אין כאַטע.

— ווי רופט מען דיך? — פרעגט מיך דער זשאנדאר.

— יאָסקע שטערן.

— פונוואנען ביסטו?

— כ'ווייס ניט.

— אהא, הייסט עס, א שלעפער.

כ'בין צום אָרט צוגעוואקסן. ניט איין מאָל האָב איך געהערט דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט, געהערט אסאך שרעקלעכע מייסעס וועגן דעם, וואָס די זשאנדארמען טוען מיט די שלעפערס, און פאר דעם האָב איך מער פון אלץ מוירע געהאט. און דאָ, נא דיר, פון דער ערשטער מינוט גלייך אין אזא מייסע אריינגעפאקט זיך.

— אָבער איך בין דאָך א היגער.—האָב איך א קרעכץ געטאָן. — דער פאן סטאראָסטע קען מיך.

— איך? דיך? — זאָגט דער סטאראָסטע. — זאָגסט א ליגן, ליבינקער! איך קען דיך אפן אויסזען, איך ווייס, אז דו הייסט יאָסקע און אז דו דינסט בא מאָשקען דעם ארענדאר. אָבער ווער דו ביסט און פונוואנען דו האָסט זיך גענומען, דאָס ווייס איך ניט.

— אהא, הייסט עס, ער זאָגט א ליגן גלייך אין די אויגן! — האָט דער זשאנדאר א געשריי געטאָן און עפעס פארשריבן בא זיך אין ביכעלע.—קום נאָר אהער,—האָט ער צו מיר געזאָגט. — נעענטער! קוק מיר אין די אויגן!

און אין דער מינוט, ווען איך האָב אף אים אופגעהויבן די אויגן, האָט ער מיט זיין שווערן קולעק מיר דערלאנגט א זעץ אין פּאָנעם. אזוי, אז איך בין גלייך אומגעפאלן און זיך מיט בלוט באגאָסן.

— שטיי באלד אוף! — האָט דער זשאנדאר צו מיר א געשריי געטאָן. — און זאָלסט זיך ניט דערוועגן שרייען, וואָרעם וועסט נאָך מער באקומען! און איצט זאָג דעם עמעס און ענטפער אף אלץ, וואָס איך וועל דיך פרעגן! דו דינסט בא מאָשקען?

— יאָ.

— דו האָסט אים באגאנוועט?

— ניין.

— וואָס הייסט ניין?

האָב איך נאָכאמאָל א קוק געטאָן אפן זשאנדאר, אָפּווישנדיק דאָס בלוט פון פּאָנעם, און ווידער האָט א שטארקער זעץ מיך אומגעוואָרפן אף דער ערד.

— פּאני זשאנדאר, — האָט זיך דערופ אָפּגערופן דער סטאראָסטע, אין דער צייט ווען איך האָב זיך באמיט אופהייבן, — איך אלס נאטשאלניק פון דער געמיינדע קאָן ניט קוקן אף אזא באהאנדלונג מיט ארעסטירטע. איך מוז זיין נאָר, בייס מע פארפילט דעם פּראָטאָקאָל, און דאָס וואָס קומט פאָר פארן פּראָטאָקאָל, האָט צו מיר קיין שייכעס ניט... אויב איר ווילט אים לערנען, וואָס ער דארף זאָגן, איז קלייבט זיך אויס אן אנדער אָרט. בא מיר דאָ טאָר מען עס ניט טון.

דער זשאנדאר האָט פארביסן די ליפּן, און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אופ־געשטאנענע פון באנק, ארויסגענומענע פון זײַן טאָרבע א קייט, פארשמידט מיך און אוועקגעפירט צו מאָשקען אין קרעטשמע. וואָס מע האָט דאָרט מיט מיר געטאָן, וויאזוי מע האָט מיך געלערנט ריידן, דאָס וועל איך ניט דערציילן. בייס אָט דעם לערנען בין איך א פּאָר מאָל כאלאָשעס געבליבן. און ניט אומזיסט זײַנען זיי אין קאס געווען — איך האָב זיי א גרויסן שאָדן אָנגעטאָן. מאָשקע האָט אין דער ערשטער מינוט געזאָגט דעם זשאנדאר, אז איך האָב צוגעגאנ־ווען אסאך געלט, וואָס איז געווען אײַנגעוויקלט אין די פּאפּירן. ער האָט געמיינט, אז וויבאלד דער זשאנדאר וועט מיך כאפּן און ברענגען אין קרעט־שמע, וועט ער די פּאפּירן צונעמען און וועט זיי פארברענען, און איך וועל אפּ אייביק פארבלײַבן זײַן קנעכט. דעריבער טאקע, ווי נאָר כ׳בין ארײַן אין קרעטשמע, איז די ערשטע פראגע געווען:

— ווו איז דאָס געלט?

— איך ווייס ניט. קיין שום געלט האָב איך ניט גענומען.

— און ווו זײַנען די פּאפּירן?

— איך האָב זיי באהאלטן.

— ווו האָסטו זיי באהאלטן?

— איך וועל ניט זאָגן.

ער האָט מיך אָנגעהויבן אײַנברעכן פריִער מיט געשלעג, דערנאָך מיט גוטן, און איך האָלט זיך בא אײַנס: — די פּאפּירן האָב איך גענומען, ווײַל זיי זײַ־נען מײַנע, כ׳האָב אפילע ניט ארײַנגעקוקט, צי איז עפּעס אין זיי פאראן. איך האָב זיי באהאלטן און איך וועל זיי קיינעם ניט באווײַזן, נאָר דעם סטאראָסטע.

מאָשקע איז שיר פון זינען ניט אראָפּ. פון קאס געהייטן אראָפּרײַסן פון מיר די שיך און דאָס אָנטוך, וואָס איך האָב אָפּ זיך געהאט, און מיר געגעבן אָט די שמאטעס. צום סאָף האָט מען מיך א געשלאָגענעם און קימאט א נאקעטן אוועקגעפירט צום סטאראָסטע. דאָרט האָט מען מיך נאָכאמאָל גע־פרעגט וועגן די פּאפּירן. אָדער איך בין ניט קיין נאר. ערשט דעמלט, ווען איך האָב דערזען, אז אין כאטע זײַנען אסאך איידעס, בין איך אוועק אין פּאָרהײַזל און ארויסגעשלעפּט די פּאפּירן פון א שפּאלט אין וואנט. באם סטאָ־ראָסטע איז דאָס פּאָרהײַזל געווען א פינצטערס, א גרויס. ארײַנגייענדיק אין כאטע, ווו איך האָב געזען דעם זשאנדאר, האָב איך מײַן פּעקל ארײַנ־געשטופּט אין א שפּאלט, מע זאָל עס בא מיר ניט צונעמען. ווען מאָשקע האָט דערזען דאָס פּעקל באם זשאנדארם אין די הענט, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צו אים ווי א וואָראָנע, שרײַענדיק, אז דאָס איז זײַן געלט, מע זאָל עס אים אָפּגעבן.

— האָ, האָ, פּאני מאָשקע, — האָט געזאָגט דער סטאראָסטע, — אזוי גייט דאָס ניט. מיר מוזן דאָס אלץ צושטעלן דעם געריכט. דאָ וועלן מיר מאכן א

פּראָטאָקאָל. אונ ווענ דאָס ייִנגל וועט זיכ מוידע זײַנ, אַז ער האָט דאָס פּעקל באַ אײַכ צוגעגאַנוועט, וועט שוינ דער געריכט וויסנ, וואָס מיט דעמ ווײַטער צו טונ. מיר וועלנ עס פאַרשטעמפּלענ אַלצ, ווי סע איז, מיט דעמ געמיינדע־שטעמפּל, אונ דער פּאַנ זשאַנדאַרמ וועט עס צושטעלנ אײַנײנעמ מיטנ אַרעסטאַנט קיינ לוואָוו. אונ איר וועט שוינ אינ געריכט זוכנ דעמ עמעס.

מײַנ מאָשקע האָט זיכ אָפּ די רייד אַזוי פאַרקרימט, ווי ער וואָלט אויס־געטרונקענ אַ קאָרט אייגענעמ בראָנפנ. אָבער קיינער האָט אָפּ דעמ קיינ אַכט ניט געלייגט. דער זשאַנדאַר האָט זיכ געזועצט שרײַבנ דעמ פּראָטאָקאָל. אונ ווענ אַלצ איז שוינ געווענ פאַרשריבנ, האָט די סטאַראָסטיכע מיר געגעבנ עפּעס איבערבײַסנ, דער זשאַנדאַר האָט מיכ ווידער פאַרשמידט, אונ מיר האָבנ זיכ געלאָזט אינ וועג קיינ לוואָוו. איכ האָב געמיינט, אַז כ׳וועל אומ־קומענ פונ ווייטעק אונ קעלט אינ אָט דעמ וועג. ביז איצט ווייס איכ ניט, וויאַזוי איכ האָב אויסגעהאַלטנ. אוי, פּאַני, ווי מיינט איר, וואָס וועט איצט מיט מיר זײַנ?

— עס וועט גאָרניט זײַנ, — האָט פּאַנ זשורקאָווסקי געענטפערט, — וועסט אָפּזיצנ אַ ביסל אונ וועסט אַרויסגיינ אָפּ דער פרײַהײַט. אונ ווער ווייסט, עפּשער וועט אָט די גאַנצע געשיכטע דיר אָפּדינענ אַ גוטע דינסט.

— וויאַזוי איז?

— מירנ זענ. דער מענטש ווייסט קיינמאָל ניט פאָרויס, וואָס אָפּ אימ וואַרט.

5

אינ אַ צוויי אָדער דרײַ טעג אַרומ רופט מענ יאָסקענ אַרויס, אָבער ניט צומ געריכט, נאָר צומ דאָקטער. וואָס זאָל עס באַטײַטנ? — טראַכט איכ מיר. — ער האָט זיכ דאָכ ניט געקלאָגט.

— ער האָט זיכ אַליינ ניט געקלאָגט, — דערציילט מיר פּאַנ זשורקאָווסקי, — אונ ווענ ער זאָל זיכ אַפילע יאָ קלאָגנ, וואָלט עס אימ אויכ ניט געהאָלפנ. דאָס האָב איכ וועגנ אימ געזאָגט. זונטיק בינ איכ געווענ באַמ פּרעזידענט פונ טורמע אונ האָב געבעטנ, ער זאָל הייסנ באַטראַכטנ יאָסקענ. דאָס איז דאָכ אַ שרעקלעכע זאַכ, וואָס עס טוט זיכ דאָ! ווײַטער טאָר עס אַזוי ניט זײַנ.

אַזוי איז עס טאַקע געווענ — דער דאָקטער האָט געהייסנ יאָסקענ זיכ אויס־טונ אונ האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל. צי איז פונ דעמ עפּעס גע־וואָרנ — ווייס איכ ניט. אינ אונדזערע געריכטנ גייענ אַזעלכע איניאָנימ זייער פּאַמעלעכ, אונ ניט יעדערער האָט דאָס גליק, ער זאָל זיכ דערוואַרטנ אָפּנ רעזולטאַט.

איינמאָל זאָגט אַזוי פּאַנ זשורקאָווסקי צו יאָסקענ:

— הערסט, ייִנגל, דו ווילסט, איכ זאָל דיכ אויסלערנענ לייענענ?

יאָסקע האָט אויסגעסטאַרטשעט די אויגנ אָפּנ פּאַנ.

— וואָס קוקסטו אַזוי? אויב דו ווילסט נאָר, ועסטו אין צוויי טעג אַרום שוין קאָנען לייענען. און אויב איך וועל זען, אַז דו נאַרסט מיך ניט און האָסט מאַקע אַ גוטן זיקאָרן, וועל איך שוין פאַר דיר אַזוי מאַכן, אַז מ׳וועט דיך צונעמען אין האַנטווערקשול, וועסטו זיך אויסלערנען אַ מעלאָכע, אַוועלכע דו ווילסט.

— אוי, פּאַני! — האָט יאָסקע אַ געשריי געטאָן, זיך אַ וואָרף געטאָן צום פּאַנס פוס און זיך פאַרגאָסן מיט טרערן. מער האָט ער גאָרניט ניט געקאָנט זאָגן, ער האָט נאָר געקושט די הענט באַם פּאָרעץ.

אפן צווייטן טאָג האָט מען דעם פּאָרעץ געבראַכט אַן אַלעפבייס, און ער האָט גענומען לערנען יאָסקען לייענען. אין צוויי טעג אַרום האָט דאָס יינגל שוין געקאָנט דערקענען און צונויפלייגן די אויסיעס, און אין אַ וואָך אַרום האָט ער קורצע זאַצן געלייענט קימאַט פליסיק. כ׳זע, אַז ער וואָלט געלייענט באַטאָג און באַנאַכט, אָבער באַנאַכט האָבן מיר קיין שיין ניט געהאַט. צום עסן האָט ער זיך קאַם אַפּ אַ מינוט אָפּגעריסן פון ביכל. און אַז עס פלעג טונקל ווערן, פלעג יאָסקע זיך זעצן אין עק פון זיין מאַטראַץ, די פיס אונ־טער זיך, מיט די הענט זיי אַרומגענומען, און זיצנדיק אַזוי איינגעבויגן, פלעג ער אָנהייבן דערציילן מייסעס, זיי געפלאָכטן אָן אַ סאָף. און כאָטש מ׳האָט געזען, אַז ער כאַזערט איבער די זעלבע וווּנדער און געשעענישן, דאָך פלעג ער זיי יעדער מאָל אַנדערש אויסלייגן, אַנדערש דערציילן. און אָפט האָט מען גלייך געזען, אַז ער שפּינט פאַר אונדז אין דער מייסע זיינע איי־גענע טרוימען. ער פלעג דערציילן וועגן אַן אָרעם יינגל, וואָס אינעם שווערסטן אומגליק באַגעגנט ער אַ ווילטעטער אַ קישעפמאַכער, נעמט באַ אים איבער די צויבערוואָרטער און די שפּרוכן און לאָזט זיך אין דער וועלט זוכן גליק און אַנדערע מיטהעלפן. מיט פּאַשטעט, אָבער דורכדרינגלעכע ווער־טער האָט ער געמאָלט זיינע איבערלעבונגען און פּאַסירונגען, זיינע באַגעגע־נישן מיט די זשאַנדאַרמען, זיין קנעכטשאַפט באַם אַרענדאַר. ניט איין מאָל פלעגט ער אינטערעסאַנט צונויפמישן דאָס, וואָס די מייסעס זאָגן, מיט דעם, וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ יינגל זאָל זיך אַזוי צוכאַפּן צו ביכער, אַזויווי אָט דער יאָסקע. ס׳איז קלאָר געווען, אַז אין אָט די פּאָר וואָכן וויל ער אָנכאַפּן אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעווירן אין מעשעכ פון היפשע יאָרן. מער פון אַלץ האָט ער זיך געערגערט דערפון, וואָס די האַרבסטיקע טעג זיי־נען אַזוי קורצ און אין קאַמערע ווערט פרי פינצטער. דאָס איינציקע פענצ־טערל אונדזערס, געוועגדעט צו מיזרעך צו און וואָס האָט זיך געפונען קימאַט אונטער דער סטעליע, האָט אפילע באַטאָג קאַרג דורכגעלאָזט די שיין, און פון פיר אַזייגער אָן האָט מען שוין ניט געקאָנט לייענען. און יאָסקע וואָלט גערן פאַרלענגערט דעם טאָג אין צוויי מאָל. ענדלעך האָט ער אַ דערפרייטער אויסגעשריגן:

— אָט וואָס! איך וועל לייענען באַם פֿענצטער. דאָרט טאָגט פֿריִער, און זען קאָן מען דאָרט שפּעטער ווי אין קאַמערע.

— ס'וועט דיר זײַן ניט באַקוועם צו לייענען, שטייענדיק אַף דער רישטע־וואַניע,— זאָג איך אים,— און כוץ דעם איז עס צו הויך פֿאַר דיר.

— איך וועל זיצן אַזוי הויך, ווי איך וויל! — זאָגט ער.

— וויאַזוי וועסטו עס מאַכן?

— איך וועל צובינדן דעם לײַלעך מיטביידע עקן צו די גראַטעס, אינעם לײַלעך אַרײַנלייגן די צונויפֿגעדרייטע רעדנע, און זיך זעצן אַף איר, ווי אין אַ זאָטל.

דער אופֿטו איז אָפּדערמעסן געווען זייער פּראַקטיש, און פֿון יענער צײַט טוען אַלע אַזוי אין דער טורמע. עטלעכע טעג האָט יאָסקע פּאָשעט אָנגעקוועלט פֿונעם פֿענצטער. ער פֿלעג אופֿשטיין זעקס אַזייגער, מיט באַגינען, געמאַכט זײַן רעשטאָוועניע, אַרופֿגעקלעטערט אַף איר, און מיט אָנשטרענגונג געלייענט אין דער פֿינצטער, צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו די גראַטעס, קעדיי מער ליכט פֿאַרכאַפּן. איך מיטן פֿאַן האָבן נאָכאַנאַנד געהיט לעבן דער טיר, ווען דער וועכטער פֿלעג גיין צו דער קאַמערע, און באַצײַטנס געוואָרנט יאָסקען, ער זאָל אַראָפּקריכן און אַראָפּנעמען די רעשטאָוואַניע. ווײַל זיצן באַם פֿענצטער איז די אַרעסטאַנטן שטרענג פֿאַרווערט. האָט זיך אונדז שטענדיק אײַנגעגעבן אויסמײַדן די שטראָף. און ס'קאָן זײַן, אַז דער וועכטער האָט דעם פֿאַן זשורקאָווסקי אויך אַ ביסל געאַכטעט און ניט אַזוי שטרענג נאָכגעקוקט נאָך אונדזער קאַמערע.

צום אומגליק איז די שטראָף אויסגעפֿאַלן פֿון אַן אַנדער זײַט.

אכוץ די היטער אין קאָרידאָר האָבן מיר נאָך איין וואַך: אונטער די פֿענצטער פֿון טורמע גייט אַרום אַ וועכטער אַ סאָלדאַט מיט אַ קאַראַבין. ער האָט אַ שטרענגן באַפֿעל אַכטונג געבן, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן ניט אַרויסקוקן פֿון די פֿענצטער, און באַזונדערס זיי זאָלן דורך די פֿענצטער צווישן זיך ניט ריידן. די מיליטער־געזעצן הייסן אים אין פֿאַל פֿון ווידערשטאַנד אַפֿילע אָנווענדן געווער. עמעס, ביז איצט האָט זיך אַזאַ צופֿאַל ניט געטראָפֿן. עס האָט געדאַרפֿט געשען עפּעס גאָר אַן אויסערגעוויינלעכס, קעדיי דער וועכטער זאָל אַראָפּגיין פֿון זײַן אָרט און גיין זאָגן דעם וואַכקאָמענדאַנט, אַז פֿון דעם אָדער דעם פֿענצטער האָט מען אַרויסגעקוקט אָדער זיך איבערגערעדט. די עלטערע סאָלדאַטן זײַנען שוין געווינט געוואָרן פֿאַרשטיין, אַז איין זאַך איז אַ באַפֿעל און גאָר אַן אַנדער זאַך איז אויספֿילן אים, און האָבן געוויינלעך ניט זייער שטרענג אָפּגעהיט דעם באַפֿעל. ניט איינער האָט דערלויבט זיך איבעררײדן, געווען מאַסקים אַף אַלץ. אַן אַנדערער האָט ניט בייז דערמאַנט, אָדער געבעטן די אַרעסטירטע, זיי זאָלן אים לאָזן צורו. ערגער איז אָבער געווען, ווען אַף דער וואַך איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט מוירע געהאַט פֿאַרן קאַפּראַל מער ווי פֿאַר פֿײַער. דער דאָזיקער האָט אויסגעפֿילט יעדער וואָרט פֿונעם באַפֿעל. אויב מע האָט אים אָנגעזאָגט „שטרענג שפּירן",

האָט ער דאָס פארשטאנענ אזוי, אז יעדער ארעסטאנט, וואָס וועט באווייַזנ זייַנ קאָפּ אינ פענצטער, דארפ מענ אימ זידלענ מיט די לעצטע ווערטער, דערציילנ וועגנ דעמ קאפראל אָדער זיכ נעמענ אפילע פארנ קאראבינ. אינ אזעלכע סאָלדאטנ האָבנ זיכ די ארעסטירטע נויקעמ געווענ דערמיט, וואָס בייס זייַנ וואכ, באזונדערס אפדערנאכט, פלעגנ זיי אופהייבנ די גרעסטע געשרייענ לעבנ די פענצטער, אזוי אז דער נעבעכדיקער רעקרוט פלעג שיר פונ זינענ ניט אראָפּ. אפ יעדנ געשריי פונ פענצטער רעכנט ער פאר זייַנ הייליקנ פליכט ענטפערנ אמווייניקסטנ מיט פונקט אזא הויכנ פארדריסלעכנ אויסגעשריי. אָבער אזויווי ארעסטאנטנ איז פאראנ עטלעכע צענדליקער און ער איז איינער, פלעג ער נאָכ עטלעכע מינוט גענעמ-אויסשרייַענ, מוזנ אנשוויגנ ווערנ, און ניט קאָנענדיק זיכ געבנ קיינ אייצע, פלעג ער זיכ כאפנ פארנ קאראבינ. פארשטייט זיכ, אז גלייַכ אינ דער מינוט פלעגנ די פענצטער אנטקעגנ אימ פוסט ווערנ, און די געשרייענ פלעגנ זיכ אָנהייבנ אינ אנ אנדער עק פונ לאנגנ ארעסטאנטנ-מויער. און דער וועכטער, ווי א געיאָגטע כייַע, פלעג לויפנ און ווידער דראָענ מיטנ קאראבינ, פארשטייט זיכ, מיט דעמ זעלבנ רעזולטאט.

אזעלכע געשרייענ פלעגנ געווייַנלעכ פאָרקומענ אינ די אפדערנאכטנ, אָבער ניט איינמאָל פלעג עס פאָרקומענ אויכ בעטאָג. אזוי האָט דער אומגליק געוואָלט, אז איינמאָל, פונ דרייַ ביז פינפ אזייגער בעטאָג זאָל אפ דער וואכ שטיינ אזא שלימאזלדיקער סאָלדאט. אינ אָנהייב האָט ער געזאָגט עפעס א גראָב וואָרט אנ ארעסטירטנ, וואָס האָט געקוקט אינ פענצטער. האָט מענ געגעבנ א צייכנ, מע זאָל מאכנ דעמ סאָלדאט א קאצנ-יאָמער. פונ אלע עקנ פונ ארעסטאנטנ-הויז, פונ פארשיידענע שטאָקנ, פונ העכער א צענדלינג פענצטער האָבנ זיכ באלד א שאָט געטאָנ געשרייענ, אויסרופנ, פייַפערייַ און גרילצנדיקע מיאוקענ. דער רעקרוט האָט אויכ געשריגנ, איז ארומגעלאָפנ אונטער די פענצטער, אָבער קיינעמ ניט געקאָנט דערזענ. דערפירט ביז ווילדנ קאס, איז ער אנשוויגנ געוואָרנ און האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ איינ אָרט, זיכ אָפּרוענ. אינ א פאָר מינוט ארומ האָט זיכ דער קאצנ-יאָמער אויכ געענדיקט. ס'האָט זיכ געדוכט, אז ס'האָט זיכ איינגעשטעלט א פולע רויִקייט. אינ קאמערע איז שוינ טונקל געוואָרנ, האָט יאָסקע געמאכט זייַנ רעשטאָוואניע, און מיטנ בוכ אינ די הענט איז ער צוגעפאלנ צומ פענצטער. ער האָט קאמ דורכגעלייענט א פאָר ווערטער זיכ אונטער דער נאָז, ווי דער וועכטער האָט אימ באמערקט, איז צוגעשפרונגענ און זיכ געשטעלט אנטקעגנ דעמ פענצטער.

— מארש, גאנעפ איינער, פונ פענצטער! — האָט ער אויסגעשריגנ צו יאָסקענ.

יאָסקע האָט דאָס ערשטע מאָל ניט געהערט אפילע דעמ געשריי, אזוי איז ער פארכאפט געווענ מיט דער מייַסע וועגנ א בושעל און א פיש, וואָס ער האָט געלייענט.

— מארש פונ דעמ פענצטער! — האָט דער וועכטער העכער א געשריי געטאָנ,

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט יאָסקע געענטפערט, — איך שטער דיר ניט. דו זעסט דאָך, אַז איך לייען. אין קאַמערע איז פינצטער, בין איך אַרופֿגעקראָכן צו שיַין.

— גיי אַוועק, ווײַל איך שיס! — האָט דער וועכטער אַ רעווע געטאָן, און איידער יאָסקע האָט באַוויזן אַראָפּקריכן פון זײַן רעשטאָוואַניע, האָט אַ הילך געטאָן אַ שאָס פון קאַראַבין. — אוי! — האָט אַ געשריי געטאָן יאָסקע, און ווי אַ סנאָפּ, אַראָפּגעפאַלן פון דער רעשטאָוואַניע אויפן געלעגער, וואָס איז געשטאַנען אונטערן פענצטער. די פיס האָבן אים געצאַפּלט, און די הענט, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס ביכל, האָט ער צוגעדריקט צו דער ברוסט. פון אונטער די בלעטער פון בוך האָט געשלאָגן דאָס בלוט. די קויל האָט געטראָפן גלײַך אין ברוסט.

— וואָס איז דיר? וווהין האָט ער דיר געטראָפן? — האָבן מיר ביידע אַ געשריי געטאָן און זיך אַ וואָרף געטאָן צו יאָסקען. ער האָט אָבער גאָרניט געענטפערט, נאָר די שוואַרצע אויגן זײַנע האָבן געבלישטשעט, ווי צוויי צעגליטע קוילן, אַזעלכע שרעקלעכע אין דעם פּאָנעם, וואָס איז בלייך, ווי בײַ אַ טויטן.

אין הויף אונטער אונדזער פענצטער און אין קאָרידאָר הינטער אונדזער טיר האָט זיך אײַנגעצײַטיק אויפגעהויבן אַ געפּילדער. דאָרט איז די מיליטער־וואַך אַרויסגעלאָפן אויפן שאָס, און דאָ האָט דער קליוטשניק מיט די עלטסטע געזוכט די קאַמערע, אין וועלכער מע האָט געשאָסן. זיי האָבן געטראָפן צו אונדז.

— אַהאַ, ס'איז דאָ! — האָבן זיי אויסגעשריגן, דערזעענדיק דעם ליגנדיקן יאָסקען. — נו, גאַזלענע איינער, האָסט געקריגן דײַנס?

יאָסקע האָט זיך נאָך געוואָרפן און שטיל געקרעכצט און מיט ביידע הענט אַלץ צוגעדריקט דאָס ביכל צו דער ברוסט, ווי ער וואָלט וועלן פאַרשטעקן דערמיט די טויט־ווונד.

— וואָס האָט ער געטאָן? — האָט בײַ מיר געפרעגט דער עלטסטער.

— איך... איך... נאָר... צו שיַין...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, ס'האָט אים אָבער ניט געסטײַעט קיין אָטעם. מיט דער לעצטער באַוועגונג האָט ער אָפּגעריסן די הענט פון דער ברוסט און באַוויזן זײַן פאַרבלוטיקטן אַלעפבייס.

— ער האָט געלייענט באַם פענצטער! — האָב איך דערקלערט.

אין דער זעלבער מינוט איז פון געריכט געקומען אַ שאַליעך מיט אַ פאַראָרדענונג. ער האָט געזוכט דעם קליוטשניק.

— פּאַן קליוטשניק, — זאָגט ער פון קאָרידאָר, — ווו זיצט דאָ יאָסקע שטערן? דאָ איז פאַראַן אַ פּאַפּיר פון געריכט, מע זאָל אים באַפרײַען.

יאָסקע איז אָבער שוין פרײַער מיט אַ מינוט געוועזן פרײַ.

# ד ע ר ב ל ײַ ע ר

איך בעט אײַך, איר זאָלט בעשומו־פֿן ניט מיינען, אז איך דערצייל עפּעס אַן אויסטראַכטעניש אָדער דאָס קעפּל פֿון דער דערציילונג איז עפּעס אַ מעטאַפֿאָרע. ניין, די זאַך גייט טאַקע וועגן אַ בלײַער און ניט וועגן אַ גאַנצן בלײַער, נאָר וועגן אַ שטיקל, אָט אַזוי, לאָמיר זאָגן, בּאַ דרײַ ווערשאָק די לענג, און מיט די, וואָס וועלן זאָגן, אַז דרײַ מיט אַ האַלבן ווערשאָק, וועל איך אויך ניט גיין צום סטאַראָסטאַ זיך לאָדן. אָבער דאָס ווייס איך גוט, אַז קיין פֿיר ווערשאָק האָט ער נישט געהאַט. דאָס וואָלט איך געקאָנט, ווי ס׳זאָגן עס די ריכטער, „באַשטעטיקן מיט אַ שבֿועה" אָדער ווי ס׳זאָגן עס אונדזערע יאַסעניטשאַנער, „זיך אָפּשווערן אַף וואָס די וועלט שטייט". דרײַ מיט אַ האַלבן ווערשאָק ניט מער, אָט דאָס איז געווען די לענג פֿון דעם העלד פֿון דער דאָזיקער דערציילונג. כאָטש ס׳איז שוין אַסאַך יאָרן דערינג, זײַנט מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען מיט אים, דאָס הייסט איך האָב אי׳ם געזען, ווײַל צי דען קאָן ער מיט זײַן פּאַרשפּיצטן נעזל מיך זען? ער איז אָבער גאַנצע אָנדערהאַלבן טעג געלעגן אין מײַן שול־זעקל, אונטער די ביכער, טאַקע אין דער טיפֿער פּינצטערניש! כ׳זאָל קיין ליגן ניט זאָגן, איז דערינג דאָ ניט ווייניקער ווי זעכצן יאָר — אַ היפּש שטיקל צײַט, מע קאָן אַפֿילע אַ בעסטן פֿרײַנט פֿאַרגעסן. איך האָב אין אים פֿונדעסטוועגן ניט פֿאַרגעסן, ניט פֿאַרגעסן וועגן דעם שטיקל בלײַער, וואָס האָט געהאַלטן דרײַ מיט אַ האַלבן ווערשאָק אין דער לענג, אײַנגעפּראַוועט אין טונקל־ברוינעם האָלץ, זעקס־קאַנטיק, אָפּגעפּאָליטורט אין אַ געלן קאָליר און מיט אַ זילבערנעם געשטעמפּלטן אויפֿשריפֿט „Mittel" אַפֿן טעמפּן עק; פֿון דער צווייטער זײַט איז ער געווען פֿאַרשניצט ניט צו שאַרף און ניט צו טעמפּ — פּונקט אַזוי־ווי ס׳איז נייטיק פֿאַר אַ דאָרף־שילער.

אין אַזאַ צושטאַנד איז ער געלעגן אַפֿן שניי אין איינעם אַ ווינטער־פֿרימאָרגן אין הויף פֿון דער יאַסענער שול, פּונקט לעבן דער סטעזשקע, וואָס די שילער האָבן שוין פֿון אינדערפֿרי אויסגעטאָפּטשעט. ס׳איז געווען אַ שיינער, וווּנדערבאַרער פֿרימאָרגן. דער פֿראָסט האָט מעשוגענערווײַז געדריקט. אינדערלופֿטן זײַנען אַרומגעפֿלויגן קליינע שנייעלעך; זיי זײַנען געווען אינגאַנצן דורכזיכטיק. מע האָט זיי געקאָנט זען נאָר אַדאַנק דעם גלאַנץ, וועגן ס׳האָבן זיך דורכגעבראָכן אין זיי די זונען־שטראַלן. דער בלײַער איז נישט געלעגן

טיפֿ אין פֿאַרפֿרוירענעם פֿינקלענדיקן שניי, נאָר אײַנגאַנצן פֿונייבן. זײַן געלע פֿאָליטור האָט געגלאַנצט אַפֿ דער זון, די זילבערנע אויסיעס „Mittel“ האָט מען געקאָנט זען נאָך פֿונדערווײַטנס. ווײַזט אויס, עפּעס א שילער האָט זיך געאײַלט אין שול און האָט אים פֿאַרלוירן. ער איז טאַקע אַזוי געלעגן אויסגעצויגן, זײַן פֿאַרשפּיצט נעזל צו די ווענט פֿון שול, ווי ער וואָלט זיך באַמיט זאָגן יעדן פֿאַרבײַגייער, אז דאָרט איז זײַן אָרט. ער האָט ווי געבעטן מיט זײַן זילבערנעם בליק, מע זאָל אים אַרויסנעמען פֿון דעם שנייִגעם אָבער שטאַרק קאַלטן געלעגער און אַרײַנטראָגן אַהין אין שול, פֿונוואַנען ס'האָט זיך איבערן דאָרפֿ פֿאַנאַנדערגעשפּרייט דער טומל פֿון די יאַטן, וואָס האָבן געוואַרט אויפֿן פּראָפֿעסער *).

זאָגט־זשע אַפֿ אײַער נעמאָנעס, וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען אײַך קומט אויס צו זען אַזאַ מין „Mittel“ און נאָך אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס האָט אים אינגאַנצן ניט געפּאַסט? איך רעכן, אַז 90% פֿון אײַך וואָלט אין קאָפּ ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז דער דאָזיקער בלײַער קאָן זײַן אַ העלד פֿון אַ דערציילונג צי אַפּילע זאָל זײַן פֿון אַ צײַטונג־נײַעס אָדער פֿון אַ נישטיקן אַנאָנס. זיי וואָלטן אים אופֿגעהויבן און אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. און די אַנדערע 10% וואָלטן זיך זיכער ניט אָנגעבויגן צו אים.

איך אָבער, כ'בין זיך מוידע, האָב געהערט צו די 90%. איך האָב ניט געזען קיין שום בייז אין דעם בלײַער, כ'האָב זיך אָנגעבויגן צו אים, און אַזוי ווי כ'האָב ניט געהאַט קיין שום קעשענע, האָב איך אים אַרײַנגעלייגט אין דעם לעדערנעם שילערזעקל, ווו ס'האָבן זיך געפֿונען מײַנע ביכער. אָבער וואָס ס'איז שוין דאָ געווען ניט אינגאַנצן געוויינלעך, איז דאָס, וואָס איך האָב זיך זייער געפֿרייט איבער דעם געפֿונענעם. איך בין געווען אַן אָרעם דאָרפֿיש ייִנגל און האָב נאָך אַפֿ מײַן לעבן ניט געהאַט קיין בלײַער. כ'האָב אַלץ געמוזט שרײַבן מיט אַ דער פֿאַרפֿלוכטער געגנדזענער פּען, וואָס האָט אַלץ געקאָפּעט און געפּאָרסקעט אונטער דעם דרוק פֿון מײַן האַנט. און דאָ האָב איך פּלוצעם געפֿונען אַ בלײַער! און נאָך אַזאַ שיינעם בלײַער! עמעס, כ'האָב אים געזען נאָר אַ ווײַלע, ווען ער איז נאָך געלעגן אַפֿן שניי, ווײַל דערנאָך ווען כ'האָב אים אַ כאַפּ געטאָן אין דער האַנט, האָב איך אים שנעל אַרײַנגעשטופּט אין זעקל, ווי איך וואָלט מוירע געהאַט, אַז די זון, וואָס האָט אַזוי העל געלויכטן, זאָל אים ניט אַרויסגאַנווענען פֿון מײַן האַנט. און נאָך אינטערעסאַנט איז געווען דאָס, אַז מיר איז אין קאָפּ ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז עפּעס אַ שילער האָט אים געקאָנט פֿאַרלירן. איר הערט, ס'איז מיר אין קאָפּ ניט געקומען. ווו און וויאַזוי? וואָס פֿאַר אַ שילער באַ אונדז פֿאַרלירט גאָר בלײַערס! דאָס האָט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער הער געמוזט קומען צום פּראָפֿעסער, האָט ער, ווײַזט אויס, אַפֿ עפּעס אַ וווּנדערבאַרן אויפֿן פֿאַרלוירן דעם בלײַער. און עפּשער איז עס געווען יענער קרעמער, וועלכן דער פּראָפֿעסער האָט פֿאַראײַאָרן פֿאַרקויפֿט אַ קו. ס'קאָן זײַן, אַז דער בלײַער ליגט נאָך דאָ פֿון פֿאַראײַאָרן און

*) לערער.

קיינער האט אים נעבעכ ניט געזענ. און עפשער איז ער באנאכט אראפגעפאלנ פונ הימל צוזאמענ מיטנ שניי. די באבע האט דאכ דערציילט, אז ניט איינ מאל פאלנ זשאבעס פונעם הימל; פארוואס־זשע קאנענ בלייערס ניט פאלנ? אזוי האב איכ געטראכט, גייענדיק איבערנ הויפ פונ שול. וואס איז, א זעקס־יאריקער יאט טאר דענ ניט אזוי' טראכטנ? און עפשער נייִנ! מיר איז שטארק געפעלנ דער בלייער. איכ האב געהאלטנ די האנט אינ זעקל, און ער איז געווענ אינ מיינ האנט. כ'האב אים געדרייט מיט די קאנטנ הינ און צוריק, כ'האב געוואלט טרעפנ ווי גראב ער איז, געוואלט באנייענ אינ מיינע אויגנ זיינ אויסזענ, מיט איינ ווארט, מיינ פאנטאזיע האט, ווי א זומער־פייגעלע לעבנ א בוים זיכ געדרייט און געטאנצט ארום בלייער. זי האט, מיט גרויס שווע־ריקייט אפגעטריבנ יעטווידנ געדאנק, אז דער בלייער קאנ געהערנ עפעס א שילער און אז מיר וועט, הייסט עס, אויסקומענ אים אפגעבנ דעם אייגנטימער.

דער קלאס איז שוינ געווענ פול מיט שילער. אייניקע זיינענ געזעסנ אפ די בענק און האבנ געכאזערט דאס פארגעבענע, פונ צייט צו צייט האבנ זיי מיט שרעק געווארפנ בליקנ אפ דער טיר, צי עס גייט ניט דער פראפעסער. אנ־דערע, מער דרייסטערע, זיינענ ארומגעגאנ איבערנ קלאס, זיכ געשלאגנ — זיכ געשטופט צווישנ די בענק, מיטנ קרייד געמאלט אפנ טאוול פארשיידענע זא־כענישנ, דערנאכ אפגיכ עס אפגעווישט מיט דער נאסער שמאטע, וואס האט געדינט אנשטאט א שוואם. וועגנ בלייער האט קיינער נישט געפרעגט, און איכ האב אפגיכ, ווי ביגנייווע, זיכ אוועקגעזעצט אפ דער צווייטער באנק אפ מיינ באשטענדיק ארט. ווענ כ'האב ארויסגענומענ דאס ביכל, וואס כ'האב באדארפט צו דער צווייטער לעקציע, האב איכ דערהערט, ווי דער בלייער האט אינ זעקל א קלאפ געטאנ אינ דעם לעדער, און איכ האב אופגעציטערט. כ'ווייס נישט צי פונ פרייד, צי פונ עפעס אנ אומקלארער שרעק.

אט איז שוינ דער פראפעכער געקומענ. ס'האט זיכ אנגעהויבנ דער לימעד גארנישט! אט איז שוינ אוועק א שא, דער פראפעסער איז ארויסגעגאנ, ס'האט זיכ ווי שטענדיק אופגעהויבנ א ראש און א טומל. וועגנ בלייער עמעצער זאל עס א ווארט דערמאנענ. איכ זיצ, איכ באטראכט די ארומיקע און איכ ציטער ווי א גאנעוו איבער דעם צוגעגאנוועטנ. איכ האב מוירע, אז אט־אט וועט עמעצער אנקומענ און וועט בא מיר א פאדער טונ דעם בלייער.

אבער קיינער פאדערט ניט דעם בלייער, די שילער גייענ אום איבערנ קלאס און לערנענ, שטיפנ און טומלענ, ווי שטענדיק.

סטעפאנ לעסקיוו, מיינ גוטער באקאנטער, דערנעענטערט זיכ צו מיר.

— א, ווייזט אויס, דו קענסט היינט נישט קיינ כעזשבנ! אט וועט מענ דיכ נעמענ אינ דער ארבעט! און אז דער פראפעסער וועט מיר הייסנ דיכ שלאגנ, איז האלט זיכ, דו אומגליקלעכער!

וואס פאר א צולאכעסניק ער איז, אט דער סטעפאנ! ער ווייסט, אז כעזשבנ איז מיינ שוואכ ארט, און האט ליב זיכ מיט מיר א רייצ טונ. אבער איכ ווייס

גוט, אז ער שפּאסט; כוץ דעם האָב איך הײַנט ניט קײנ מוירע פאַרנ פּראָפּעסער, װײַל כ'האָב זיך שוינ אויסגעלערנט כעזשבענעס (שרײַבנ ציפערנ ביז 100), אָ, נאָך װיאַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט! װער האָט עס געכטנ א גאַנצנ טאָג געשריבנ ציפערנ אפ די שויבנ פונ פענצטער, באַדעקטע מיט א געדיכטער ראָסע?

— נו־נו, דו זאָרג זיך ניש שטארק װעגנ מײַנ כעזשבנ, — האָב איך געענטפערט סטעפּאַנענ. — דו זע נאָר, זאָלסט אלײנ נישט ארײַנפאַלנ!

א װונדערלעכע זאַך, אפ מײַנ װאָרט, א װונדער! איך האָב געװאָלט ענטפערנ סטעפּאַנענ אויך מיט א שפּאַס, מיט א שמײכל אונ צאַרט, אונ איך האָב געענטפערט עפּעס בײז, פאַרביטערט אונ מיט אזא אומעטיקער שטים, אז ס'איז מיר אלײנ פאַסקודנע געװאָרנ. יאָ, כ'האָב אפילע געפילט, אז מײַנ פּאָנעם האָט זיך אײַנגאַנצנ אָנגעגאָסנ מיט בלוט. א װײַלע איז סטעפּאַנ געשטאַנענ לעבנ מיר, ער האָט גאָרניט ניש געזאָגט אונ אלץ געקוקט אפ מיר מיט א פאַרװונדערטנ בליק. דערנאָך איז ער אװעקגעגאַנ. אים איז געװאָרנ אומעטיק דערפונ װאָס ער האָט מיך באַלײדיקט מיט זײַנ שפּאַס. ער האָט מיך אזוי ליב געהאַט, אָט דער רויִקער שטילער פרײַנטלעכער יאַט. פאַרװאָס האָב איך אים אזוי בײז אָפּגעענטפערט? פאַרװאָס האָב איך אים געמאַכט אומעטיק? ער האָט דאָך גערעדט צו מיר מיט שפּאַס, אונ איך האָב קײנ סיבע ניט געהאַט צו בײזערנ זיך אפ אים!

אזעלכע געדאַנקענ האָבנ זיך געדרײט בא מיר אינ קאָפּ, װענ סטעפּאַנ איז אָפּגעגאַנ אונ א שװײַגנדיקער זיך אװעקגעזעצט אפ זײַנ אָרט. דאָס איז געװענ א קלײנער בלאָנדער אכטיעריקער יאַט. זײַנ פאָטער, אנ אָרעמער פויער, האָט געװױנט בישכײנעס מיט מײַנ פעטער, װו איך האָב זיך געפונענ. דערפאַר טאַקע האָבנ מיר, יאַטנ, זיך געכאַװערט. מע דערצײלט, אז אמאָל איז סטעפּאַנס פאָטער געװענ א רײַכער מענטש, אָבער א גרויסע סרײפע אונ פאַרשײדענע אַנדערע אומגליקנ האָבנ צערויִנירט זײַנ גאַנצע װירטשאַפט. ער איז געװענ א הויכער מאַנ מיט אנ אומעטיק געזיכט, װאָס איז שטענדיק געװענ אראָפּגעלאָזט צו דער ערד. ער האָט גערעדט מיט א גראָבער, שאַרפער שטים. אומװילנדיק האָב איך עפּעס מוירע געהאַט פאַר אים אונ אים גערעכנט פאַר א האַרטנ מענטשנ. דערפאַר איז דער קלײנער סטעפּאַנ אינגאַנצנ געראָטנ געװענ אינ דער מוטער. זי איז געװענ א שטילע, נאָכגעביקע פרוי, מיט א שײנ גוט פּאָנעם אונ קלאָרע גרוילעכע אויגנ. איז דערפאַר טאַקע פלעג איך ניט אײנ מאָל שטײנ באַם פּלויט, װאָס צו דער לאָנקע, אונ ארויסקוקנ, ביז דער אלטער לעסקיװ גײט ארויס פונ הויז, קעדײ כאָטש אפ א װײַלע ארײַנלויפנ צו סטעפּאַנענ אונ מיט אים א שטיפּ טונ. עמעס, ניט אײנ מאָל האָבנ מיר זיך געקריגט, װי עס טוענ געװײנלעכ קינדער, אָבער קײנמאָל האָט עס לאַנג ניט געדויערט. איך בינ געװענ א היציקער אפ קריגנ זיך אונ שלאָגנ זיך אונ בינ אויך געװענ דער ערשטער צום איבערבעטנ זיך. סטעפּאַנ פלעג שטענדיק ליב שמײכלענ, װי ער װאָלט געװאָלט זאָגנ:

— זעסטו, און איך האָב נאָך פריִער געוווסט, אז דו וועסט נישט אויסהאלטן אָן מיר!

אָבער איצט, פארוואָס האָב איך זיך איצטער צעבייזערט אפ סטעפאנען? אָבער ניין, כ'האָב גוט געפילט, אז כ'האָב זיך גאָר ניט צעבייזערט אפ אים! פארקערט, זיינע נעבעכדיקער, אומעטיקער בליק האָט מיר ווי עפעס וויי געטאָן, געקלעמט מיין קינדערש הארץ. כ'האָב זיך עפעס געשעמט און אליין ניט געוווסט פארוואָס, און האָב פארגעסן וועגן בלייער. אָבער ווען דער דאָזיקער איינדרוק איז אָפגעקילט געוואָרן און פארשוווּנדן געוואָרן, האָב איך פאר זיך דערזען דאָס זעקל, אין וועלכן מיינע נערוון האָבן ווי פונדערווייטנס דערפילט דעם ריר פון בלייער, און מיין פאנטאזיע האָט זיך ווידער אומגעקערט אהין, צו אָט דער זאך, און וועגן סטעפאנען און זיינע אומעטיקן בליק האָב איך אינגאנצן פארגעסן.

ווידער איז אריינגעקומען דער פראָפעסער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די לערנשאָ, און האָט זיך לאנגזאם געצויגן. וועגן בלייער האָט קיינער נישט דערמאנט.

די דריטע שאָ האָט באדארפט זיין כעזשבן. אָטאָ די הויכע און שרעקלעכע לערע פלעג דורכגעפירט ווערן אפ אזא מין אויפן: דער פראָפעסער פלעג ארויסרופן עמעצן פון אונדז צום טאָוול, פלעג אים הייסן, ער זאָל מיטן קרייד שרייבן ציפערן, און די איבעריקע יאטן האָבן געמוזט די זעלבע ציפערן שרייבן אין זייערע העפטן: דער פראָפעסער פלעג, פון מאָל צו מאָל, גיין צווישן די בענק, אריינקוקן אין די העפטן, צי אלע שרייבן, און צי זיי שרייבן אזויווי מע דארף.

פאר דער שאָ פון כעזשבן האָב איך דערהערט אפ דער לעצטער באנק, ווו עס איז געזעסן סטעפאן, עפעס א טומל, עפעס אומרויִקע, קורצע פראגן און ענטפערן. נאָר איבער דעם אלגעמיינעם טומל האָב איך ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. אָבער עפעס האָט אין מיר א טיאָכקע געטאָן, עפעס אן אומרו האָט זיך אין מיר א ריר געטאָן. איך האָב א טראכט געטאָן: איך וועל איצטער נישט ארויסנעמען דעם בלייער, איך וועל שרייבן, ווי שטענדיק מיט דער פען, כאָטש זי איז מיר שוין נימעס געוואָרן.

אָט איז אריינגעקומען דער פראָפעסער. א ווײַלע האָט ער אָפגעאָטעמט לעבן טיש, דערנאָך האָט ער זיך אופגעהויבן און ארויסגערופן מיך צום טאָוול. איך בין ארויסגעגאנגען א דערשראָקענער, כ'האָב געציטערט, ווײַל אין אלגעמיין איז דאָס שרייבן ציפערן אָדער בוכשטאבן פאר מיר געווען ווי קייען הארטע ארבעס. אלע צייכנס פלעגן פון אונטער מיין האנט זיך באקומען קרום, מיט האטשיקעס, צעפלאָסן, אזוי אז זיי האָבן געוויינלעך אויסגעזען, ווי אן אלטער פלויט, אין וועלכן יעדער סלופ סטאָרטשעט אין אן אנדער זייט און די קוועריקע שטענגלעך סטאָרטשען זיך גלאט אזוי, זיי קאָנען זיך ניט איינפאסן אין די סלופעס. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טון — דער פראָפעסער האָט ארויסגערופן, דארף מען גיין. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט נעבן טאָוול און

געמומען אין דער רעכטער האַנט די שמאַטע, און אין דער לינקער דאָס קרייד.

— 35! — האָט אויסגעשריגן דער פּראָפעסער און האָט זיך אומגעקוקט אַף מיר. — אַך דו, צעדרייטער, ווי אַזוי האַלטסטו דאָס קרייד? וועסט שרייבן מיט דער לינקער האַנט, האַ?

איך האָב איבערגעביטן די דאָזיקע אומגליקלעכע סייכל־מאַכשירים, דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן די רעכטע האַנט. אַזוי הויך, ווי כ'האָב נאָר געקאָנט, און האָב קאַם דערגרייכט צו דער העלפט פון טאָוול. די אויפגאַבע אָנשרייבן אַפן טאָוול 35 איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל ס'איז אויסגעקומען צו שרייבן „די שווערסטע" ציפערן. נעכטן, ווען כ'האָב זיך געלערנט שרייבן ציפערן אַף די שויבן פון פענצטער, האָב איך לאַנג געטראַכט ווי אַזוי שרייבט מען עס אָן א פאַרפּלוכטע דריי, קעדיי זי זאָל זיך באַקומען אַזאַ קיילעכיקע און מיט אַזאַ ציינדל אינמיטן? פרעגן איז ניט געווען באַ וועמען, האָב איך זיך דערטראַכט זי אָנהייבן שרייבן פון דער מיט פון דעם ציינדל, פונדאַנען זי אַרויסציִען פריִער אַרופצו און דערנאָך מאַכן דאָס אונטערשטע רייפל. אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט שרייבן אינדערהיים, פונקט אַזאַ דריי האָב איך איצטער, מיט אַ ציטערדיקער האַנט געמומען שמירן אַפן טאָוול. און ווי אַפּצולאָכעס ציטערט די האַנט, דער קנאַפּער קייעך, וואָס אין איר, איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן איך מאַטער זיך, קוועטש דעם קרייד צום טאָוול, און דאָך באַקומען זיך די פאַרפּלוכטע שטריכן אויסלעכע דאַרע און דינע, אַז מע זעט זיי קאַם. מיט גרויס מאַטערניש האָב איך אָנגעמאָלט אַ דריי.

— נו וואָס, שוין? — שרייט דער פּראָפעסער, און קערעוועט זיך אויס צו מיר.

— נאָך... נאָך נישט, — ענטפער איך, און אַ קאַלטער שוויס האָט באַגאָסן מיין לייב. איך נעם זיך שרייבן די פינף, פאַרשטייט זיך, ווידער לויט מיין אייגענעם מעטאָד, אָנהייבנדיק פון אונטן.

— וואָס, וואָס אַזוינס, וואָס? — האָט אַ געשריי געטאָן דער פּראָפעסער און איז צוגעלאָפן נעענטער צו מיר. — ווי אַזוי שרייבסטו, ווי אַזוי?

איך האָב געשוויגן. די ציטערדיקע האַנט האָט געצויגן דעם שטריך אַפן טאָוול, די פינף איז מער ענלעך געווען אַף אַ „ר", איידער אַף אַ קיילעכיקבייכיקער „5".

— אַך, דו כאַזער איינער! (דאָס איז געווען דער טיטול, מיט וועלכן דער פּראָפעסער האָט געקרוינט די שילער.) ווייסט גאָרנישט. ווי אַזוי מע שרייבט אַ „5"?

און ניט דערוואַרט זיך קיין ענטפער אַף זיין פראַגע, האָט דער פּראָפעסער מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטאָן פון טיש די ברייטע ווירע און מיט דער צווייטער אָנגעכאַפּט מיין האַנט, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעפאַלן דאָס קרייד, און אַ הויכער קלאַפּ האָט זיך דערהערט אין קלאַס. מיין דלאָניע האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און איז ווי גראָבער געוואָרן, און אונטער דער הויט האָבן

ווי מורעשקעס אָנגעהויבן אומלויפן. פון קליינוויז געוווינט צו ליידן ווײ־טעק, האָב איך זיך נישט צעוויינט, כ'האָב זיך נאָר פארקרימט.

— איז ווייסטו גאָר נישט, וויאַזוי צו שרײַבן אַ פינף? דו האָסט נישט געזען, ווי איך האָב געשריבן? איז זע, ווי מע שרײַבט אַ פינף, אָט אַזוי! — און דער פּראָפעסער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קרײַד און האָט אין איין אָטעם אָנגעשריבן אַפן טאָוול אַ שטאַרק גרויסע פינף, און דערנאָך פּונקט אַזעלכע מיט דער ווירע אַפ מײַן פּאָנעם (עפּשער ניט אַזאַ ־בוילעטע).

— שרײַב ווײַטער, — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו מיר, — 48!

כ'האָב גענומען דעם קרײַד און אָנגעהויבן שרײַבן. אַ ווײַלע האָט דער פּראָפעסער געקוקט. די פיר האָט אים באַפרידיקט, און ער איז אַוועק צווישן די בענק.

— פאַרוואָס שרײַבט איר ניט? — האָט ער שטרענג אַ געשריי געטאָן אַפ די יאַטן, וואָס האָבן מיט אַ שמייכל און מיט שרעק געקוקט אַפ דעם, וואָס עס טוט זיך באַם טאָוול. אַפן געשריי פון פּראָפעסער האָבן זיך אַלע קעפּ אָנגעבויגן, ווי דאָס קאָרן בייגט אָן זײַנע שווערע זאַנגען באַ יערן ריר פון ווינט.

— און דו, סטאַרעסטע, וויאַזוי האָסטו אָנגעשריבן די דרײַ? — פרעגט דער פּראָפעסער באַ אייגעם.

אָנשטאָט אַן ענטפער, אָנשטאָט אַ דערקלערונג אַ קלאַפּ מיט דער ווירע איבער דער דאָלאָניע.

— און וואָס איז עס אויבן איבער דער פינף? — פרעגט ער באַ אַ צווייטן.

— ס'האָט אַ קאַפּע געטאָן פון דער פען.

ווידער אַ קלאַפּ מיט דער ווירע איבער דער האַנט.

— און דו, סוואַט, פאַרוואָס שרײַבסטו נישט? — פרעגט ער באַ אַ דריטן.

— איך... בע... בעט... הער פּראָפעסער, — האָט מיט טרערן אין קאָל גע־זאָגט סטעפּאַן לעסקיוו.

— וואָס אַזוינס? — שרײַט צאָרנדיק דער פּראָפעסער.

— איך האָב ערגעץ פאַרלוירן דעם בלײַער.

אין דער זעלבער מינוט איז פון מײַנע הענט, איך ווייס ניט פאַרוואָס, אַרויס־געפאַלן דער קרײַד. איך זאָג נאָכאַמאָל: איך ווייס נישט פאַרוואָס, ווײַל איך בין געווען זיכער, אַז דער בלײַער, וואָס איז איצט רויִק געלעגן באַ מיר אין זעקל, איז געווען נישט סטעפּאַנס. בעשומויפן ניט! דאָך האָב איך זיך באַ די דאָזיקע ווערטער זײַנע זיך אַזוי דערשראָקן, אַז דער קרײַד האָט, ווי אַ גלי־טשיקער פיש, זיך אַרויסגעגליטשט פון מײַנע הענט.

— אַזוי, — האָט אַ געשריי געטאָן דער פּראָפעסער, — פאַרלוירן? וואַרט נאָר אויס, כ'וועל דיך אויסלערנען!

וואָס אייגנטלעך דער פּראָפעסער האָט געוואָלט אויסלערנען סטעפּאַנען ווייסט קיינער נישט. מיר, שילער, האָבן נאָר געוווּסט, אַז צוריק מיט צוויי טעג האָט דער פּראָפעסער זיך שטאַרק געקריגט מיט סטעפּאַנס פאָטער און,

האָט, װײַזט אױס, נאָר געזוכט א סיבע, ער זאָל קאָנען זיך נוקעמ זײַנ אינ יאַס. כוץ דעמ האָבנ מיר געזענ, אז דער פּראָפּעסער איז הײַנט א ביסל שיקער אונ אז אָנ א געשלעג װעט זיך עס נישט ענדיקנ.

— גײ ארױס אינ מיט קלאַס! — האָט ער א געשרײ געטאָנ צו סטעפּאַנענ.

דער אומגליקלעכער יאַס, האָט, װײַזט אױס געװוּסט, װאָס, עס װארט אפ אימ, אונ האָט זיך נישט געײַלט. דער פּראָפּעסער האָט אימ א כאַפּ געטאָנ פאַר די לאַנגע בלאָנדע האָר אונ אימ ארױסגעשלעפּט אפ דער מיט.

— שטײ דאָ! אונ דו, — האָט ער זיך ארױסגעקערעװעט צו מיר, — האָסט שױנ אָנגעשריבנ?

— אָנגעשריבנ!

— זעצ זיך! אונ דו גײ צומ טאָװל.

בא די דאָזיקע װערטער האָט דער פּראָפּעסער א שטופּ געטאָנ סטעפּאַנענ. איך האָב עפּעס לײַכטער אָפּגעאָטעמט: ערשטנס, דערפאַר, װאָס איך אלײנ בינ שױנ געזעסנ אפ א זיכער אָרט, אונ צװײטנס, האָב איך געטראַכט, עפּשער װעט מענ סטעפּאַנענ ניט טשעפּענ פאַרנ בלײַער.

דער פּראָפּעסער האָט אימ געשיקט צומ טאָװל, אונ איך האָב גוט געװוּסט, אז סטעפּאַנ קאָנ גוט שרײַבנ. אָבער איך האָב געהערט, מיט װאָס פאַר א צאָרנדיק קאָל דער פּראָפּעסער האָט דיקטירט סטעפּאַנענ די ציפערנ, געזענ, װי ער האָט זיך געבײזערט, זעענדיק, אז סטעפּאַנ האָט גוט געשריבנ, אונ איך האָב עפּעס מוירע געהאַט. ס'איז מיר געװענ אזױ שװער, װי ס'האָט מיר עמעצער אינעװײניק געשעפּטשעט, אז אױב ס'װעט עפּעס שלעכטס טרעפנ סטעפּאַנענ איבערנ בלײַער, װעל איך זײַנ דערינ שולדיק. װי:ארומ אזעלכע מאָדנע געדאַנקענ האָבנ זיך געדרײט בא מיר אינ קאָפּ, װײס איך נישט, אָבער זיכער איז געװענ דאָס, אז איך האָב געציטערט, װי א בלעטל אינ האַרבסט.

סטעפּאַנ שרײַבט אונ שרײַבט ציפערנ, ער האָט שױנ פאַרשריבנ דעמ גאַנצנ טאָװל. דער פּראָפּעסער קוקט פונ מאָל צו מאָל אפ אימ, קעדײ אימ אינ עפּעס כאַפּנ, אָבער אומזיסט.

— גענוג! — שרײַט ער. — אונ איצט לײג זיך!

— אָבער פאַרװאָס, זײַט אזױ גוט, הער פּראָפּעסער? — רופט זיך אָפּ סטעפּאַנ.

— װאָס? פאַרװאָס? דו פרעגסט נאָכ? גלײַך לײג זיך א'זעק.

עפּעס האָט מײַנ האַלדז צונױפגעפּרעסט, װענ כ'האָב דערהערט די דאָזיקע װערטער. דער פּראָפּעסער זוכט אפ דער לעצטער באַנק א רוט, אונ דער אומגליקלעכער סטעפּאַנ איז בלאַס אונ ציטערט. ער שטײט לעבנ דעמ טאָװל אונ קנײטשט די שמאַטע אינ די הענט.

— אָבער פאַרװאָס װיל מיך דער הער פּראָפּעסער שלאָגנ? — האָט מיט שרעק אינ די אױגנ װידעראַמאָל געפרעגט סטעפּאַנ. ער האָט געקוקט אפנ פּראָפּעסער, װאָס האָט זיך מיט דער רוט אינ דער האַנט צו אימ דערנעענטערט.

— לייג זיכ! — האָט יענער א געשריי געטאָנ, אונ גיט וואַרטנדיק מער, האָט ער א כאַפּ געטאָנ סטעפּאַנענ פאַר די האָר, אים איבערגעקערט אפ דער באַנק אונ מיטנ גאַנצנ קוילעכ אים גענומענ שמײַסנ מיט דער רוט. סטעפּאַנ האָט א געשריי געטאָנ פונ ווייטעק, אָבער זײַנ געשריי האָט נאָכ מער גערייצט דעם שיקערנ פּראָפעסער:

— דו וואָלסט וויסנ דעם צווייטנ מאָל, וויאַזוי פאַרלירנ בלײַערס! — האָט ער געשריגנ א פאַרסאַפּעטער מיט אנ איבערײַסנדיקער שטימ, אונ די רוט האָט זיכ נאָכ שטאַרקער צעפּײַפט אונ האָט געשמיסנ דעם קערפּער פונ דעם אומגליקלעכנ סטעפּאַנ.

וואָס איכ האָב איבערגעלעבט אינ דער דאָזיקער לאַנגער אונ שווערער מינוט? דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז מיר דורכ, איז געווענ — אופשטײַנ אונ זאָגנ, אז איכ בינ אינ אלעמענ שולדיק, אז סטעפּאַנס בלײַער איז בא מיר אונ אז איכ האָב אים געפונענ אונ אים ניט אָפּגעגעבנ סטעפּאַנענ. אָבער דער שרעק פאַר דעם פײַפנ פונ דער רוט האָט מיכ מיט קראַפט צוגעהאַלטנ אפנ אָרט, צוגענומענ בא מיר דאָס לשונ, צונויפגעדריקט דעם האַלדז, ווי מיט אײַזערנע קלעמענ. סטעפּאַנס געשרייענ האָבנ מיר דורכגענומענ דאָס האַרצ. א קאַלטער שווייס האָט מיכ באַנאָסנ פונ אויבנ ביז אראָפּ: איכ האָב בוילעט געפילט א ווייטעק, א שטאַרקנ ווייטעק פונ דער ריט, כ'האָב אים געפילט איבערנ גאַנצנ לײַב אונ אזוי שטאַרק, אז אלע מוסקולנ האָבנ זיכ ניטווילנדיק געקוואַרטשעט אונ געציטערט, אונ אינ האַלדז האָט עפּעס הויכ געכליפּעט איבערנ גאַנצנ קלאַס. אָבער דער שרעק האָט אלעמענ אזוי פאַרשטיינערט, אז ניט געקוקט אפ דער טויטער שטילקײַט, האָט קיינער אינ קלאַס ניט געהערט מײַנ כליפּענ.

אונ דער פּראָפעסער האָט ניט אופגעהערט שלאָגנ! דער אומגליקלעכער סטעפּאַנ איז שוינ הייזעריק געוואָרנ, זײַנ פּאָנעמ איז בלאָו געוואָרנ פונ אָנשטרענגונג, זײַנע פינגער האָבנ זיכ פיבערדיק אײַנגעשטאָכנ אינ די קני פונ פּראָפעסער, די פיס האָבנ זיכ געהוידעט אינדערלופטנ, אָבער די ריט האָט ניט אופגעהערט צו פײַפנ אינדערלופטנ, אונ יעדער איר פײַפ, יעדער שמיצ אינ סטעפּאַנס גראָב לײַוונטנ העמד האָט געמאַכט ציטערנ אונ צוגעדריקט דרײַסיק קינדערשע הערצער אינ קלאַס, אונ האָט ארויסגערופנ בא סטעפּאַנענ א נײַעמ געשריי פונ ווייטעק אונ פאַרצווייפלונג. איכ געדענק שוינ ניש — אָכ, איכ וויל זיכ אפילע נישט דערמאַנענ! — וואָס איז געווענ מיט מיר אינ אָט די שרעקלעכע מינוטנ, וואָס פאַר א געפילנ עס זײַנענ דורכ איבער מײַנ לײַב, וואָס פאַר א ווייטעק האָט דורכגענומענ מײַנ געביינ, וואָס פאַר א געדאַנקענ עס זײַנענ ארומגעפלויגנ אינ קאָפּ. אָבער ניינ — קיינ געדאַנקענ איז גאָר ניט געווענ. איכ בינ געזעסנ א קאַלטער, א פאַרגליווערטער, ווי א שטיינ! אונ איצט נאָכ, נאָכ דעמ ווי ס'איז אריבער זעכצנ יאָר, ווענ איכ דערמאַנ זיכ אינ יענער מינוט, זע איכ, ווי זי האָט מיכ אפּ לאַנג פּריטשמעליעט, ווי א קלאַפּ מיט א שטיינ איבערנ שאַרבנ, אונ וואָלטנ געווענ אסאַכ אזעלכע מינוטנ אינ מײַנע קינדער-

יאָרן, וואָלט פֿון מיר אַרויסגעקומען פּונקט אַזאַ מין פּאַרזעניש, וועלכע מיר געפֿינען הונדערטער אין יעדער אָנפֿאַנג־שול פֿון אונדזער געגנט, ווי אָט יענע אומגליקלעכע קינדער, וואָס זיינען דערשלאָגן פֿיזיש און גייסטיק, קינדער, וואָס זייערע נערוון זיינען פֿון קינדווייז צוגעשלאָגן געוואָרן דורך שרעקלעכע מיִעסע סצענעס און וועמעס קאָפּ איז פֿון זעקס יאָר פֿאַרדולט געוואָרן דורך דעם פּראָפֿעסערס דיסציפּלין.

ענדלעך האָט די רוט אויפֿגעהערט פֿייפֿן. דער פּראָפֿעסער האָט אָפּגעלאָזט סטעפֿאַנען, און יענער אָן קויכעס, אַ פֿאַרמאַטערטער, האָט זיך אַ קויקל געטאָן אַפֿן דיל. דער פּראָפֿעסער, רויט, ווי אַ בוריק, האָט אַ וואָרף געטאָן די רוט און זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם פּאָטעל, פֿון וועלכן ס'האָט סטעפֿאַן זיך נאָר וואָס אַראָפּגעקויקלט. אַ ווײַלע האָט ער אָפּגעאָטעמט און גאָרניט נישט געזאָגט. אין קלאַס איז געווען שטיל, טויט, אומעטיק. מע האָט נאָר געהערט, ווי ס'האָט געכאָרכלט דער אומגליקלעכער יאַט, ער האָט פֿיבערדיק געכליפּעט.

— דו וועסט אויפֿשטיין? — האָט אַ שעפּטשע געטאָן דער פּראָפֿעסער און אים אַ שטורכע געטאָן מיט דעם פֿוס אין דער זייט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך סטעפֿאַן קאַם־קאַם אויפֿגעהויבן, געבליבן שטיין און זיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט אָן דער באַנק.

— מאַרש אַפֿן אָרט! און ווייס, וויאַזוי צו פֿאַרלירן בלײַערס!

סטעפֿאַן איז אַוועק צו זײַן אָרט. אין קלאַס איז ווידער געוואָרן שטיל. דער פּראָפֿעסער האָט זיך, ווײַזט אויס, אַ ביסל דורכגעניכטערט און האָט דערפֿילט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ מיִעסע זאַך, אָנהאַרגענענדיק דעם יאַט. ער האָט געוווּסט, אַז אָנהייבן זיך מיט לעסקיוון איז ניט גוט. דער געדאַנק וועגן דעם האָט אים נאָך מער געררייצט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און שווײַגנדיק אָנגעהויבן לויפֿן איבערן קלאַס. ער האָט שווער געסאָפּעט.

— אָ, שלעפּערס, מערדערס! — האָט ער, אַרומשפּאַנענדיק, אַ געשריי געטאָן ניט באַוווּסט צו וועמען: צו אונדז, קינדער, אָדער צו די יאַסענער בירגער

אַ לאַנגע ווײַלע איז דער פּראָפֿעסער ווידער אומגעלאָפֿן איבערן קלאַס ווידער געסאָפּעט און געוואָרטשעט זיך אונטער דער נאָז, דערנאָך זיך אומגעקערט צו אונדז און אַ געשריי געטאָן:

— אַהיים!

און אָט דאָס וווּנדערבאַרע וואָרט, וואָס האָט אונדז מוידיִע געווען, אַז מיר וועלן כאָטש אַף אַ טאָג באַפֿרײַט פֿון דער שול־וויסנשאַפֿט, איז איצט געווען ווי צו טויטע געוועגדעט. דער שרעק און די אומזיכערקײַט האָט צוגעלישעט אַלע שילער און בײַ זיי ווי אָפּגענומען אַלע געפֿילן. מע האָט באַדאַרפֿט נאָך אַ העכערן אויסגעשריי פֿון פּראָפֿעסער, אַז אַלע זאָלן אויפֿשטיין צו דער טפֿילע.

ווען נאָך דער טפֿילע האָבן זיך די שילער אַ ריר געטאָן פֿון די בענק, האָט זיך דאָס אַלץ געטאָן אָן דעם געוויינלעכן טומל און שטופּערײַ: אַלע

זײַנען געגאנגען לײַכט, מיט שרעק געוואָרפֿן בליקן אפֿן פּראָפֿעסער, וואָס איז געשטאנען לעבן טישל. אלע יאטן זײַנען ארויס פֿון קלאס. יעדער האָט זיך געפֿילט ווי פֿריטשמעליעט. סטעפאן איז געגאנגען און האָט געכליפּעט. שוין לעבן דער טיר האָט א ער קוק געטאָן אפֿן פּראָפֿעסער, האָט יענער אים א דראָ געטאָן מיט דעם פֿויסט. איך בין געגאנגען קימאט דער לעצטער און האָב קאם געשלעפּט די פֿיס. איך האָב מוירע געהאט און האָב זיך עפּעס שרעקלעך געשעמט, איך וואָלט גערן געווען אין דער מינוט ארײַן אין דר'ערד ארײַן... איך ווייס נישט, ווײַזט אויס, נאָר א מערדער, נאָכדעם ווי ער טוט אָפּ זײַן מערדערײַ, פֿילט אזא שווערקײַט אפֿן הארצן, ווי איך האָב דעמלט געפֿילט. דעריקער, איך וואָלט דאן אפֿ סטעפאנען ניט א קוק געטאָן, פֿאר קיין שום געלט ניט א קוק געטאָן. איך האָב אזוי בוילעט זיך פֿאָרגעשטעלט זײַן ווייטעק — ניין, איך האָב געליטן ניט ווייניקער פֿון אים, — און דערצו נאָך די פֿארפֿלוכטע אינעווייניקסטע שטים האָט מיר אלץ געשעפּטשעט, אז ער האָט איבער מיר געליטן, אז דער בלײַער איז זײַנער! יאָ, איצט האָט שוין קלאָר מיר עפּעס געזאָגט, אז דאָס האָב איך זײַן בלײַער געפֿונען! און וואָס, דאכט זיך, וואָלט געווען איצט נאטירלעכער ווי צוגיין צו אים און אים אָפּגעבן דאָס פֿארלוירענע? צי ניט אזוי? אָבער ניין! נאטירלעך איז עס טאקע אזוי, אָבער איך בין דעמלט געווען אזוי דערשלאָגן פֿון שרעק, ראכמאָנעס און בושע, אז איך האָב עס ניט געקאָנט טון. און ניט דערפֿאר וואָס, איך וואָלט געוואָלט באהאלטן דעם בלײַער פֿאר זיך. ס'הייבט זיך ניט אָן! ער איז איצט געווען שווער, ווי א שטיין, געלעגן אין מײַן זעקל און געבריט מײַן האנט פֿונווײַטנס — איך וואָלט זיך איצטער בעשומויפֿן ניט צוגערירט צו אים, כ'וואָלט אפֿ אים א קוק ניט געטאָן! ווען עמעצער וואָלט מיט קויעך בא מיר אויסגעריסן דאָס זעקל און וואָלט פֿון אים ארויסגעטרייסלט אלץ אזוי, אז דער בלײַער זאָל ארויספֿאלן און סטעפאן זאָל אים דערנאָך נעמען! אך, ווי איך וואָלט צופֿרידן געווען, ווען עס טרעפֿט זיך אזוי! אָבער אזוינס איז נישט פֿאָרגעקומען, און די שילער זײַנען אויך ווײַט געווען דערפֿון.

ווי נאָר מע איז ארויס פֿון קלאס און פֿון פּראָפֿעסערס הויף, האָבן אלע ארומגערינגלט דעם כליפּענדיקן סטעפאן און האָבן גענומען אויספֿרעגן, ווו און וויאזוי האָט ער פֿארלוירן דעם בלײַער, וואָס פֿאר א בלײַער איז עס געווען. אייניקע האָבן הויך געזידלט דעם פּראָפֿעסער, אנדערע האָבן ראכמאָנעס געהאט אפֿ סטעפאנען און אים געזאָגט, אז ער זאָל זיך אומבאדינגט קלאָגן דעם טאטן.

— איך ווײ־ווײס דען, ווו כ'האָב פֿאר־לוי־רן, — האָט געכלי־פּעט סטעפאן. — אָבער וואָס וועט מיר איצט דער טא־א־טע זאָגן? ערשט איי־ע־ערנעכטן מיר געקויפֿט אין שטאָט א בלײַער, און אי־יך האָב אים פֿארלוירן. אוי־אוי־אוי! — האָט זיך צעוויינט דער אָרעמער יאט, וואָס האָט פֿארן פֿאָטער מוירע געהאט ניט ווייניקער ווי פֿארן פּראָפֿעסער.

— דו וויינ נישט, נאר איינער, האָב נישט קיינ מוירע, — האָבנ אימ געטרייסט די יאטנ, כאָטש קיינער וואָלט זיכער ניט געוואָלט זײַנ אפ זײַנ אָרט.

— אהא, וו־וויינ נישט! — האָט אומעטיק געענטפערט סטעפּאנ. — ער וועט מיכ דער־דערהא־הארגענענ פארנ בלײַער! זעקס גריי־ייצערס, זאָגט ער, האָט ער באצאָלט אינ שטאָט פאר אימ... אונ אז איכ וועל אימ פארלירנ, זאָגט ער, איז געזעגנ זיכ מיטנ לעבנ, דו הערסט... אוי־אוי־אוי!..

איכ האָב ניט געקאָנט הערנ דעמ דאָזיקנ שמועס. יעדער וואָרט סטעפּאנס האָט מיכ געשטאָכנ, ווי באָדיקעס. איכ בינ גיכ אהיימ געלאָפנ, כ׳האָב אינגאנצנ געציטערט, כ׳בינ געווענ בלאס אונ פארסאפּעט.

— אָ, דו האָסט זיכ שוינ זיכער ערגעצ געשלאָגנ מיט די יאטנ! — האָט בא מײַנ אריינקומענ א געשריי געטאָנ די מומע. — וואָס ביסטו אזוי פארסאפּעט, ווי א הונט! אכ, דו שלעפּער איינער, דו נישט, דו טעמפּע זאכ, דו אומגליק פינצטערער!

די מומע איז געווענ נאָכ א מיידל פונ עטלעכע אונ צוואנציק יאָר. זי איז געווענ „זייער א גוטע”, אלעווײַ וואָלט מענ עס געקאָנט זאָגנ וועגנ איר צונג, וואָס האָט קיינמאָל ניט ליב געהאט „אומזיסט עסנ ברויט” אונ וועלכנ ס׳האָט קיינמאָל קיינ ווערטער ניט געפעלט.

איכ האָב אופגעהאנגענ דאָס זעקל מיט די ביכער פארנ הענגערל אונ זיכ אוועקגעזעצט עסנ. כ׳האָב קיינ וואָרט ניט ארויסגערעדט. אָפּגעגעסנ, האָב איכ זיכ אוועקגעזעצט לעבנ טיש אונ גענומענ א ביכל, ניט קעדיי לערנענ דאָס פארגעבענע אפ מאָרגנ. ס׳איז מיר אינ קאָפּ ניט געגאנ דאָס לערנענ! איכ בינ געזעסנ איבערנ ביכל, ווי א שטיק האָלצ, אונ שוינ דאָס הונדערטסטע מאָל איבערגעלייענט די זעלבע ווערטער, נישט פארשטייענדיק, וואָס איכ לייענ, אונ צו וואָס האָט דאָס א שײַכעס.

איכ האָב זיכ באמיט ניט טראכטנ וועגנ סטעפּאנענ, וועגנ פּראָפעסער, וועגנ אלטנ לעסקיוו, אָבער זייערע פּענעמער האָבנ זיכ פונ מאָל צו מאָל גערוקט מיר אינ קאָפּ ארײַנ — דורכגענומענ מיכ מיט קעלט, געריזעט אונ געמאטערט, ווי א זינדיקנ, ווענ ער דערמאנט זיכ וועגנ זײַנע אלטע זינד. איכ האָב אזוי געוואָלט, אז ס׳זאָל קומענ דער אָוונט. אָבער דער אָוונט איז, ווי א פארשאָלטענער, אלצ נישט געקומענ. איכ האָב מוירע געהאט א קוק צו טונ אפנ זעקל ווי ס׳וואָלט געווענ נישט קיינ זעקל, נאָר א שרעקלעכע נאָרע אונ נישט קיינ בלײַער, נאָר א שלאנג.

וויאזוי איכ האָב זיכ געמאטערט, ביז ס׳איז געקומענ דער אָוונט, וועל איכ שוינ נישט דערציילנ. וואָס פאר א שרעקלעכע כאלוימעס ס׳האָבנ זיכ מיר געכאָלעמט באנאכט, ווי כ׳האָב געשריגנ, כ׳בינ קלוימערשט אנטלאָפנ, זיכ באהאלטנ, שלאנגענ זײַנענ געלאָפנ אונ געפלויגנ נאָכ מיר, שלאנגענ מיט שפּיציקע פּענעמער אונ מיט א גרויסנ אופשריפט ״Mittel״ אפנ רוקנ, ווי ס׳האָבנ מיכ געשטאָכנ די נאָדלענ מיט דער געלער בלישטשענדיקער קאָרע אונ מיט די זעקסקאנטיקע עקנ, וואָס זײַנענ געווענ פארשפּיצט, — דאָס אלצ זאָל דער־

טרונקענע ווערן אין דער קרענעצע פון פארגעסנהייט. שוין געווען ׳איז דאָס, אז אופשטייענדיק אינדערפרי, בין איך געווען ווי צעשלאָגן און אָפּגעקאָכט אין אַ טאָפּ, און די מומע האָט נאָך, אלס צוגאָב, אף מיר אָנגעשריגן דערפאר, וואָס איך האָב אַ גאַנצע נאַכט זיך געדרייט און געשריגן און איר געשטערט שלאָפן.

אינדערפרי, נאָך איידער איך בין געגאַנגען אין שול, איז דער פעטער געקר־מען פון דאָרף, אַראָפּגעוואָרפן די גראָבע קאַרטענע הענטשקעס פון די הענט און אָנגעהויבן דערציילן וועגן פאַרשיידענע נייַסן פון דאָרף.

— און פאַרוואָס עפּעס האָט דער פּראָפעסער נעכטן אַזוי אָנגעהארגעט לעסקיווס זון? — פרעגט מיטאמאָל דער פעטער באַ מיר. אָט די פראַגע האָט מיך שטארק איבערגעשראָקן, ווי עמעצער וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט אָקרעפּ.

— ע... ע... ער זאָגט, אַז ער האָט ערגעץ פאר... פאר... פאר...

— וואָס, דו קאָנסט נישט ריידן, צי וואָס? — האָט פון דער זײַט אַ געשריי געטאָן די מומע. — נו, וואָס האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט סטעפּאַנען? — האָט זי געפרעגט באַם פעטער.

— דער פּראָפעסער האָט אים נעכטן אַזוי אָנגעהארגעט פאר עפּעס אַ בלײַער, אַז ער איז קאַם לעבעדיק אהיים געקומען.

— פאר וואָס פאר אַ בלײַער?

— אָט ווי ס׳איז געשען. דער פאָטער האָט אים געקויפט אַ בלײַער, און ער האָט אים נעכטן פאַרלוירן. דער פּראָפעסער איז געווען שיקער און האָט זיך גענומען שלאָגן דעם יאַט, גלײַך ווי יענער איז אין דעם שולדיק. הערסט איר, דער אומגליקלעכער יאַט איז קאַם אהיים געקומען. און דאָ האָט ער גענומען דערציילן, און דער אלטער בער איז פון זינען אַראָפּ און האָט גע־נומען שלאָגן דאָס קינד! פאר די האָר אים געכאַפּט און אונטער די פיס און מיט די אָפּצאַסן... גאָטעניו! די אלטע האָט זיך צעשריגן, דער יאַט איז גע־פאַלן כאַלאָשעס, מע האָט אים קאַם מיט וואַסער אָפּגעמונטערט. איצט, זאָגט מען, ליגט ער, קאָן זיך קיין ריר ניט טון! מע זאָל אַזוי קאַטעווען אַ קינד!.

דער פעטער האָט נאָך ניט געענדיקט, און איך האָב זיך צעוויינט אף אַ קול און איבערגעריסן זײַנע רעד.

— און וואָס קער זיך עס אָן מיט דיר? — האָט געפרעגט דער פעטער פאַרוואונדערט.

— ביסט דול געוואָרן, צי וואָס? — האָט אַ געשריי געטאָן די מומע.

— איך... איך... איך... — האָב איך קאַם ארויסגערעדט וויינענדיק, אָבער דאָס כליפּען האָט מיך ניט געלאָזט פאַרענדיקן די ווערטער.

— נו וואָס, זאָג, זאָג! — האָט דער פעטער ווייך געזאָגט.

— איך... האָב געפונען... סטעפּאַנס בלײַער!

— געפונען? ווו? ווען?

— נעכטן נעבן דער שול אפן שניי, — האָב איך שוין דרייסטער אַ זאָג געטאָן.

— נו, איז פּאַרוואָס האָסטו נישט אָפּגעגעבן סטעפאַנען?

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס איז זײַנער, און ער האָט נישט געפרעגט.

— און דערנאָך נאָך דער שול?

— איך... איך האָב מוירע געהאַט.

— מוירע געהאַט? פאַר וואָס פאַר אַ טײַוול? — האָט געזרעגט די מומע, אָבער איך האָב גאָרנישט נישט געענטפערט אױף אױף דער פראַגע.

— נו, און ווו איז דער בלײַער?

— אין זעקל.

דער פעטער האָט אַרײַנגעקוקט אין זעקל און האָט אַרויסגענומען דעם אומגליקלעכן בלײַער. איך האָב ניט געוואַגט אַ קוק טון אױף אים.

— נו, גיט־זשע אַ קוק, גוטע מענטשן, פאַר וואָס מע האָט אָנגעהאַרגעט דאָס ייִנגל! אַן אומקומעניש אױף אײַך ביידע!

דער פעטער האָט אַ שפּײַ געטאָן און איז אַרויס פון שטוב. דעם בלײַער האָט ער מיטגענומען מיט זיך. מיך האָט די מומע אַרויסגעשטופּט אין שול אַרײַן... איך האָב נאָך געכליפּעט אױפן וועג, און די טרערן האָבן קעגן מײַן ווילן געראָנען איבער מײַן פּאָנעם, כאָטש ס'איז מיר געוואָרן אַסאַך לײַכטער אױפן האַרצן.

דעם טאָג און אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם איז סטעפאַן ניט געקומען אין שול ער איז געווען קראַנק. יאָ, אױף דער צווייטער וואָך איז עפּעס פּלוצעם שלאָף געוואָרן אויך דער פּראָפעסער. דער פעטער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט אים, ווײַזט אויס, דער לעסקיוו געמוזט גוט „אָנברעכן" די ביינער. צי ס'איז געווען אַזוי, צי ניין, בין איך דעם עמעס נישט דערגאַנגען, — ס'איז שוין גענוג, אַז סטעפאַנען האָב איך ניט געזען גאַנצע צוויי וואָכן. אַך, ווי כ'האָב עס איצט מוירע געהאַט זיך באַגעגענען מיט אים! אָפט האָב איך געזען אין אומרויִקע כאַלוימעס זײַן גוט שטיל פּאָנעם, וואָס איז נאָך געווען בלאָוו פון די קלעפּ, אַן אָנגעווייטעקטס און אַ טרויעריקס. מיט אַ וואָס פאַר אַ פאָרוווּרף האָבן געקוקט אױף מיר זײַנע גרויע גוטמוטיקע אויגן! אָבער ווען כ'האָב זיך געזען מיט אים, ווען כ'האָב דערהערט זײַן שטים, זײַנען אַלע מאַטערנישן, דער גאַנצער אומרו, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַר די לעצטע טעג, מיטאַמאָל אויפגעלעבט געוואָרן אין מײַן נעשאָמע, אָבער נאָר אױף אַ ווײַלע. סטעפאַן איז איצט געווען געזונט און פריילעך, ווי אַמאָל, גוטמוטיק צו מיר אַ רעד געטאָן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען צווישן אונדז. וועגן בלײַער ער זאָל עס דערמאָנען. צי ער האָט ניט געוווּסט, אַז איך האָב געהאַט זײַן בלײַער און בין געווען די סיבע פון זײַנע ווייטעקן? איך ווייס נישט. גענוג איז דאָס, אַז וועגן בלײַער איז צווישן אונדז קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן.

# דער קליינער מיראָנ

1

דער קליינער מיראָנ איז א וואונדערלעכ קינד. דער פאָטער קוויקט זיכ מיט אים, נאָר א פאָטער איז, געוויינטלעכ, אנ איינזײַטיקער ריכטער. אונ מי־ ראָנס פאָטער, א מענטש שוינ אינ די יאָרנ, האָט זיכ קאם דערוואָרט אפ א קינד, אונ דאָס הייסט, אז וואָס פאר א קינד עס זאָל ניט זײַנ, איז עס אלצ בא אים אי א גאָלנדס, אי א פארשטענדלעכס, אי א שיינס. די שכיינים האָבנ שטיל זיכ געשעפטשעט, אז מיראָנ „איז ניט אזוא, ווי בא לײַטנ" — גייט אונ פאָכעט מיט די הענט, רעדט עפּעס צו זיכ אליינ, נעמט א ריטל אונ פּײַפט איבער דער לופט אָדער קלאַפּט אראָפּ די קעפּלעכ פונ בודיאַקעס אונ פונ שוואלבנ־גראָז. צווישנ אנדערע קינדער איז ער ניטדרייסט אונ אומגעשיקט, אונ אויב ער רופט זיכ יאָ אמאָל אָפּ אפ עפּעס, רעדט ער אוועלעכס, אז ווענ עלטערע דערהערנ עס, קנייטשנ זיי מיט די אַקסלענ.

— וואסיל, — זאָגט דער קליינער מיראָנ צו דעם קליינעם וואסיל, — ביז וויפל קאָנסטו ציילנ?

— איכ? אונ ביז וויפל דארפ איכ? פינפ, זיבנ, טראָנציק!

— טראָנציק! כא־כא־כא! וויפל מאכט עס טראָנציק?

— נו, וויפל דארפ עס זײַנ? איכ ווייס ניט!

— גאָרנישט איז דאָס ניט. זעצ זיכ נאָר צו, וועלנ מיר ציילנ!

וואסיל זעצט זיכ, אונ מיראָנ הייבט אָנ ציילנ, אונ נאָכ יעדנ מאָל קלאַפּט ער צו מיטנ שטעקעלע אינ דער ערד: איינס, צוויי, דרײַ, פיר...

וואכיל הערט, הערט אונ דערנאָכ שטייט ער אופ אונ לויפט אוועק. מיראָנ האָט אפילע ניט באמערקט: זיצט, קלאַפּט אונ ציילט ווײַטער אונ ווײַטער. ס'איז צוגעקומענ דער אלטער ריאבינע, ער קאַכיקעט, שפּײַט אונ קרעכצט, — אונ מיראָנ הערט ניט, טוט אלצ זײַנס. דער אלטער האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ אים, הערט, הערט... מיראָנ האָט אָנגעציילט שוינ ביז פיר הונדערט.

— ביסט ניט קיינ טאטנס א קינד! — האָט געזאָגט דער אלטער, ווי גע־ ווײנלעכ, א ביסל אונטער דער נאָז. — וואָס טוסטו?

דער קליינער מיראָנ האָט זיכ אזש צונויפגעדרייט אונ האָט א קער געטאָנ די דערשראָקענע אייגלעכ אפנ אלטנ ריאבינע.

— שלאָגסט גאָר די הייליקע ערד, ע? דו ווייסט ניט, אז די ערד איז די מאמע אונדזערע? גיב אהער דאָס שטעקעלע!

מיראָן האָט אָפּגעגעבן, ניט פארשטאַנען גאָר, וואָס וויל פון אים דער אלטער. ריאַבינע האָט א וואָרף געטאָן דאָס שטעקעלע ווײַט איין קראָפּעווע. מיראָן האָט זיך שיר ניט צעוויינט, ניט אזוי נאָכן שטעקעלע, ווי דערפאר, וואָס דער אלטער האָט איבערגעשלאָגן זײַן רעכענונג.

— גיי אהיים און זאָג „אָטשע נאש”, ע־ע־ע, איידער אזעלכע שאָדנס אָנטון! — האָט דער אלטער געזאָגט מיט א שטרענגן אויסזען און האָט זיך ווײַטער אוועקגעשלעפּט. מיראָן האָט אים לאנג נאָכגעקוקט און האָט נאָך אלץ ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס האָט זיך דער אלטער צעבייזערט און וואָס וויל ער פון אים.

2

מער פון אלץ האָט דער קליינער מיראָן ליב ארומלויפן אליין איבער גרינע, מיט קוויטן באדעקטע, לאָנקעס, צווישן ברייטבלעטערדיקע לאָפּוכן און שמעקנדיקן רומיאַנעק, האָט ליב זיך קוויקן מיט זיסן גערוך פון דעם כוויַקן קלעווער און זיך באַפּוצן מיט די קלעפּעוודיקע קנעפּעלעך פון לאָפּוך; ער טשעפּעט זיי אָן אָף זיך פון קאָפּ ביז די פיס. און נאָך האָט ער ליב דאָס טײַכל, איבער וועלכן מע דארף גיין פון גאָרטן צו דער פּאשע, א קליין, רויִק אונטערבערגיק טײַכל, מיט טיפע מעשופּעדיקע און הויכע ברעגן, מיט א ליימיקן דנאָ, מיט זשורטשענדיקע ניט קיין טיפע ערטער, בראָדן, בא וועלכע דער גרונט איז באדעקט מיט דריבנע פליטעס ארומגעוואקסן מיט ווייכן גרינעם וואסערגראָז, לאנג ווי גרינע זײַדענע פּאסמעס, — אָט דאָס טײַכל, דאָס איז אן עמעסער לוקסוס און א גרויסע צוצי־קראַפט פאר מיראָנען. דאָרט האָט ער ליב זיצן שאָענווײַז, פארקראָכן אין דעם הויכן גרינעם אָטשערעט אָדער צווישן געדיכטע ברייטצעשפּרייטע בלעטער פון דעם בײַברעגיקן מאטשושניק. ער זיצט און קוקט זיך אײַן אין דער קאם רוישנדיקער וואסער, אין דעם גראָז, וואָס הוידעט זיך אונטער דעם דרוק פון די כוואליעס, אין די קאָובליקעס *), וואָס קריכן צײַט צו צײַט ארויס פון זייערע הוילן אָדער שווימען ארויס פון דעם טיפערן אָרט, נישטערן איבערן גרונט און יאָגן זיך נאָך די וואסערווערעם, אָדער זיי שטעקן ווידער ארויס זייערע טעמפּע פּיסקלעך ביז איבער דער וואסער, גיבן א כאַפּ די לופט און לויפן אוועק וואָס גיכער אין זייער באַהעלטעניש, גלײַך ווי זיי האָבן א פּרוּוו געטאָן עפּעס אן אויסערגעוויינלעכע נאשערײַ. און די זון באקט דערווײַל פון דעם ריינעם, טונקל־בלויען הימל, ווארעמט מיראָנס אקסלען און דאָס גאנצע לײַב, אָבער זי ברים אים ניט אונטער דעם ברייטן געפלעטער. אין אים אנגענעמען. זײַנע קליי.ע גרויע

* קאָובליק — א מין פיש.

אייגלעך לויפן פלינק ארום, דער קינדערשער פּנים ווערט אָנגעשטרענגט — א געדאנק פאלט אים איין.

— אָט, די זון, פארוואָס איז זי אזא קליינע, און דער טאטע האָט געזאָגט, אז זי איז א גרויסע? מיסטאמע איז אין הימל נאָר אזא קליין לעכעלע דורכגעשניטן, וואָס מע זעט זי נאָר אזוי־פיל!

נאָר באלד איז אים איינגעפאלן א צווייטער געדאנק.

— שא, וויאזוי־זשע איז עס? זי גייט אוף — איז דאָרט א קליין לעכל, זי פארגייט — איז דאָרט אויך א לעכל. סיידן דאָס לעכל גייט ארום איבערן הימל אינאיינעם מיט דער זון?

דאָס קאָן זיך ניט איינמאָסטען אין זיין קאָפּ, און ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, וויבאלד ער קומט אהיים, וועט ער פרעגן דעם טאטן: וואָס פאר א לעכל איז דאָס אין הימל דורכגעשניטן דאָרט, ווו די זון איז?

— מיראָן! מיראָן! — הערט ער פונווייטן א געשריי. דאָס רופט די מאַמע. מיראָן האָט דערהערט און זיך א כאַפּ געטאָן, אראָפּגעלאָפן פון דעם בערגל צום בראָד, קעדיי איבערגיין דאָס טייכל, נאָר באלד זיך אָפּגעשטעלט. שוין אסאך מאָל איז ער איבערגעגאנגען איבער דעם טייכל, און גאָרנישט, און אצינד האָט ער מיטאמאָל דערזען א נייע דערשיינונג. ער איז געשטאנען פונקט אנטקעגן דער זון, און קוקנדיק אין וואסער האָט ער אָנשטאָט דעם ניט־טיפן גרונט און שטיינדעלעך און ווייכע גרינע פעדעם פון וואסערגעוויקסן מיטאמאָל דערזען בלויז איין אומענדלעך־טיפע בלויקייט. ער האָט נאָך ניט געוווּסט, אז דאָס האָט דער הימל געשפּיגלט צו אים פון דער וואסער, און האָט זיך אָפּגעשטעלט. וויאזוי־זשע קאָן מען גיין אין אזא טיפקייט? און פונוואנען האָט זי זיך פּלוצעם גענומען? ער איז אופגעשטאנען און האָט אָנגעהויבן אופמערקזאם באטראכטן די טיפעניש. אלץ דאָס זעלבע. ער האָט זיך צוגעזעצט. ווידער דאָס זעלבע. נאָר בײַם ברעג זעט מען די באקאנטע שטיינדעלעך און מע הערט דעם שטענדיקן ליבן רויש פון וואסער בײַ דעם בראָד. ער האָט זיך א קער געטאָן מיטן פּנים אין אן אנדער זייט, נאָך דער זון: די טיפקייט איז פארשוואונדן, דער בראָד איז ניט טיף ווי פריִער. די אנטדעקונג האָט אים אי באגליקט, אי פארוואונדערט. ער האָט אָנגעהויבן דרייען זיך אין אלע זייטן, אלץ געפּרווט און זיך געכידעשט מיט דער וואונדערבארער דערשיינונג. און אז די מאמע רופט אים, האָט ער אינגאנצן פארגעסן.

און לאנג איז אזוי געשטאנען דער קליינער מיראָן, אָט געבויגן זיך, אָט זיך אָפּגעקערעוועט איבערן בראָד, אָבער קריכן אין וואסער האָט ער אלץ עפּעס מוירע געהאט. אלץ האָט זיך אים געדאכט, אז אָט־אָט צווישן דעם ניט־טיפן שטיינערדיקן בראָד וועט די ערד זיך צעשפּאלטן און ס'וועט זיך צעעפענען אן אומענדלעכע בלויע טיפעניש אונטער דעם טײַכל, צווישן די הויכע ברעגן, און ער וועט אריינפאלן אין דער טיפעניש ווייט־ווייט, ער וועט פארשווינדן אין איר, ווי א שפּענדעלע, וואָס מ'האָט געוואָרפן אין א טיפער פינצ־

טערער קרענעצע. און ווער ווייסט, ווי לאנג וואָלט ער געשטאנען אפן ברעג, ווען ס'זאָל ניט אונטערגיין דער שאָכן מארטין, וואָס האָט זיך מיט די ווילדעס און מיט דער הראבליע געיילט צום היי.

— וואָס שטייסטו דאָ? — אָן רופט דיך דאָרט די מאמע. פארוואָס גייסטו ניט אהיים?

— איך וויל דאָך גיין, נאָר כ'האָב מוירע.

— פאר וואָס?

— אָטאָ, גיט א קוק! — און ער האָט באוויזן די אומענדלעכע בלויקייט אין וואסער. מארטין האָט ניט פארשטאנען.

— נו, וואָס דארף מען דאָ מוירע האָבן? ס'איז דאָך ניט טיף.

— ניט טיף? — האָט מיט אומצוטרוי געפרעגט מיראָן. — און אָט אזא טיפעניש!

— א טיפעניש? זע נאָר, אז ניין, — האָט געזאָגט מארטין. און ווי ער איז געווען אין די פאָסטאָלעס, איז ער איבערגעגאנגען איבערן בראָד און קאם זיי פארנעצט. דאָס, וואָס מארטין איז איבערגעגאנגען, האָט איבערצייגט מיראָנען, און ער איז איבערגעגאנגען איבער דער וואסער און איז אוועקגעלאָפן דורכן גאָרטן אהיים.

— וואָס פאר א נאריש יינגל! פינף יאָר אלט און שרעקט זיך נאָך פארן בראָד, — האָט א בורטשע געטאָן דער שאָכן און איז אוועק צום היי.

3

און אום זומער, ווען די עלטערע פארלאָזן די שטוב און גייען אין פעלד, בלייבט מיראָן אליין, נאָר ניט אין שטוב. אין שטוב האָט ער מוירע. ער האָט מוירע פאר די „זיידעס אין די ווינקלען", ד. ה. פאר די שאָטנס, פאר דעם בויכיקן קוימען, וואָס איז אינעווייניק שווארץ פון סאזשע, פאר דעם גראָבן שטעקן, וואָס איז ארייַנגעשלאָגן אין פענצטערל, וואָס אין דער סטעליע — אפ דורכלאָזן דעם רויך פון די שפענדלעך, מיט וועלכע מע באלויכט די שטוב אום ווינטער. מיראָן בלייבט אינדרויסן. דאָרט קאָן ער פארברענגען, רייסן גרעזלעך און צעשטשיפען זיי אף שטיקלעך, בויען שטיבעלעך פון שפענדעלעך און שטעקעלעך, וואָס געפינען זיך ארום דעם האָלץ אָדער ליגן אזוי זיך אף דער פריזבע, ווארעמען זיך אף דער זון, הערן, ווי עס צווויטשען די שפערלעך, און קוקן אפן בלויען הימל. ס'איז אים גוט. און אף דעם קינדס פּאָנעם לויפט ווידער אָן א וואָלקן — דאָס קומט א געדאנק.

און מיט וואָס זעט עס דער מענטש אלץ: אי דעם הימל, אי די ערד, אי דעם טאטן מיט דער מאמע? — אזא פראגע קומט אים אָן פון ערגעץ. — אָדער מיט וואָס הערט ער? אָט קעווקעט א שפארבער, די הינער קוואָכטשען, וואָס איז דאָס אזוינס, וואָס איך הער דאָס?

אים דאכט זיך, אז אַלץ טוט עס דער מענטש מיטן מויל, אי ער זעט, אי ער הערט. ער צעעפּעט דאָס מויל: טאקע אזוי, ער זעט אַלץ און הערט אַלץ...

— און עפּשער ניט? עפּשער מיט די אויגן?

ער מאכט צו די אויגן. מע זעט גאָרנישט. ער עפנט זיי: מע זעט און מע הערט. מאכט זיי ווידער צו — מע זעט ניט, נאָר מע הערט.

— עהע, אָט ווי עס איז! מיט די אויגן זעט מען, און מיט וואָס־זשע הערט מען? ווידעראמאָל צעעפנט ער און פארמאכט דאָס מויל — מע הערט! דערנאָך די אויגן — מ'הערט אַלץ. און אָט איז געקומען א געדאנק—פארמאכן מיט די פינגער די אויערן. א רויש — א רויש. וואָס זשע איז דאָס? מע הערט א רויש, נאָר מע הערט ניט, ניט ווי עס קוואָכטשען די הינער, ניט ווי עס קעווקעט דער שפּארבער. ער נעמט צו די פינגער — מע הערט דאָס קוואָכטשען, נאָר קיין רויש איז ניטאָ. דאָס צווייטע מאָל — דאָס זעלבע.

— וואָס־זשע איז דאָס? —טראכט זיך מיראָן.—עהע, איך ווייס שוין! מיט די אויערן הער איך דאָס קוואָכטשען און מיט די פינגער דעם רויש! וואָס דען, וואָס דען?

ער פּרוווט איין מאָל, דאָס צווייטע — אזוי, פּונקט אזוי!

און ווען צום מיטיק זיינען געקומען די שניטערס, לויפט ער שפּרינגענדיק צום פאָטער.

— טאטע, טאטע! כ'ווייס עפּעס!

— וואָס אזוינס, מיין קינד?

— איך ווייס, אז א מענטש זעט מיט אויגן.

איבער דעם פאָטערס פּאָנעם איז דורך א געלעכטער.

— און מיט די אויערן הערט ער דאָס קוואָכטשען, און מיט די פינגער א רויש.

— וואָס, וואָס?

— אָט אזוי, אויב ניט פארשטעקן די אויערן מיט די פינגער, הערט מען, ווי די הינ קוואָכטשעט, און אויב פארשטעקן הערט מען נאָר א רויש.

דער פאָטער האָט זיך צעלאכט, און די מוטער האָט שארף א קוק געטאָן אף מיראָנען און געזאָגט דראָענדיק מיט דער לעפל:

— גיי, שלעפער, גיי! אזא גרויסער באָכער, שוין צייט כאַטשנע האָבן, און רעדט אזעלכע נארישקייטן! פארוואָס ווערסטו קיינמאָל ניט א קלער טון אפּריער, וואָס דו דארפסט זאָגן, און שטענדיק עפּעס אזעלעכס א ליאַפּע טון, כאָטש טראָג ארויס אף דער לאָפּעטע. א מענטש הערט אַלץ מיט די אויערן, אי דעם רויש, אי דאָס קוואָכטשען.

— און פארוואָס הערט ער ניט מיטאמאָל? נאָר ווען מע פארשטעקט ניט די אויערן, הערט מען דאָס קוואָכטשען, און אויב פארשטעקן, הערט מען א רויש? — האָט געפרעגט דער קליינער מיראָן. — אָט גיט א פּרווו אליין! — און קעדיי איבערצייגן, האָט ער דאָ אפן אָרט פארשטעקט זיינע אויערן מיט די פינגער.

די מוטער האָט עפּעס א וואָרטעטע געטאָן, נאָר קיין ענטפער אויף דער פראַגע האָט זי ניט געפונען.

4

אָבער די גרעסטע צאָרעס האָט מיראָן געהאַט מיט דעם טראַכטן! ער האָט ניט געקאָנט טראַכטן און שווייגן. וואָס ער פלעג נאָר זאָגן, איז אַלץ עפּעס ניט אַזויווי עס דאַרף זיין. די מוטער אָדער עמעצער אַנדערש פלעג אים זאָגן:

— פאַרוואָס זאָלסטו, טיפּעש איינער, אַפריִער ניט א טראַכט טון, וואָס דו דאַרפסט זאָגן, און פּלוידערסט, אַזויווי דער פישער בוימעט מיטן שטעקן?

און ווי דער אָרעמער מיראָן האָט זיך ניט געמוטשעט אויסצוטראַכטן און דערנאָך זאָגן עפּעס קלוגס, — ניין, ער קאָן ניט און שווייג. דער אָרעמער מיראָן האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד צו טראַכטן!

אַט זיצט איינמאָל די גאַנצע מישפּאָכע באַם וואַרעמעס אַרום דעם גרויסן טיש אין מיט שטוב. די מוטער דערלאַנגט קרויט. די קרויט איז א גוטע, מיט פעטס, און נאָך מיט גרויפּן פאַרשאַטן. אַלע עסן זי און שווייגן. דער קליינער מיראָן האָט א ביט געטאָן א פּאָר מאָל און ווייטער זיך פאַרטראַכט, פאַרוואָס איז אַזוי שטיל געוואָרן אין שטוב, קיינער זאָגט ניט קיין וואָרט. פּלוצעם דאַכט זיך אים, אַז פּונקט אַצינד דאַרף ער עפּעס זאָגן. נאָר וואָס זאָגן? מע דאַרף אַפריִער באַטראַכטן, אַנדערש וועלן אַלע לאַכן, און די מאַמע וועט זידלען. וואָס קאָן מען דאָ זאָגן? און דער קליינער מיראָן הייבט אָן טראַכטן. די לעפל, ווי ער האָט זי געטראָגן צום מויל, איז אַזוי געבליבן אינדערלופטן איינגענעם מיט דער האַנט. די אויגן האָבן זיך אומבאַוועגלעך איינגעשטעלט אין דעם פּוסטן רוים און האָבן זיך אומווילליק אָפּגעשטעלט אויף דעם בילד פון דער הייליקער מוטער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט; די ליפּן באַוועגן זיך נאָר, ווי זיי שעפּטשען עפּעס.

די אַרבעטער האָבן עס דערזען, זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, א שטורכע געטאָן איינער דעם אַנדערן מיט די עלנבויגנס, און דאָס דינסטמיידל האָט אַפילע א שעפּטשע געטאָן צום אַלטן איוואַן:

— באַלד וועט ער עפּעס א נאַרישקייט אויסשיסן.

— שאַ, כ'וואָלט געוואָלט וויסן, — האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן מיראָן, — פאַרוואָס עפּעס קוקט די הייליקע מוטער, זי קוקט, און קיין קרויט עסט זי ניט?..

אָרעמער מיראָן, ווי ער האָט זיך ניט געמוטשעט, האָט ער ניט געקאָנט קיין בעסערס צוטראַכטן, עפּשער דערפאַר, ווייל מ'האָט אים מיט גוואַלד געצוווּנגען טראַכטן, „אַזויווי לייטן".

א געלעכטער, א געשריי, א געוויינלעכע זידלערייַ פון דער מוטער — „טיפּעש איינער". דער אָרעמער מיראָן האָט זיך, נעבעך, צעוויינט.

— איז וואָס, אַז איך קאָן ניט טראַכטן אַזויווי לייטן! — האָט ער געזאָגט, אָפּווישנדיק די טרערן.

5

וואָס וועט פונ אים זײַנ? וואָס פאר א בלום וועט זיכ אנטוויקלענ פונ אָט דעמ קנאָספּ? דאָס איז ניט שווער פּאָרויסזאָגנ. אינ אונדזערע דערפער טרעפנ זיכ גאנצ אָפט אזעלכע ווונדערלעכע ברוים. אלצ איז בא זיי פונ קינדווײַז אָנ ניט אזויווי בא לײַטנ: אי דער גאנג, אי דאָס פּאָנעמ, אי די האָר, אי די ווערטער, אי דאָס טונ זייערס. אונ אויב אזא קינד וועט אויסקרמענ דאָס גאנצע לעבנ ווינעג אונטער די ענגע דאָרפישע סטריכעס, אָנ א ברייטערער דערפארונג, אָנ א קלאָרערנ וויסנ, וועג פונ קליינערהייט וועלנ די בלינדע קרויווים אלצ שטאָפּנ אינ אימ אפ אזא אויפנ „ווי געוויינלעכ בא לײַטנ", וועט זיי זיכ אײַנגעבנ צודריקנ די אײַנגעבוירענע נייגונג צו דעמ אייגנארטיקנ; אלע ניטויסגענוצטע אונ דערשלאָגענע פייִקײַטנ וועלנ פארשטומט ווערנ אונ וועלנ פארוועלקט ווערנ אינ די קנאָספּנ, אונ פונ דעמ קליינעמ מיראָנ וועט ארויס א שלעכטער באלעבאָס, אָדער, וואָס איז נאָכ ערגער, דער לעבעדיקער רירעוודיקער כאראקטער, וואָס איז ניט מיטאמאָל צוגעשלאָגנ געוואָרנ, וועט אימ שטויסנ צו שלעכטס, אויב ער קאָנ זיכ ניט אנטוויקלענ צו גוטנ — ער וועט ווערנ א שלעגער, א טרעפער, וואָס וועט גלויבנ אינ אייגענע כאלוימעס, אונ וועט נארנ מענטשנ, גלייבנדיק אליינ אינ זײַנ געשפּענסט.

נאָר אויב אזא קינד וועט ארײַנפאלנ צו א ליבנדיקנ אונ איבערהויפּט ניט זייער קיינ אָרעמענ פּאָטער, וואָס וועט וועלנ אונ קאָנענ אָפּגעבנ דאָס לעצטע, קעדיי עפענענ זײַנ קינד די אויגנ אונ אימ באווײַזנ די וועלט, איז דעמלט— וואָס־זשע דעמלט? מיינט איר, אז דעמ קינדס גוירל וועט ווערנ בעסער, אזויווי עס פארשטייענ עס געוויינלעכע מענטשנ דעמ בעסערנ גוירל? אָט באלד! אינ שול וועט דאָס קינד זיכ כאפּנ צומ וויסנ אפּ כידושימ, וועט זיכ מיט דעמ וויסנ קוויקנ, ווי א קראנקער מיט פרישער לופט, אונ וועט ענדיקנ דערמיט, וואָס ער וועט זיכ דורכדרינגענ מיט די עמעסנ פונ וויסנשאפט אונ וועט זיי וועלנ דורכפירנ אינ לעבנ. אונ דער קליינער מיראָנ וועט ווערנ א הייסער פריידיקער פונ יענע עמעסנ אונ ער וועט זיי פאנאנדערטראָגנ צווישנ פינצטערע אונ פארשקלאפטע, אונטער די בלוטיק נאָענטע דאָרפישע סטריכעס... איז ווארט אפּ אימ א גוירל, וואָס מעקאנע זײַנ דארפ מענ אפּ אימ ניט! ער וועט זיכ טרעפנ אי מיט די ווענט פונ טורמע, אי מיט אלערליי נאָרעס, מיט ליידנ אונ מיט גוואלדטאטנ פונ מענטשנ איבער מענטשנ. אונ ענדיקנ וועט ער דערמיט, וואָס ער וועט אָדער פארלוירנ גיינ ערגעצ אינ אָרעמקײַט, אינ עלנט אונ אינ פארלאָזנקײַט אפּ עפּעס א פּידאשעק, אָדער פונ די טורמישע ווענט וועט ער ארויסטראָגנ שפּראָצנ פונ א טויט־קרענק, וואָס וועט פארצײַטיק אימ ארײַנטרײַבנ אינ קייווער, אָדער פארלירנדיק דעמ גלויבנ אינ הויכנ, הייליקנ עמעס, וועט ער זיכ נעמענ צומ ביטערנ טראָפּנ ביז פולשטענדיקער אומבאוווסטזיניקײַט. אָרעמער קליינער מיראָנ!

# S C H Ö N   S C H R E I B E N

אינ דעם גערוימענ קלאס נומער 2 פונ דער נאָרמאלער וואסיליאַנער *) שול אינ דראָגאָביטש איז שטיל, כאָטש נעם אונ זיי מאָג. ס׳דערנעענטערט זיכ די שרעקלעכע שאָ פונ „שיינ שרײַבנ״. ניט אזוי דער לימעד איז שרעקלעכ, ווידער לערער. אינ דער וואסיליאַנער שול פירנ אלע לימודים די גאַלאָכים אלייג אונ נאָר פאר „שיינ שרײַבנ״ האָבנ זיי געדונגענ א וועלטלעכנ מענטשנ, דעם הער ווּאלקאָ, עפּעס א געוועזענעם עקאָנאָם אָדער אנ אופזייער איבער ארבעטער. דעם הער ווּאלקאָ ווײַזט זיכ נאָכ ביז איצט אויס, אז ער איז אנ עקאָנאָם. כאָטש ס׳קומט אימ איצט ניט אויס ארומגיינ מיט דער נאהײַקע, אָבער ער טאלט בא זיכ ניט אראָפּ אונ ער האלט א ריטעלע אונ שעמט זיכ ניט ווי געהעריק עס אויסנוצנ. א קלאָרע זאכ, אז די קינדער, וואָס געפינענ זיכ כאָטש איינ שאָ אונטער דער מאכט פונ אזא לערער, ציטערנ שוינ אפריער, אונ דאָס „שיינ שרײַבנ״ איז פאר זיי דאָס ערגסטע מאטערניש.

דער קליינער מיראָנ נאָר זיצט אפּ דער באנק רויק, קימאט פריילעכ. ער וווּנדערט זיכ, וואָס איז עס מיטאמאָל געוואָרנ אזוי שטיל אינ קלאס, ווענ איינ כעוורעמאנ, וועלכנ מ׳האָט ארויסגעשיקט אינ קאָרידאָר אפּ אויסשפּיר, איז ארײַנ אינ קלאס אונ האָט אויסגעשריגנ: ווּאלקאָ איז געקומענ! אינ דער זעלבער מינוט איז שטיל געוואָרנ אינ קלאס. דער קליינער מ׳ראָנ קענ נאָכ נישט דעם הער ווּאלקאָ. ער איז ערשט געקומענ פונ דער דאָרפ־שול. דער פאָטער האָט אימ פארשריבנ אינ דעם צווייטנ קלאס פונ דער נאָרמאלער וואסיליאַנער שול, אונ הײַנט איז דער ערשטער לימעד „שיינ שרײַבנ״. אינ דאָרפ איז ער געווענ זייער שוואכ אינ שרײַבנ, ער האָט אפילע ניט געקאָנט ווי ס׳באדארפ צו זײַנ נעמענ די פעג אינ דער האנט, ניט געקאָנט מאכנ קיינ איינ גוטנ אונ גלײַכנ שטריכ. אונ דאָכ איז ער נישט מער ווי א קינד, ער דארפ זיכ נישט זאָרגנ אפריער וועגנ דעם, וואָס ער קאָנ נישט... ער האָט זיכ געוווּנדערט, וואָס איז עס מיטאמאָל אזוי שטיל געוואָרנ, אָבער דערפרעגנ זיכ וועגנ דער סיבע בא זײַנע שכיינים האָט ער ניט געוואגט. ער איז דאָכ נאָכ זייער ווייניק באקאנט מיט זיי. אונ איבעריקנס איז עס אימ נישט שטארק אָנגעגאנג. אינ אָט

---

*) אָרדענ פינ וואסיליאַנער מאָנאכנ.

דער שטילקייט, וואָס איז געווען אַזוי שרעקלעך פאַר די איבעריקע, האָט זיך דער קליינער מיראַן פאַרנומען מיט זיין באַליבטער אַרבעט: ער האָט געטראַכט וועגן זיין היים. מ'קאָן נישט זאָגן, אַז ער האָט געבענקט נאָך איר: ער האָט געוווּסט, אַז אַלע מאָנטיק וועט ער זען דעם טאַטן און די מאַמע. ער האָט נאָר געטראַכט, ווי גוט וועט עס זיין, אַז ער וועט אַמאָל ווידער אַהיים קומען, ער וועט ווידער אַרומלויפן איבער די לאָנקעס, אָדער ער וועט זיצן בּאַם טייכל אָדער גאָר שפּאַנען אין טייכל נאָכן שווימענדיקן אָטשערעט. דאָס זיינען געווען גערדאַנקען: פריילעכע, קלאָרע און בלישטשענדיקע, און נישט קיין שווערע און נעבעכדיקע. דער קליינער מיראַן האָט ברייט געשוועבט אין אָט דער שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט זיך צעבליט אין זיין פאַנטאַזיע צווישן די גרויע און קאַלטע ווענט פון דער וואַסיליאַנער שול, און ער האָט נישט געטראַכט וועגן דער געזאַר, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום קלאַס.

— זאָג נאָר, און פאַרוואָס גרייטסטו ניט צו די העפט אָפּ שרייבן? — האָט דער שאָכן שטילערהייט געפרעגט בא מיראָנען און האָט אים א שטאָרכע געטאָן אין דער זייט.

— האַ? — האָט געענטפערט מיראָן. ער איז געווען אומצופרידן, וואָס מע האָט אים אויפגעוועקט פון זיין גאָלדענעם כאָלעם.

— די העפט גרייט צו צום שרייבן, — האָט איבערגעכאַזערט דער כאַווער און האָט געוויזן מיראָנען, וויאַזוי אויסקלייבן די העפט, אַוועקשטעלן דעם טינטער און די פעדער לויט די פאָראָרדענונגען פון וואַלקאָ.

— ער גייט שוין, ער גייט שוין! — איז דורך א שעפּטשעריי איבערן קלאַס, גלייך ווי ס'וואָלט זיך דערנענטערט עפּעס א גרויזאַמער קייסער. אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט די טריט פון לערער פון „שיין שרייבן". באַלד האָבן זיך די טירן פון קלאַס אויפגעעפנט, און ס'איז אריין וואַלקאָ. מיראָן האָט א קוק געטון אַף אים. דער לערער מיט זיין אויסזען איז גאָר נישט ענלעך געווען אַף קיין קייסער. ס'איז געווען א מיטלוואוקסיקער מענטש מיט קורצ־געשוירענע האָר אַף דעם קיילעכיקן שאָפּענעם קאָפּ, מיט קורצע רויטע וואָנצעס און מיט א רויט שפּאַניש בערדל. זיין ברייט פּאָנעם און זיינע שטאַרק אַנטוויקלטע אַנגלען, זיינע גרויסע אויסגעבויגענע אויערן האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון א טעמפּער אַקשאָנעס און פון א מענטשנפרעסער. קליינע אויגן פון א זשאַבע זיינען געזעסן טיף אין די גריבלעך און האָבן פונדאָרטן בייז און אומהיימלעך געפינקלט.

— אַגו! — האָט ער שטרענג א געשריי געטאָן און צוגעמאַכט די טיר פון קלאַס, דערביי האָט ער געפּאָכעט מיט דעם בויגעוודיקן ריטעלע. און פון דעם דאָזיקן געשריי האָבן אַלע קעפּ פון די פינף און אַכציק שילער זיך אָנ־געבויגן איבער די בלאָווע און רויט געווירעטע שרייב־העפטן פונקט אַזוי ווי

אינ א כמארנעם זומער־טאָג בײגנ זיכ פונ ווינט די זאנגענ פונ קאָרנ. אינ האנט פונ יעדנ שילער האָט געציטערט די פענ. נאָר איינ מיראָנ, וועמענ ס'איז נאָכ נישט באקאנט געווענ וואלקאָס כאראקטער, איז געזעסנ מיטנ פאָנעם אויסגעקערעוועט צום קלאס אונ האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ נײַעם לערער.

— אונ דו וואָס? — האָט וואלקאָ בייז א געשריי געטאָנ אונ זיכ געלאָזט גלײַכ צו אים.

דער קליינער מיראָנ איז איבעראשט געוואָרנ פונעם פלוצעמדיקנ געשריי. ער האָט אינסטינקטיוו זיכ אויסגעקערעוועט, אונ זײַנ קערפער האָט אָנגענומענ די זעלבע ציטערנדיקע פאָזע, ווי בא זײַנע כאווירים.

וואלקאָ האָט גענומענ דעם קרײַד אינ דער האנט אונ איז צו צום טאָוול. זיכ אוועקגעשטעלט, זיכ א הוידע געטאָנ אונ גענומענ שרײַבנ. אינ אָנהייב האָט ער געשריבנ נאָר בוכשטאבנ: קליינע אונ גרויסע, וואָקאלנ אונ קאָנסאָנאנטנ, אָנ א שום באדײַטונג. אָבער ווײַטער איז ער דערגאנ צו ווערטער אונ דערנאָכ צו גאנצע פראזנ, ווי צום בײַשפיל: „גאָט האָט באשאפנ די וועלט", „א מענטש האָט צווי הענט", „די ערד — איז אונדזער מוטער". ער האָט אזוי־ארום אויסגעשעפּט זײַנ גאנצע טוירע אונ מיט א גרויסער צאָל דריידלעכ אונ ווײדעלעכ, וואָס זײַנע געווענ לאנג, ווי די וועלט, אונ גלײַכ, ווי די קאָלבאסנ, האָט ער געוויזנ אלע זײַנע קענטעניש אינ „שיינ שרײַבנ". ער האָט אוועקגעלייגט דעם קרײַד אונ איז אָפּגעטראָטנ פונ טאָוול, נאָכאמאָל מיט פארגעניגנ א קוק געטאָנ אפ דעם אָנגעשריבענעם, דערנאָכ האָט ער זיכ אויסגעקערעוועט צו דעם ציטערנדיקנ קלאס אונ האָט בייז א געשריי געטאָנ:

— שרײַבנ!

זײַנ וויסנשאפטלעכע טעטיקײַט האָט זיכ אינ דעם מאָמענט געענדיקט. איצט האָט זיכ אָנגעהויבנ זײַנ טעטיקײַט אלס עקאָנאָם. קעדיי דאָס בוילעט דערווײַזנ, האָט ער שטארק א קנאק געטאָנ מיט די פינגער, ער האָט אזויארום אראָפּגעבלאָזנ פונ זיי דעם געלערנטנ קרײַד־שטויב אונ גענומענ אינ דער האנט דאָס ריטקעלע. אונ ווי אנ אָדלער, וואָס שפּירט פונ בארג נאָכ זײַנ רויב, האָט ער באטראכט דעם קלאס, דערנאָכ אראָפּ פונ גראדוס *) אונ אָנגעהויבנ ארומגיי איבערנ קלאס.

דער ערשטער, אפ וועלכנ ס'האָט זיכ אויסגעגאָסנ זײַנ בייזער צאָרנ, איז געווענ א שוואכ אונ דערשראָקנ שילערל. א פארשוויצטער, אײַנגעבויגנ איבער דער העפט, האָט ער געהאָרעוועט מיטנ גאנצנ קויעכ, קעדיי אײַנהאלטנ די פענ אינ די ציטערדיקע הענט, אונ האָט אלע מאָל געקוקט אפנ טאָוול, באמיענדיק זיכ מאכנ אפנ פאפיר פונקט אזעלכע דריידלעכ, האטשעקלעכ אונ קאָלבאסלעכ, ווי ס'האָט דעם עקאָנאָמס געניטע האנט אָנגעצייכנט אפנ טאָוול.

*) ג ר א ד ו ס — אנ העכער אָרט אינ קלאס, ווו ס'שטייט דעם לערערס טיש. פירנ אפנ גראדוס — דאָס הייסט אוועקלייגנ דעם שילער אפנ לערערס טיש אונ אים שלאָגנ.

אָבער זײַנ האנט האָט געציטערט, די האטשעקלעכ, דרײדעלעכ און קאָלבאסלעכ האָבנ זיכ באקומענ צעבראָכנ, קרום. זײַנ פּענ האָט אים נישט געפאָלגט און זיכ געדרײט אינ זײַנע הענט, געסקריפּעט, געפּאָרסקעט, ווי זי וואָלט עפּעס בארויגעז געווענ און האָט געוואָלט וואָס גיכער זיכ באפרײַענ.

וואלקאָ האָט זיכ פאר אים אוועקגעשטעלט, ווי א הענקער איבער דער נעשאָמע. ער האָט בײז געשמײכלט, קײנ וואָרט נישט געזאָגט און גענומענ זיכ צוקוקנ צו זײַנ ארבעט. דאָס אָרעמע ייִנגל האָט דערפילט אנ אומגליק און האָט אינגאנצנ פארלוירנ די מאכט איבער זײַנ האנט און איבער דער ניט־געהאָרכזאמער פּענ.

— אזוי שרײַבסטו גאָר? — האָט לײַכט א צישע געטאָנ וואלקאָ, און ס'האָט שטארק א סווישטשע געטאָנ אינדערלופטנ זײַנ ריטעלע, וואָס האָט, ווי א שלאנג, א שנײַר געטאָנ די אקסל פונ יונגנ יאטל.

— אוי, אוי, אוי — האָט ער זיכ צעקוויטשעט, אָבער ער איז גלײַכ אנ־שוויגנ געוואָרנ, ווײַל ער האָט באגעגנט וואלקאָס גרויזאמענ און גיפטיקנ בליק.

— קאָנסטו, הײסט עס, בעסער נישט שרײַבנ? — האָט וואלקאָ געפרעגט.

— כ'קאָנ, כ'קאָנ! — האָט געשטאמלט דאָס יאטל. ער האָט אלײנ נישט געוווסט, וואָס ער שטאמלט.

מעגלעכ, אז דער לערער־עקאָנאָם האָט טאקע געגלויבט, אז דאָס ייִנגל קאָנ בעסער שרײַבנ, און נאָר אים אפצולאָכעס באמיט ער זיכ שרײַבנ שלעכט, אָדער גאָר פונ גרויס ליבע צו זײַנ שטעקעלע.

— נו, איז זע־זשע! — און וואלקאָ איז אוועק ווײַטער און האָט אפילע נישט געוווסט, וואָס פאר א ווילע פּרוכטנ ס'האָט געבראכט זײַנ גלענצנדע וויסנ־שאפט. אגעוו זײַנעג אים ניט אָנגעגאנ אָט די פּרוכטנ — איצטער איז ער געווענ נאָר אנ עקאָנאָם און מער גאָרנישט. זײַנע אויגנ האָבנ זיכ שוינ א קער געטאָנ אינ אנ אנדער זײַט, זיי האָבנ געזוכט אינ א צווײטנ ווינקל פונ קלאס א נײַעמ קאָרבנ. דאָרט איז געזעסנ א ייִדיש ייִנגל. לויט דער אלטער געוווינהײַט האָט ער געשריבנ פארקערט, פונ רעכטס אפ לינקס. ער האָט זיכ באמיט נאָכמאכנ וואלקאָס דרײדלעכ פונ רעכטס אפ לינקס, פונ ענדע שורע ביזנ אָנהײב. אײנ שורע האָט ער שוינ אפ אזא מינ אויפנ פארענדיקט און האָט פּונקט אָנגעהויבנ די צווײטע שורע. די אָנגעשריבענע שורע האָט אויס־געזענ ווי ס'באדארפ צו זײַנ, אָבער די נײַע האָט א שטאָכ געטאָנ וואלקאָ אינ די אויגנ.

— וויִאזוי שרײַבסטו, מוישע! — האָט ער א געשריי געטאָנ און איז צו־געשפּרונגענ צום ייִנגל.

וואלקאָ האָט אלע ייִדנ אינ קלאס גערופנ „מוישע" — סײַדנ דאָס זײַנענ געווענ קינדער פונ רײַכע אָרטיקע „טוזנ", פאר וועלכע ער האָט געהאט גרויסנ רעשפּעקט. דאָס ייִנגל, וואָס האָט געהײסנ יוינע טורטעלטאוב, האָט

דערהערט דעמ געשריי אונ דערזענ דעמ אָנגרײַפנדיקנ סוינע, איז צעטומלט געוואָרנ, זיכ צונויפגעדרייט, ווי א מושל אינ זײַנ שטיבל, אונ אופגעהערט שרײַבנ.

— כא־כא־כא! — האָט געלאַכט וואלקאָ, צוקוקנדיק זיכ צו זײַנ שרײַבנ.

— הער פּראָפעסער... — האָט אָנגעהויבנ דאָס ייִנגל אונ זיכ פארלוירנ.

— קומ נאָר אהער!

אונ נישט דערוואַרטנדיק זיכ, ביז יוינע וועט ארויס פונ הינטער דער באנק, האָט ער אימ אָנגענומענ פארנ אויער אונ אימ ארויסגעשלעפּט אפ דער מיט קלאַס.

קוקנדיק אפנ אומגליקלעכנ, צונויפגעהויקערטנ ייִנגל, וואָס האָט געציטערט אונ זיכ פארסלינעט פונ שרעק, האָט דער גאנצער קלאַס זיכ צעלאַכט אפ א קאָל, כאָטש יעדער האָט אליינ געציטערט אונ זיכ געהויקערט. אָבער אזא איז שוינ די קראפט פונ טיראנישנ דרוק. ס'איז גאנצ גענוג, אז דער טיראנ זאָל א שמייכל טונ, אז אלע די, וואָס געפינענ זיכ אונטער זײַנ דרוק, זאָלנ נעמענ לאַכנ, ניט געקוקט דערופ, וואָס זיי לאַכנ, אייגנטלעכ, פונ זייער אייגענעמ גורל.

— גיי צומ טאָוול, אנו, שרײַב!

וואלקאָ האָט מיט דער אייגענער האנט אָפּגעווישט א טייל פונ דעמ, וואָס ער האָט פריִער אָנגעשריבנ, אונ האָט יוינענ ארײַנגעשטופּט דאָס קרײַד אינ דער האנט. דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבנ שרײַבנ אפ זײַנ אויפנ פונ לינקס אפ רעכטס. ווידער האָט דער קלאַס אָנגעהויבנ צו קײַכנ. וואלקאָ האָט א שמייכל געטאָנ, אָבער גלײַכ האָט זיכ זײַנ פּאָנעמ אָנגערויגעוועט, ער האָט זיכ אויסגעקערעוועט צו דער לעצטער באנק, ווו ס'זײַנענ געזעסנ די גרעסטע אונ געזונטסטע ייִנגלעכ, אונ האָט א געשריי געטאָנ:

— אנו, ציילט אימ ארײַנ!

דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבנ ציטערנ מיטנ גאנצנ קערפּער אונ האָט עפּעס אָנגעהויבנ שטאַמלענ, אָבער גלײַכ זײַנענ צו אימ צוגעלאָפנ צוויי כאַוויירימ—סיפּאַקעס אונ אימ א נעמ געטאָנ אפנ גראַדוס. אינ קלאַס איז געוואָרנ שטיל. אָנשטאָט א געלעכטער איז א בלייכקייט ארויסגעטראָטנ אפ אלע פּענעמער, — נאָר דאָס ווייטעקדיקע קוויטשענ יוינעס האָט זיכ געהערט אינ די געמויערטע ווענט פונ וואסיליאַנער מאָנאַסטיר.

— גענוג פונ זײַנעט וועגנ! — האָט וואלקאָ א זאָג געטאָנ, אונ יוינע איז כליפּענדיק אוועק אפ זײַנ אָרט.

נאָכ דעמ, ווי ער האָט אויסגעפירט זײַנ הויכ־פּעדאגאָגישע זאַכ, האָט וואלקאָ ווידער גענומענ ארומגיינ איבערנ קלאַס, אונ ווידער האָבנ זיכ געשאָטנ קלעפּ איבער די אקסל אונ הענט פונ די יאַטנ.

וואָס פאר אנ אײַנדרוק די דאָזיקע לערע האָט געמאַכט אפ מיראָנענ, פארשפּאָר מענ שוינ זאָגנ. ער האָט די גאנצע צײַט געציטערט ווי אינ א פיבער:

ס'האָט אים געקלונגען אין די אויערן און געשווינדלט אין די אויגן, ווי אין א געוויטער. ער האָט געפילט, אז ס'וועט אים נישט אויסמיידן דער דאָזיקער געוויטער, אז די קלעפּ פון שרעקלעכן לערער וועלן אויך אָפּ אים פאלן. די אָנגעשריבענע ווערטער און שורעס זיינען געשפרונגען פאר זיינע אויגן, זיך אָנגעבלאָזן און זיך געפּלאָנטעט. זיי האָבן אויסגעזען נאָך אומגעלומפּערטער, ווי זיי זיינען אינדערעמעסן געווען. ער האָט אליין נישט געוווסט, ווען ער האָט אופגעהערט שרייבן. א גרויער פּאַרהאַנג איז געשטאַנען פאר זיינע אויגן.

— אָט אזוי שרייבסטו? — האָט וואלקאָ א געשריי געטאָן איבער זיין קאָפּ.

מיראָן האָט א ציטער געטאָן, א כאַפּ געטאָן די פען, זי איינגעטונקען אין דעם טינט און האָט זי א שלעפּ געטאָן איבערן פּאפּיר, ווי אן אָקס פאר די הערנער.

— ציי דען ווייסטו נישט, וויאזוי צו האלטן די פען?

— איך ווייס נישט, — האָט א שעפּטשע געטאָן מיראָן.

— וואָס? — האָט א רעווע געטאָן וואלקאָ. — וויפל מאָל האָב איך דיר געוויזן? אמאָל צען, ניט ווייניקער.

מיראָנס פארוואונדערטע אויגן האָבן געקוקט אפן צעבייזערטן פּאָנעם וואלקאָס. אָבער אָנשטאָט אן ענטפער האָט וואלקאָ מיט א צונויפגעדריקטן פויסט א זעץ געטאָן דעם יאט איבערן פּאָנעם. דער קליינער מיראָן איז א פאל געטאָן אפ דער באנק, פון דער באנק אפן דיל, ווי מיט א קאָסע אונטערגעשניטן.

בלוט האָט פארגאָסן זיין פּאָנעם.

— הייבט אים אוף! — האָט א געשריי געטאָן וואלקאָ. פון די אונטערשטע בענק זיינען צוגעשפרונגען צוויי, די זעלבע, וואָס האָבן מיט א רעגע פריער גענעריקט יוינען, און האָבן אופגעהויבן דעם פארכאלעשטן מיראָנען. זיין קאָפּ האָט זיך נישט געהאלטן אפ די האלדז-מוסקולן און האָט זיך געבויגן אראָפּ, ווי בא א טויטן.

— לויפט נאָך וואסער! — האָט ווייטער געקאָמאנדעוועט וואלקאָ און האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָן אפ מיראָנען.

— וואָס איז דאָס פאר א יינגל? — האָט ער געפרעגט.

— מיראָן, — האָט געענטפערט דער „צענזאָר“, דער עלטסטער און דער שטארקסטער אין קלאס, וועמען די גאלאָכים האָבן באשטימט פאר אן אופזעער איבער די כאוויירים.

— ווער איז ער? — האָט ווייטער געפרעגט וואלקאָ.

— ס'איז איינעם א כלאָפּס א זון פון נ...

— א כלאָפּס א זון? טפו! וואָס פאר שווארצע יאָר שפּארן זיך אהער די כלאָפּן? — האָט וואלקאָ א ברום געטאָן. פונעם הארצן איז אים שוין אָפּגע-גאַנ. ער האָט געהאט אָנגעהויבן א ביסל מוירע האָבן פאר זיין שטיקל ארבעט, אָבער

אויב א כלאָפּס א זונ, הייסט עס, אז מע קאָנ אים שלאָגנ אונ באליידיקנ, וויפל דו ווילסט,—קיינער וועט פאר קיינ כלאָפּס א זונ זיכ ניט אָנעמענ.

וואלקאָ האָט קיינ טאָעס נישט געהאט אינ זייַנ כעזשבנ. קיינער האָט זיכ נישט אָנגענומענ פארנ כלאָפּס זונ. דער אומענטשלעכער אופּטו פונ דעם לערער דעם עקאָנאָם איז אים אראָפּגעגאנ גלאטיק, פּונקט אזויווי אסאכ אנדערע זייַנע אומענטשלעכע אופּטוענ. נאָר אינעם הארצנ פונעם כלאָפּס זונ איז דער דאָזיקער אופּטו גלאט נישט אראָפּגעגאנ. די געשעעניש איז געוואָרנ דער ערשטער זוימ פונ פארדרוס, ביטל אונ אייביקער סינע צו יעדער אונטערדריקונג אונ טיראניע.

# וועלדער און פאשעס

(א דערציילונג פון א געוועזענעם געמיינדע־באפולמעכטיקטן)

וואָס פאר א געשרייען זיינען עס בא אונדז געווען וועגן די וועלדער און די פאשעס! אָ, ווי די פריצים האָבן זיך געדרייט, ווי זיי האָבן זיך געסוידעט און אונטערגעקויפט די אינזשעניערן און די אדוואָקאטן, קעדיי זיך צו באפרייען פון אלע שוועריקייטן! קלוגע קעפ! זיי האָבן געוווסט, אז כאָטש דער קייסער האָט באפרייט די כלאָפּעס און האָט פארניכטעט די פאנשטשינע, אָבער אויב זיי וועלן ניט אָפּגעבן די פויערים די וועלדער און די פאשעס, מוז טאקע דער כלאָפּ אָדער פארפאלן ווערן, אָדער אָנקומען צו זיי זיך בוקן צו די פיס, און דעמלט וועט זיך אומקערן די פאנשטשינע כאָטש אין אן אנדער מאנטל, אָבער פאר די כלאָפּעס קיין ביסל ניט גרינגער.

און איר מיינט מיסטאמע, אז די פאנשטשינע האָט זיך ניט אומגעקערט צו אונדז? קומט נאָר און טוט א קוק, וואָס טוט זיך בא אונדז אין דאָרף, וועט איר זיך אליין איבערצייגן. עמעס, די אטאמאנען און עקאָנאָמען פאָרן שוין ניט ארום אונטער די פענצטער מיט די נאהייקעס, אפן פאָרעצס הויף איז שוין ניטאָ יענע דעמבענע קלאָץ, אף וועלכער עס פלעג יעדער שאבעס פאָרקומען דאָס „הורטנ־שמייסעריי", אָבער טוט נאָר א קוק אף די מענטשן, טוט נאָר א רעד מיט זיי — שווארץ, ווי די ערד, נעבעך, די כאטעס ארומגעריסן, אלטע, זיך אריבערגעבויגן אף די זייטן. קיין פלויטן איז קימאט ניטאָ, כאָטש נעבן דאָרף איז א וואלד, ווי א יאם; מוזן די מענטשן ארומגראָבן דאָס גוטס מיט גראָבנס און ארומזעצן מיט ווערבעס, אזויווי אף פאָדאָליע. די פי איז אויס־געמוטשעט באוואָקסן, און ניט בא יעדן באַלעבאָס איז זי פאראן.

און פרעגט בא די מענטשן, וואָס גייען מיט סערפּן און מיט קאָסעס: „וווהין גייט איר, מענטשן?" וועלן זיי געוויס זאָגן: „אפן פריצישן פעלד שניידן קאָרן" אָדער „אף דער פריצישער לאָנקע היי קאָסען". און ווען איר וועט זיך פארוואונדערן, פארוואָס גייען זיי צום פאָרעץ אף דער ארבעט איצט, ווען בא זיי איז נאָך באָרנישט ניט געטאָן געוואָרן, און דאָ ווארעמט עס, עס שיטן זיך אָפּ די זאנגען, וועלן זיי א שאָקל טון מיט די קעפּ און טרויעריק זאָגן: „וואָס וועסטו טון? מיר זעען עס אליין, דאָס הארץ רייסט, אָבער וואָס וועסטו טון? מיר זיינען אריין אין כויוו דעם פאָרעץ, און בא אים איז אזוי

אײַנגעשטעלט — פֿריִער דאַרפֿסטו אים אָפּאַרבעטן, עס זאָל דונערן און בליצן, און ערשט דערנאָך בײַ זיך, דאָס איז בײַ אונדז יעדער יאָר אַזוי: בײַם פּאָרעץ מאַכן מיר אַלץ באַצײַטנס ריין און גוט, און אונדזער אייגנס גייט דערווײַל פֿאַרפֿאַלן אין פֿעלד. גוט האָט עס צוגעטראַכט אונדזער פּאָרעץ! אים געהער דער וואַלד, און מיר האָבן קיין ריטל ניט לעבן שטוב; אים געהער די פּאַשע, און בײַ אונדז איז אַ טייל פֿון אויסגעפּייגערט געוואָרן און די רעשטלעך גייען אַרום ווי פֿריטשמעליעט. בײַ אים איז דאָס פֿעלד אַ ריינס, אַ באַאַרבעטס, און אונדזער פֿעלד איז פֿאַרוואָקסן מיט בוריאַן און מיט ווילדגראָזן. קיין מיסט איז ניטאָ, מיט וואָס צו באַגיטיקן, קיין שלעפּ־קראַפֿט איז ניטאָ! און אויב עפּעס וועט שוין יאָ אויסוואַקסן, ווערט עס פֿאַרפֿאַלן אַפֿן פֿעלד, ווײַל פֿריִער מוזן מיר אָפּאַרבעטן בײַם פּאָרעץ, ביז ס'האַלט זיך וועטער. און קיינמאָל קאָנען מיר ניט קומען צום שטיקל ברויט, קיינמאָל קאָנען מיר זיך ניט שטעלן אויף די אייגענע פֿיס, קיינמאָל קאָנען מיר זיך ניט אַרויסשלאָגן פֿון אונטער דעם פּאָרעצס האַנט. און דער פּאָרעץ דריקט, אָ, ער דריקט מיט אַלע קויכעס! ער איז בײַ אונדז איצט דער נאַטשאַלניק פֿון דער געמיינדע — זײַנער אַ טעלערלעקער איז אַ פּיסאַר, און דער גאַנצער ראַט מוז זיך בייגן לויט זײַן ווילן. קיין אָרעמען פּויער וועט ער ניט לאָזן פֿון דאָרף ניט אויף קיין פֿאַרדינסט און ניט אויף קיין שטעלע, דאָס ביכל גיט ער ניט אַרויס. „זיץ דאָ און דריי זיך ניט, אַרבעט בײַ זיך!" און בײַ זיך איז דאָך ניטאָ וואָס צו אַרבעטן, איז גיי צום פּאָרעץ! און דער פּאָרעץ — גיט צו צען קרײַצער אַ טאָג אין דער שווערסטער צײַט, און דו מוזט אַרבעטן, ווײַל ס'איז ניטאָ ווו זיך הינצוטון! אָט אַזוי האָט ער אונדז צוגעדרייט, און יעדער מאָל דרייט ער צונויף שטאַרקער! זאָגט נאָר אַליין, צי דאַרפֿן מיר נאָך אַכוץ דעם האָבן פּאַנשטשינע? איך רעכן, אַז די אַמאָליקע פּאַנשטשינע מיט אירע ריטלער און עקאָנאָמעס איז געווען ניט אַזאַ שווערע.

און איצט הערט אויס, וויִאַזוי האָט ער זיך אין אונדז אײַנגעקלאַמערט, קעדיי אונדז אַרויסצופּראָווען אין פֿעלד און אַזוי אַרום אַרײַנגעמען אונדז אין די הענט. איך בין אַליין דערבײַ געווען און איך קאָן אײַך שווערן, אַז יעדער וואָרט איז ריכטיק. איז הערט אויס!

אונדזער אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן פֿון דער קאָנסקריפּציע, איר ווייסט, מיסטאָמע, וואָס איז געווען אין 59־טן יאָר. ביז יענער צײַט האָבן מיר געלעבט מיטן פּאָרעץ בעשאָלעם. ער האָט אונדז מוירע געהאַט טשעפּען, ווײַל דעמלט האָבן די פּריצים נאָך גוט געדענקט די מאַזורסקע שכיטע. און מיר, פֿון אונדזער זײַט, האָבן אים אויך ניט געפּרוווט טשעפּען. פּאַשע האָבן מיר געהאַט. אין וואַלד האָלץ געהאַקט, ווי אונדזערע עלטערן פֿון גאָר אַמאָל, און אַלע האָבן געוויסט, אַז דאָס איז אונדזער וואַלד. די געמיינדע האָט אַפֿילע אַ לעסניטשע געהאַלטן. און דאָ נאַ דיר — קאָנסקריפּציע. איר ווייסט דאָך — אַ פֿינצטערער פּאָלק! מע ווייסט ניט וואָס און ווען, מ'האָט זיך

איבערגעשראָקן. אָט ווי אונדזער פויער, ער האָט אלץ מוירע, מע זאָל אים די שטײַערן ניט העכערן. אזוי איז אויך דעמלט געווען — מ'האָט געזאָגט, אז מ'וועט איבערשרײַבן ניט נאָר די מענטשן, נאָר אויך די כודאָבע. הייסט עס, אזוי וועט עס שוין אונדז ניט דורכגיין. איינמאָל, זונטיק איז עס געווען, דער אוילעם, ווי געוויינלעך, גייט ארויס פון קלויסטער און שטעלט זיך אָפּ אפן פּלאַץ א שמועס טון. דאָ מעלדעט דער ווויט שטענדיק פארשיידענע נײַסן, מע רעדט וועגן שניט. פּלוצעם קומט דער פּאָרעץ. „אזוי און אזוי, געערטע לײַט, א וויכטיקע זאך—קאָנסקריפּציע. איך בין אײַער פריינט, איך בין איצט פונקט אזא פויער, ווי איר. איר ווייסט, דער קייסער האָט אונדז אלעמען געמאכט, גלײַך ס'איז איצט ניטאָ שוין מער קיין פריצים..." נו, פּאָשעט גערעדט, ער האָט אָנגעהויבן פארעדן די ציין. מיר האָבן צעעפנט די מײַלער, דאָס ערשטע מאָל הערן מיר פון דעם פּאָרעץ א לײַטיש וואָרט. „אזוי און אזוי, רעדט דער פּאָרעץ ווײַטער, א וויכטיקער איניען די קאָנסקריפּציע. ווער עס וויל, קומט אהער, איך וויל עפּעס וויכטיקס זאָגן, ווי איר זאָלט זיך פירן בא דער קאָנסקריפּציע". און דער פּאָרעץ האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך אין הויף, און מיר אלע האָבן זיך געלאָזט נאָך אים. ער האָט זיך געשטעלט אפן גאנעק אונדז ארומגעקוקט, ארויסגערופן צו זיך עטלעכע עלטסטע און איז מיט זיי אוועק אין שטוב. מיר שטייען און ווארטן, אונדזערע עלטסטע קערן זיך אום. „נו, נו, וואָס האָט דער פּאָרעץ געזאָגט, וואָס פאר א זאך?" און די עלטסטע אונדזערע שאָקלען מיט די גראָווע קעפּ און מורמלען עפּעס. „אזוי און אזוי, דאָס איז עמעס!" און ווײַטער צו אונדז: „קומט אין דאָרף, וואָס האָט איר דאָ א געשריי אופגעהויבן אפן פּאָרעצס הויף? דאָ איז דען דאָס אָרט פאר אן אסיפע?" מיר זײַנען אוועק.

— צי ווייסט איר גוטע לײַט,— האָבן צו אונדז געזאָגט אונדזערע עלטסטע, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אפ דעם פּלאַץ, אז מאָרגן דארף צו אונדז קומען די קאָנסקריפּציע? איז אָט, האָט דער פּאָרעץ אונדזערער, זאָל ער געזונט זײַן, געזאָגט אונדז, מיר זאָלן אײַך וואָרענען, גיט אכטונג, זאָגט ער, אפ די פּי. זיי שרײַבן איבער די פּי און דערנאָך וועלן זיי ארופלייגן א שטײַער צו איין רינסקע פון יעדער שטיק. אויב איר וועט זאָגן, אז איר פּאשעט אין וואלד, וועט איר אויך פארן וואלד מוזן צאָלן א צווייענדיקן שטײַער, ערשטנס פארן וואלד און צווייטנס פאר דעם, וואָס איר פּאשעט אין וואלד. איז אייצעט אונדז דער פּאָרעץ אזוי טון: ניט זאָגן, אז מיר פּאשען די פּי אין וואלד און א טייל פּי אויסבאהאלטן אין וואלד. אזוי, זאָגט ער, טוט מען אין אנדערע דערפער: און דער וואלד, זאָגט ער, ווי ער איז אײַערער געווען, אזוי וועט ער בא אײַך בלײַבן. ווײַל די קאָנסקריפּציע האָט ניט צו טון מיט קיין באָדן.

האָבן מיר זיך אזוי געייצעט און באשטימט פּאָלגן דעם פּאָרעץ. אָט נאראָנים. בא וועמען ס'איז געווען פינף שטיק פּי, האָט ער דרײַ באהאלטן אין וואלד און צווי געלאָזט אפ באווײַזן. בא וועמען עס זײַנען צען, באהאלט ער זיבן

און װײַזט דרײַ. א גאנצע טשערעדע פּי האָבנ מיר באהאלטנ אינ װאלד צװישנ געדיכטעניש אונ װארטנ רויִק אפּ דער קאָנסקריפּציע. אזוי שװער קומענ אונדז אָנ די שטײַערנ, אונ דאָ האָט אונדז דער פּאָרעצ אָנגעשראָקנ מיט די קלויִ־מערשט נײַע העכערונגענ, אז מיר האָבנ זיכ ניט געװאקלט פּאָשעט אָפּנארנ די קאָנסקריפּציע, אבי זיכ אויסדרייענ פונ דער צאָרע.

דעמ צװייטנ טאָג, אזוי בא װארמעס־צײַט, איז די קאָנסקריפּציע שוינ דאָ, מע שרײַבט איבער. מיר אלע האלטנ זיכ, אזויװי מיר האָבנ באשלאָסנ. געבנ אָנ די קלענסטע טייל פּי אונ זאָגנ, אז אינ װאלד פּאשענ מיר זי ניט. אונ פרייענ זיכ נאָכ, װאָס עס גייט אזוי גלאט. אזש אָט איז די קאָנסקריפּציע איבערגעגאנ צומ פּאָרעצ. עטלעכע מענטשנ האָבנ זיכ פארציקאװעט אונ אװעק נאָכ איר. אינ א קליינער צײַט ארומ קומענ זיי צו לויפנ אינ דאָרפּ פארסאפּעטע, דערשראָקענע...

— װאָס האָבנ מיר געטאָנ? —שרײַענ זיי. —דאָ איז עפּעס ניט אזוי, דאָ איז עפּעס ניט גלאט. צי האָט דער פּאָרעצ אונדז ניט אונטערגעפּירט אפּ עפּעס אנ אומזינ? ער האָט פארשריבנ ניט נאָר זײַנע פּי נאָר אויכ אונדזערע פּי, װאָס איז באהאלטנ אינ װאלד. אונ די קאָמיסיע איז אװעקגעפּאָרנ אהינ. מיר זײַנענ פארכאלעשט געװאָרנ, דערהערנדיק אזא װונדער: זיכ גלײַכ צונויפגעגומענ אינ א הורט אונ אװעקגעלאָפנ אינ װאלד. די קאָמיסיע איז שוינ ניט געװענ. פרעגנ מיר בא די פּאסטעכער: עס זײַנענ געװענ, זאָגנ זיי, פּריצימ אונ אונדזער דידיטש. עפּעס האָבנ זיי געשריבנ, געציילט די פּי, אָבער בא אונדז האָבנ זיי גאָרניט געפרעגט. מיר לאָזנ זיכ אינ דאָרפּ, זאָגט מענ אונדז, אז די קאָמיסיע איז שוינ אװעקגעפּאָרנ פונ הויפּ מיט א זײַטיקנ װעג. האָבנ מיר זיכ געלאָזט נאָכ איר, זי דעריאָגט אזש אינ דעמ צװייטנ דאָרפּ. אזוי אונ אזוי, זאָגנ מיר, דאָס האָבנ די פּריצימ אונדזער פּי גערעכנט אינ װאלד.

— װי קאָנ עס זײַנ אײַערע, װענ איר האָט אליינ געזאָגט, אז מער קיינ פּי האָט איר ניט אונ אינ װאלד פּאשעט איר ניט?

— מיר האָבנ טאקע אזוי געזאָגט, דאָס האָט דער פּאָרעצ אונדז אזוי געציצעט.

— איז װאָס־זשע װילט איר פונ אונדז? מיר זאָלנ א צװייטע קאָנסקריפּ־ציע בא אײַכ מאכנ צי װאָס? זײַט געזונט! װאָס איר האָט געטאָנ, װעט איר האָבנ. װאָס עס איז אָנגעשריבנ, דאָס איז פארפאלנ. אגעװ, ניינ, איר קאָנט רעקורסירנ *), אָבער מיר זאָגנ אײַכ פּאָרויס, אז דער רעקורס װעט אײַכ גאָר־ניט העלפנ, איר װעט אליינ זיכ פּאקנ אינ קרימינאל, דערפאר װאָס איר האָט אָפּגענארט די קעניגלעכע קאָמיסיע.

מיט דעמ האָבנ מיר זיכ אומגעקערט. ס'איז פארפאלנ, האָבנ מיר געזאָגט, מירנ א קוק טונ, װאָס װעט פונ דעמ זײַנ.

װארטנ מיר א יאָר, צװיי, ניטאָ גאָרניט. דער פּאָרעצ איז װײַטער גוט צו אונדז. אונ װענ מע דערמאנט די קאָנסקריפּציע, שמייכלט ער אונ זאָגט: „עט, א

*) רעקורסירנ — אָנקלאָגנ די פּאָראָרדענונג פונ די נידעריקערע נאטשאלסטװע.

שפאס". אזש אָט, אפנ דריטנ יאָר הערנ מיר עפעס א קאָמיסיע פאָרט אינ דאָרפ איבערמעסטנ די פאשעס.

— אָט א נײַע פארבלענדעניש,—טראכטנ מיר זיכ,—די פאשע איז אונדזערע פונ אייביק אָנ, צוליב וואָס דארפ מענ זי איבערמעסטנ? עמעס, די לעצטע יאָרנ האָבנ מיר א טײל פאשע צעטײלט צווישנ דער געמײנדע אונ זי צעאקערט. טראכטנ מיר, עפשער איז מענ געקומענ אויסמעסטנ, וויפל האָבנ מיר צעאקערט אונ וויפל איז נאָכ געבליבנ. אונ די קאָמיסיע גײט גלײַכ אינ הויפ. איבערגעביסנ אונ אוועק אפ דער פאשע. צעלײגט די מאפע. דער פאָרעצ גײט אלײנ מיט זײ אונ באווײַזט: עס ציט זיכ פונדאנענ אונ ביזדאנענ, אונ דאָס האָבנ זײ צעאקערט.

זײַנענ מיר צוגעגאנגענ צו דער קאָמיסיע, בוקנ זיכ פונדערווײַטנס, צוגעגאנגענ נאָכ נעענטער, בוקנ מיר זיכ נאָכאמאָל, אונ די קאָמיסיע קוקט גאָר ניט אינ אונדזער זײַט. האָט זיכ דער וויט דערוואגט אונ זאָגט:

— דאָס איז, כ'בעט די פריצים, אונדזער פאשע, צוליב וואָס מעסט איר זי אונ שלאָגט פלעקלעכ.

— אונ דו ווער ביסט? — פרעגנ די פריצים.

— איכ בינ דער וויט פונ דער געמײנדע.

— נו, איז גוט,—ענטפערנ זײ אונ טוענ זײערס ווײַטער. זײ האָבנ מיט פלעקלעכ ארומגעגרענעצט דאָס שטיקל, וואָס מיר האָבנ צעאקערט, די איבעריקע ערד באזונדער. מיר גײענ מיטנ וויט נאָכ זײ, אָבער וואָס זײ רעדנ, פארשטײענ מיר ניט, ווײַל זײ פלאפלענ אפ דײַטש. געענדיקט די ארבעט, זעצנ זײ זיכ אפ דער בריטשקע. דער וויט נאָכ זײ. שטײט ניט אָפ אונ דערפרעגט זיכ. דעמלט שטעלט זיכ אײנ פאָרעצ אינ דער בריטשקע אונ זאָגט צו אונדז:

— איר, לײַט, האָט געזענ, ווי די קאָמיסיע האָט די פאשע געמאָסטנ?

— יאָ, געזענ, — זאָגנ מיר.

— אונ איר האָט געזענ, ווי זי האָט פלעקלעכ געקלאפט?

— דאָס אויכ געזענ.

— אונ איר ווײסט, אז אָט דאָרט,—ער האָט באווײַזנ אפנ צעאקערטנ טײל,— דאָס איז אײַערס, דער געמײנדעס, אונ יענצ איז דעמ פאָרעצס?

— הא, וואָס, ווי?—האָבנ מיר אלע א געשרײ געטאָנ, ווי אָפגעפארעטע, צו דער קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט געמאכט פלײטע.

דעמ צווײטנ טאָג יאָגנ אונדזערע פאסטעכער די פי אפ דער פאשע אונ דאָרטנ שטײענ די פריצישע דינערס. „מארש פונדאנענ, דאָס איז דעמ פאָרעצס פאשע, זאָלסט זיכ ניט דערוועגנ מיט קײנ פוס טרעטנ אהער." די פאסטעכער האָבנ אויסגעקערעוועט די פי אונ אוועקגעיאָגט זי אינ וואלד. אונ דאָרטנ זײַנענ די פריצישע ליעסניטשע אונ הײַדוקעס: „מארש פונדאנענ, ס'איז דעמ פאָרעצס וואלד, זאָלסט זיכ ניט דערוועגנ איבערטרעטנ דעמ גרענעצ". די פאסטעכער,

ווי געווייגלעכע קינדער, האָבן זיך צעווייגט און יאָגן די פּי צוריק אהיים. א גוואַלד, א געשריי איז געוואָרן אין דאָרף, ווי מ׳וואָלט עס אונטערגעצונדן פון אַלע פיר זייטן.

וואָס טוט מען דאָ? די פרויען שרייען: „מיר וועלן מיט קאָטשערעס גיין און די פּריצישע דינערס די קעפּ אראָפּהאַקן". אָבער די עלטערע מענטשן האָבן זיי איינגעשטילט און גלייך אויסגעקליבן עטלעכע מענטשן, מ׳זאָל פאָרן קיין לוואָוו צו אַן אַדוואָקאַט זיך אייצענען מיט אים. מיך האָט מען אויך אויסגעקליבן. זיינען מיר אוועקגעפאָרן, זיך אָנגעפרעגט וועגן אַן אַדוואָקאַט אַן אוקראַינער, א פאַרדינסטפולן און אופריכטיקן. געקומען צו אים און דערציילן די מייסע. „נו, זאָגט ער, מירן אָנהייבן א פּראָצעס. סטאַרעט זיך אויס איידעס, דאָקומענטן, געלט. און דערווייל האלט זיך רויק, ווייל יעדער בונטאַציע וועט נאָר קאַליע מאכן די זאך".

— אָדער, פּאָרעצל,—זאָגן מיר,—וויאַזוי וועלן מיר זיך האַלטן רויק, ווען ס׳איז ניטאָ וווהין די פּי ארויסטרייבן? אָן פּאַשע וועט דאָך די פּי אויסגייבערן!

— האַ, — זאָגט דער אַדוואָקאַט,— וואָס־זשע קאָן איך אייך אייצענען? אויב מיר וועלן אויסשפּילן דעם פּראָצעס, וועט דער פּאָרעץ מוזן אומקערן אייך דעם גאַנצן שאָדן. און איצט ווי איר ווילט.

מיט דעם זיינען מיר אוועק. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. וויפל געלט מיר האָבן אפּ אים אויסגעגעבן, ווייסט נאָר גאָט אליין. איך האָב אויסגערעכנט, אַז נאָר דעם אַדוואָקאַט און אפּ גערבאָווע מאַרקעס איז אוועק עפּעס העכער זיבן הונדערט רינסקע. די געמיינדע האָט זיך געצויגן פון די לעצטע קויכעס, כאָטש ווי ענג עס איז איר ניט אויסגעקומען. ווייל דער וואַלד און די פּאַשע איז געבליבן באַם פּאָרעץ, און מיר האָבן געמוזט א גרעסטע טייל פּי אויסצופאַרקויפן פאַר האַלבער פּרייז, ווייל ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו האָדעווען. און די רעשט פּי האָט זיך געטויטשעט און טויטשעט זיך נאָך איצט אויך אפּ די גענדזוענע ברעגן אָדער אין די טאָלן, אָדער אין די גערטנער. די סעדער אונדזערע זיינען דעריבער צעקאַליטשעט געוואָרן, די פּאַסיקעס זיינען איבערגעפירט געוואָרן. און די כודאָבע גייט ארום נאָר הויט און ביינער.

זיבן יאָר האָט זיך אונדזער פּראָצעס געצויגן, פּונקט ווי מ׳וואָלט זיבן יאָר פון דער געמיינדע די אָדערן געצויגן. מיר האָבן זיך איינגאַנצן אָפּגעלאָזט פאַר דער צייט, אָבער צום פּאָרעץ ניט געגאַנגען, זיך פאַראַקשנט. דער פּאָרעץ טוט זיינס. אין וואָס פאַר א געריכטן אין וואָס פאַר אַן אינסטאַנציעס זיינען מיר שוין ניט געווען! אי אין באַצירק, אי אין גובערניע, אי אין מיניסטעריום און גאָט ווייסט ווו נאָך. און אַלץ אַזוי: אין איינעם פאַרשפּילט — רעקורסירן מיר; אין צווייטן אויסגעשפּילט — רעקורסירט דער פּאָרעץ. און קיין סאָף איז ניטאָ. סאָפּקאָלסאָפּ האָבן מיר זיך דערוואַרט! עס קומט דער געריכט־אויספּילער און ברענגט א רעזאָלוציע פון דעם העכסטן מיניסטעריום. אזוי און

אזוי, קעדיי צו שאָלעם מאכן צווישן דער געמיינדע און צווישן דעם הויף, ווערט באשטימט א גובערניעלע קאָמיסיע, וואָס דארף אפן אָרט אלץ פאנאנ־דערקלייַבן, איבערקוקן די דאָקומענטן, איבערפרעגן די אייִדעס און ארויסטראָגן אן אנטשיידענעם באשלוס. אוןביידע צדאָדים מיט אלע מאטעריאלן דארפן יענעם טאָג זייַן אפן אָרט. דער באשלוס פון דער קאָמיסיע וועט זייַן באַ־שטעטיקט אָן אן אפעליאציע און וועט ווערן אויסגעפילט. נו, האָבן מיר זיך א טראכט געטאָן, איצט וועט געוויס אונדזער עמעס זייַן, אויב די קאָמיסיע וועט אפן אָרט באשליסן, ווייַל יעדערער וועט קאָנען זאָגן, וואָס ער ווייסט, יעדן וועט מען אויסהערן, און דעריבער וועלן זיי דאָך מוזן מודיע זייַן, אז מיר זייַנען גערעכט.

דער פּאָרעץ אונדזערער, וואָס האָט די זעלבע רעוואָליוציע באקומען, איז עפּעס אראָפּגעפאלן בא זיך און האָט אראָפּגעלאָזט די נאָז. אָבער גיך האָט ער עפּעס צוגעטראכט, זיך געזעצט אפ דער ברישקע און אוועק קיין לוואָוו. וווהין ער איז געפאָרן, ווייסן מיר ניט, אָבער צוויי אונדזערע מענטשן, וואָס זייַנען דענסטמאָל געווען אין לוואָוו, האָבן שפּעטער דערציילט, אז זיי האָבן געזען, ווי דער פּאָרעץ איז ארומגעפאָרן מיט אונדזער אדוואָקאט. פארשטענד־לעך, זיי האָבן עס דערציילט שוין נאָך אלעמען. גענוג איז צו וויסן, אז אין צוויי אָדער דרייַ טעג ארום איז אונדזער פּאָרעץ געקומען פון לוואָוו א פריי־לעכער און אפילע אן אופגעריכטער. וווּנדערן מיר זיך, אָבער וואָס הייסט עס, ווייסן מיר ניט.

מיר זייַנען אויך צו אונדזער אדוואָקאט געקומען געווירע ווערן, האָט ער אונדז בארויקט. „מירן אויסשפּילן", זאָגט ער. „איך אליין", זאָגט ער, „וועל זיך שטעלן אפן אָרט פאר דער קאָמיסיע. אָדער א טאָג פאר דעם קומט צו מיר מיט דעם וויט, מיט די באפולמעכטיקטע, מיט די אייִדעס, ברענגט מיט זיך אלע פאפירן, וואָס איר האָט. מע דארף אלץ דורכקוקן און זיך אויסייצען. איר ווייסט, ווי צו א שלאכט אפ דער מילכאָמע דארפן מיר זיך צוגרייטן. קומט גאנצפרי, וועל איך יעדן זאָגן, וואָס, און וויאזוי ער זאָל ריידן, ווייַל די זאך איז, ווי איר זעט, א פארפלאָנטעטע. האלבטאָג וועלן מיר זיך זעצן אפ דער פור און הייַדא אין דאָרף, קעדיי צום אָנגעמערקטן טאָג זאָלן מיר פרי זייַן אפן אָרט.

האָבן מיר אויסגעהערט זייַנע אייצע און דאנקען אים נאָך. זיך צונויפגעקליבן: דער וויט, צוויי באפולמעכטיקטע און דרייַ עלטערע באלעבאטים פון דאָרף אלס אייִדעס, צונויפגעקליבן אלע פאפירן, וואָס זייַנען נאָר געווען, און אוועק־געפאָרן באנאכט קיין לוואָוו, א טאָג פאר דעם, וואָס די קאָמיסיע דארף קו־מען. קומען מיר צום אדוואָקאט, ניטאָ — ערגעץ ארויסגעגאן, נאָר ער דארף באלד קומען, מע בעט צוווארטן. ווארטן מיר, ווארטן, ניטאָ דער אדוואָקאט. ס'איז שוין צען, עלף, צוועלף אזייגער — ניטאָ. מיר האָבן זיך אויסגעהונגערט, געגאנגען צום וואָגן עפּעס איבערבייַסן. אין א מינוט ארום קומען מיר צו

ליפּנ — דער אדוואָקאט איז נאָכ ניטאָ. וואָס פאר אנ אומגליק? ס'איז שוינ איינס אזייגער, ס'איז צוויי, ס'איז דריי — מיר וואָלטנ שוינ געדארפט פאָרנ אהיימ, קעדיי אפּדערנאכט זייַנ אפנ אָרט, אונ ער איז ניטאָ. ערשט, אזוי ארומ פיר אזייגער זעענ מיר, ער גייט.

— אכ, כ'בעט אייַכ איבער, — זאָגט ער, — כ'בעט אייַכ זייער איבער, פאני באַלעבאטימ. ס'איז אָבער ניט מייַנ שולד, וואָס איכ האָב פארשפּעטיקט. כ'בינ געווענ אינ געריכט, האָט זיכ די פארטיידיקונג פארצויגנ ביז איצט, אָבער ס'איז גאָרניט. מירנ אלצ באוויַיזנ מאכנ, כ'בעט אייַכ צו מיר אינ צימער.

— עפּשער וואָלטנ מיר זיכ בעסער געזעצט אפנ וואָגנ אונ געפאָרנ אינ דאָרפ, — האָב איכ געזאָגט, — וואָלט דער פאנ געקאָנט דאָרט איבערקוקנ די פּאַפּירנ אונ אונדז אויסלערנענ, וואָס מיר דארפנ ריידנ.

— ע, ס'איז ניטאָ וואָס זיכ צו אייַלנ, — האָט ער געזאָגט, — מיר וועלנ באוויַיזנ פארפאָרנ, אונ דאָס איבערקוקנ פונ די פּאַפּירנ וועט לאנג ניט דויערנ.

זייַנענ מיר מיט אימ אריַינ אינ צימער אונ זיכ אוועקגעזעצט. פּאַפּירנ געבראכט א גאנצנ הויפנ. נעמט ער זיי, לייענט, לייענט, פּאַוואָליע, אופמערקזאמ, אמאָל פרעגט ער בא אונדז עפּעס, מיר ענטפערנ, ער לייענט ווייַטער. אונ דאָ איז שוינ א האלבע שאָ אוועק, א שאָ, צוויי, אונ ער גאָרניט. מיר זיצנ דאָ, די הויט ברענט אפ אונדז, מיר דרייענ זיכ, מיר שוויצנ, אונ ער פרעגט אונדז אלצ אויס, ווי אפ א פּראָטאָקאָל, ער לייענט אלצ די פּאַפּירנ, מורמלט זיכ, א שלאק אפ אימ. מיר האָבנ אימ שוינ עטלעכע מאָל דערמאנט: ס'איז צייַט פאָרנ, אונ ער אלצ זייַנס — באלד, באלד, אונ ווייַטער צומ לייענענ, עס האָט זעקס אזייגער געשלאָגנ, ווענ ער האָט דערלייענט. נו, טראכטנ מיר, א סאָפ שוינ צומ לייענענ, מירנ פאָרנ! עהע, ס'הייבט זיכ ניט אָנ, דער אדוואָקאט האָט ערשט אונדז אָנגעהויבנ פארטייַטשנ דעמ גאנצנ פּראָצעס פונ אָנהייב ביזנ סאָפ, מיט אלע פּישטשעווקעס, אזויווי מיר וואָלטנ גאָרניט געוווסט. ער רעדט, רעדט, אונ מיר שפּרינגענ שיִער פונ דער הויט ניט ארויס. דאָ וואָלט מענ געדארפט זיכ א כאפּ טונ אונ אָנשפּייַענ אימ אינ פּאָנעמ אונ אוועקגיינ. איז נייִנ. דערנאָכ האָט ער אונדז אָנגעהויבנ לערנענ, ווי מיר זאָלנ ריידנ פאר דער קאָמיסיע. אונ אינדערעמעסנ האָט ער אונדז גוט געלערנט, אזוי קלאָר איז פאר אונדז געוואָרנ די גאנצע זאכ, אזוי גוט האָט יעדערער געוווסט, וואָס ער דארפ ריידנ, אויסגעצייכנט. א שאָד נאָר, וואָס ווענ דאָס לערנענ האָט זיכ געענדיקט, האָט געשלאָגנ נייַנ אזייגער, ס'איז אָוונט שוינ, אינ דרויסנ איז טונקל געוואָרנ. ערשט דאנ האָט ער זיכ א כאפּ געטאָנ, אונ דאָ האָט נאָכ דונערנ אָנגעהויבנ.

— אוווא, וואָס איז עס אזוינס, ס'איז שוינ אפּדערנאכט? — האָט ער געזאָגט אונ זיכ ארומגעקוקט.

— נו, יאָ, אפּדערנאכט, — האָבנ מיר געענטפערט, ווי פארמישפּעטע.

— וואָס־זשע טוט מענ איצט, ווי פאָרט מענ?

— כ׳ווייס דען,—האָב איך געזאָגט,—איצט איז שווער פאָרן, ס׳א שלעכטער וועג, און ס׳איז טאַקע גאַנץ ווײַט, מיט די וועלדער!

— מיר ווייסן אליין ניט וואָס צו טון!—האָבן אונדזערע מענטשן געזאָגט.

— און אַרום וויפל אזייגער דאַרפ מאָרגן קומען די קאָמיסיע?

— צען אזייגער אינדערפרי.

— צען אזייגער? נו איז גאָרנישט: נעכטיקט דאָ איבער, און מאָרגן וועלן מיר אופשטיין גאַנצפרי און א יאָג טון אין דאָרפ אוש ס׳וועט א רויך גיין. צו אַכט אזייגער וועלן מיר דאָרט זײַן. גייט אָט דאָ באַלד, נעבן מײַן הויז איז דאָ א שענקל, דאָרט וועט איר איבערנעכטיקן, און מאָרגן, געדענקט, פארשפעטיקט ניט, איך וועל אפ אײַך וואַרטן.

וואָס טוט מען? צופרידן ניט צופרידן, זײַנען מיר געגאַנגען. דער שענקער האָט ווי געוואַרט אפ אונדז.

— איר זײַנט פון פאַן אדוואָקאַט? — פרעגט ער.

— יאָ.

— נו, נו, גייט כ׳וועל פאַר אײַך אַן אָרט געפינען, נעכטיקט געזונט. און עפשער ווילט איר נאָך עפעס?

— גיט אונדז צו א פאָרציע בראָנפן, ס׳וועט זיך בעסער שלאָפן.

— מיר האָבן אויסגעטרונקען, זיך אויסגעלייגט און אנשלאָפן געוואָרן, ווי העלצער. צי לאַנג זײַנען מיר אזוי געשלאָפן, איין גאָט ווייסט, וויכטיק איז אָט וואָס: כ׳כאַפ זיך אוף — שוין גרויסער טאָג, כ׳טו זיך א ריס צום פענצטער, טו א קוק, אפ דער זון—ס׳איז שוין בא האַלבן טאָג. כ׳קוק זיך אַרום— אַלע אונדזערע באַלעבאַטים שלאָפן, ווי קלעצער. וואָס איז דאָס אזוינס, צי איז עס א כאָלעם, צי אפ דער וואָר? איך האָב א געשריי געטאָן מיט אַלע קויכעס—ניין, ס׳איז ניט קיין כאָלעם! זיי האָבן זיך אופגעכאַפט און אויך צום פענצטער. וואָס איז דאָס? ס׳איז שוין האַלבער טאָג? צי דען זײַנען מיר אזוי לאַנג געשלאָפן? א צאָרע האָט אונדז געטראָפן, מיר שלאָגן זיך, ווי פישלעך מיט זאַלץ באַשאָטענע, און אין קאָפ בא יעדן רוישט, די ביינער ווי צעבראָכענע, טוען וויי! מיר רופן דעם שענקער: וויפל קומט אײַך פאַרן נאַכטלעגער?—ניט קיין סאַך, סאַכאַקל זעקס רינסקע.—וואָס, ווען, וויאַזוי? און ער, גאַזלען, זעענדיק, אז מיר אײַלן זיך, אז מיר רײַסן אפ זיך די האָר פון אומגעדולד, האָט זיך אוועקגעשטעלט בא דער טיר און שמייכלט זיך אונטער, גלעטנדיק די באָרד. — אזוי צאָלן בא מיר אַלע געסט.

אייניקע פון אונדז האָבן זיך מיט אים אָנגעהויבן דינגען. ער לאָזט ב ער קיין וואָרט ניט זאָגן. האָבן מיר אים ארײַנגעשטעקט די געלט, וויפל ער האָט געוואָלט, און — צום אדוואָקאַט. מיר קומען צו לויפן — ניטאָ אינדערהיים. ער האָט אינדערפרי געוואַרט אפ אונדז, זיך ניט דערוואַרט, אוועקגעפאָרן, און האָט געהייסן, מיר זאָלן זיך אײַלן נאָך אים. און אונדזערע פאַפירן? — די

פאפירן האָט ער געלאָזט. אָט האָט איר זיי. אָט האָסטו דיר! געפאָרן און די פאפירן ניט גענומען. וואָס עס האָט זיך דעמלט מיט אונדז געטאָן, איז זיך שרעקלעך צו דערמאנען. געוויס, טראכטן מיר זיך, האָט מען דאָרט אָן אונדז דעם איניען באשטימט — די געמיינדע האָט פארשפילט. וואָס וועלן מענטשן זאָגן? וואָס פאר א נויט וואַרט אף אונדז ווײַטער? מיר האָבן פאָרויסגעזען, וואָט ס׳וואַרט אף אונדז, ווײַל דעמלט איז שוין ניט שווער געווען עס פאָרויס־צוזען.

האָבן מיר א יאָג געטאָן אהיים, און ניט אין דאָרף, נאָר גלײַך אף דער פאשע — ניטאָ קיינער. אין וואלד — ניטאָ קיינער. און דאָ איז שוין גיך אָוונט. מיר גייען צום הויף. אין הויף — געזאנגען, געלעכטערן, מוזיק — דער פאָרעצ איז מעכאבעד די קאָמיסיע. קוקן מיר — אונדזער אדוואָקאט איז אויך אין צי־מער, א פריילעכער, א רויטער, א רעדעוודיקער. וויפל קלאָלעס עס איז אין דער מינוט אף אים געפאלן, אזויפיל גלעזלעך ווײַן האָט ער אין זײַן לעבן ניט אויסגעטרונקען. מיר זײַנען פארגליווערט געוואָרן, זאָגן שוין גאָרניט, פרעגן גאָרניט — צוליב וואָס? מיר ווייסן אליין, אז אונדזער אומגליק איז גרויס. ווי סטויפעס, האָבן מיר זיך געשטעלט אפן גאנעק, שטייען און וואַרטן, און ווייסן אליין ניט אף וועמען און צוליב וואָס. די פריצים האָבן אונדז דערזען, אויסגעשאָסן א געלעכטער. אָבער צו אונדז איז קיינער ניט ארויס. די פריצישע דינערס גייען דורך נעבן אונדז, לאכן, שפאסן, שטופן אונדז אונטער, אָבער זאָגן אונדז קיין וואָרט ניט. די פריצישע הינט קומען, שמעקן אונדז ארום, אייניקע גיבן א ברום, און אנדערע גייען שטיל אָפּ. און מיר — גאָרניט, שטייען, ווי טויטע.

ס׳איז שוין די נאכט צוגעפאלן, אין די צימערן האָט די שײַן אופגעפלאמט, די פריצים און פריצעס האָבן עפעס לידער פארצויגן. ס׳האָט א רעגן אָנגע־הויבן גיין, און מיר שטייען אלץ אפן גאנעק, מיט אויגן ארײַנגעקלעפטע אין די פלאמענדיקע שויבן, מיט א ציטער אין לײַב, מיט פארצווייפלונג אין הארץ.

אזש אָט, שוין שפעט באנאכט, האָט זיך די טיר געעפנט, און די פריצים אײנס נאָך׳ אײנס האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסקאטשען צו זייערע בריטשקעס. פון אָנהייב די פריצים פון דער קאָמיסיע. גייענדיק פארבײַ אונדז, האָט דער גרעבסטער פון זיי זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן בייז און געזאָגט:

— ווער זײַנט איר?

— היגע.

— וואָס ווילט איר?

— וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אונדזער פראָצעס?

— אײַער פראָצעס? ערשט איצט קומט איר זיך וועגן דעם דערוויסן? שיקורים פאסקודנע! איר זײַנט ווערט האָבן וואלד, האָבן פאשעס? און קיין זשעבראצקע טאָרבע ווילט איר ניט? גייט־זשע אהיים, און וועגן דעם זאָלט

איר זיך ניט דערוועגן דערמאָנען. אוועק די יאָרן, ווען איר זייַנט פון גוטס צעשפּאַרט געוואָרן! עס זייַנען פאַרפאַלן, איוואַנע, די געלט!

די גאַנצע קאָמיסיע האָט זיך צעלאַכט, זיך געזעצט אַף די בריטשקעס און אַוועקגעפאָרן.

נאָך דער קאָמיסיע איז אַרויס אונדזער אַדוואָקאַט, געגאַנוועט זיך, ווי אַ פאַרברעכער, צעמישט, ווי שיקער.

— הא, איר זייַנט דאָ, איר זייַנט דאָ?—האָט ער געפּלאַפּלט,—כ'האָב אַף אייַך געוואַרט, אַף מייַן וואָרט געוואַרט. פאַרוואָס זייַנט איר ניט געקומען?

— אַסאַך האָט אייַך אונדזער פּאָרעץ באַצאָלט, איר זאָלט אונדז פאַרהאַלטן אין שטאָט, ביז די קאָמיסיע וועט דאָ באַשליסן פון זייַנעם וועגן?

— וואָס? וויאַזוי? הא! באַליידיקט מיך!—האָט ער געפּלאַפּלט, זיך געזעצט אַף דער בריטשקע און אַ יאָג געטאָן פון הויף.

— זאָלסט זיך דעם קאָפּ צעברעכן!—האָבן מיר נאָך אים געזאָגט. אָבער דאָס איז אויך אומזיסט געווען, ער האָט ניט צעבראָכן דעם קאָפּ, דער הונט איינער!

אַזש אָט איז דער פּאָרעץ פּלוצעם ווי געבוירן געוואָרן פאַר אונדז, שאָקלענדיק זיך בא דער געעפנטער טיר.

— הע־הע־הע,—האָט ער גערעדט מיט אַ שיקערן געלעכטער,— פּאַני געמיינדע, בירגער, באַפּולמעכטיקטע, וואָס הערט זיך דאָרט? ווי גייט דאָס פּראָצעסל? גאָרניט, גאָרניט! אָבער שטייט נאָר, איך וועל אייַך איצט לערנען סייכל, איצט וועט איר שפּרינגען, ווי איך וועל שפּילן. איך וועל אייַך געבן צו וויסן, איר זאָלט געדענקען.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט! צונויפגעדרייט אַלעמען אַזוי, אַז מ'קאָן קיין אָטעם ניט כאַפּן. עמעס, די געמיינדע האָט ניט גלייַך זיך געלאָזט. מיר האָבן דערלאַנגט אַ קאַסאַציע, האָט מען זי אָפּגעוואָרפן. דעמלט האָבן מיר באַשטימט מיט גוואַלד פאַרטיידיקן אונדזערע רעכט. אָבער דערמיט האָבן מיר זיך נאָך ערגער געמאַכט. די פרויען, קינדער, די מענער און די אַלטע, אַלע זייַנען אַרויס פון דאָרף, קעדיי ניט לאָזן דעם פּאָרעץ פאַרנעמען די פּאַשע. דער פּאָרעץ האָט געבראַכט מיליטער. מיר זייַנען פאַרן מיליטער געפאַלן אַף דער ערד, געשריגן: כאָטש טאָפּטשעט אונדז, כאָטש שיסט אונדז, מירן פון דער ערד ניט אָפּטרעטן, דאָס איז אונדזערס! אָבער דאָס מיליטער האָט ניט געשאָסן, ניט געטאָפּטשעט, נאָר צעטיילט זיך אַף צוויי ראָטעס און רייַטנדיק אַוועק אין דאָרף — דורך די פעלדער, דורך דער טוווע, דורך די פּלויטן — איז אונדז אויסגעקומען זיך אומקערן. צווייִ כאַדאָשים זייַנען זיי אין דאָרף געשטאַנען. וואָס בעסערס ס'איז געווען פון פּי, אויסגעשניטן און אויפגעגעסן, געמאַכט אַ טעל פון אונדז. און ווען זיי זייַנען אַוועקגעפאָרן, האָט דער פּאָרעץ שוין געמעגט זייַן דויִק: די געמיינדע איז געווען צעבראָכן און צערויִנירט ביז דער שפּענטע און האָט אַליין געמוזט זיך אָפּגעבן אין זייַנע הענט.

אָט דאָס איז אונדזער גוירל. צי וועט אמאָל זײַן בעסער, צי וועלן מיר כאָטש פאר דעם טויט גרינגער אן אָטעם טון? אָבער דער פאָרעץ ארבעט פון אלע קויכעס, קעדיי אפ אונדז שטארקער ארופציִען די פענטע. פינף קאָר־טשמעס אין דאָרף געעפנט, קיין שול איז ניטאָ. א גאלעכ האָט ער אויסגעקליבן אזעלכן, וואָס האלט זײַן צאד, אונ בא אונדז איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל אן אײצע געבן. מיר לעבן, ווי יענע אָקסן אין יאָכ, אפילע די קינדער אונד־זערע האָבן שוין קיין האָפענונג ניט אפ עפּעס בעסערס.

# דער מוליער

אכ, דאָס קלאַפּן, דער האַרמידער, די געשרייען אַפן גאס פּונקט אַנטקעגנ מײַנ פענצטער יאָגנ אַרויס יעדער געדאַנק פונ מײַנ קאָפּ. זיי גיבּן מיר קיינ רו ניט אַפ קיינ מינוט. זיי רײַסנ מיכ אָפּ פונ דער אַרבּעט! אונ אײַנרעדנ קאָנ איכ זיכ ניט אַהינטונ, אײַנרעדנ זיכ ניט באַהאַלטנ פונ דעם ניט אופהערנדיקנ קלאַפּנ: פונ אינדערפרי ביז אַפדערנאַכט הערט עס ניט אופ, אונ אַז איכ לייג זיכ שלאָפנ, אויסגעמוטשעט פונ דער באַטאָגעדיקער היצ, הער איכ עס אַפילע אינ שלאָף. אונ דאָס ציט זיכ שוינ צוויי כאָדאָשים אַזוי. טוט נאָר אַ טראַכט! פונ זינט מע האָט אַנטקעגנ מײַנ פענצטער אָנגעהויבּנ בּויענ אָט דעם אומגליקלעכנ מויער, פונ יענער צײַט האָבּ איכ קיינ שורע ניט אָנגעשריבּנ אונ דאָס קלאַפּנ, דער האַרמידער האָט ניט אופגעהערט אָפּהילכנ בּא מיר אינ די אויערנ.

ניט קענענדיק אַלייִנ אַרבּעטנ, זיצ איכ מיר גאַנצענע טעג בּאַם פענצטער אונ קוק, ווי עס אַרבּעטנ אַנדערע. די בּאַוועגונגענ, דאָס לויפנ, די אַרבּעט, וואָס עטלעכע צענדליק מענטשנ טוענ, דרייענדיק זיכ אונ נישטערנדיק אינ יענעם ענגנ אָרט, ווי מורעשקעס אינ זייער הויפנ, צעיאָגנ מײַנ צעוייצטקײַט. איכ בּארויִק זיכ, קוקנדיק, ווי ביסלעכווײַז, אונטער די הענט פונ דער מאַסע אַרבּעטער וואַקסט דער גרויסער מויער, ווי עס רוקנ זיכ אַרופ זײַנע ווענט, ווי עס שיפּעט אונ עס רויכערט זיכ דער קאַלכ, וואָס מע לעשט אים אינ גרויסע הילצערנע קאַסטנס אונ פונ דאָרטנ לאָזט מענ אים אַראָפּ אינ־די גריבּער; ווי די מוליערס טעסענ ציגל, צופּאַסנדיק זיי צום געהעריקנ אָרט; ווי פרויענ אונ מיידלעכ טראָגנ צעמענט אינ צעבּריקעס מיט דורכגערוקטע דרענגלעכ אינ די אויערנ; ווי די געהילפנ, אײַנצווייענ צונויפגעבּויגנ, טראָגנ אַרופ ציגל אַפ הילצערנע טראָג־בּרעטלעכ, וואָס ליגנ, ווי אַ יאָכ, אַפ בּיידע אַקסלענ. אָט די גאַנצע שווערע טאָגטעגלעכע אַרבּעט פונ די מענטשנ טראָגט זיכ דורכ פאַר מיר, ווי אַ כמאַרע, אונ הערנדיק זייערע געשרייענ, שפּאַסנ אונ ריידערײַענ, פאַרגעס איכ וועגנ זיכ, גלײַכ ווי כ׳וואָלט זיכ טרענקענ אינ עפּעס אַנ אומבּרעגיקנ, ניטדורכזיכטיקנ נעפּל, אונ געשווינד, אומבּאַמערקט שוועבּט אַ שאָ נאָכ אַ שאָ אונ אַ טאָג נאָכ אַ טאָג.

נאָר די געהילפֿ־מײַסטערס מיט זייער געשריי, מיט זייערע זידלערײַענ, דראָונגענ אונ קלאָלעס, מיט זייער ווילקיר איבער די ארבעטער רײַסנ מיכ ארויס פונ דעם ניטדורכזיכטיקנ נעפּל, דערמאָנענ מיר די לעבעדיקע מיִעסע ווירקלעכקײַט. זיי זײַנענ סאכאקל צווייענ, נאָר אומעטום איז פול מיט זיי. אלע ארבעטער ווערנ אָנשוויגנ אונ בייגנ זיכ אײַנ, ווענ איינער פונ זיי גייט דורכ. מיט גאָרניט קאָנ מענ פאר זיי ניט יויצע זײַנ, זיי געפעלט גאָרניט. אפ אלצ איז בא זיי דאָ א גרייט זידלערײַ, אפ אלצ איז בא זיי גרייט א בייז גײַווערדיק וואָרט. אונ לאָז עפּעס אנ ארבעטער זיכ נאָר פרווונ אָפּענטפערנ אָדער זיכ פארטיידיקנ, אָדער זיכ אײַנשטעלנ פאר א כאווער — באלד גיסט זיכ אָנ מיט בלוט דאָס פּאָנעם פונ דעם געהילפֿ־מײַסטער. פונ מויל שפּריצט פּינע. אוי, ווי עס מוטשעט זיכ דערנאָכ דער שולדיקער! אונ ס'איז נאָכ גוט, ווענ מע לאָזט אים לײַדנ, ווענ מע טרײַבט אים ניט אוועק פונ דער ארבעט. ווײַל זיי זײַנענ דאָכ פולע באלעבאטים. זייער מאכט איבער די ארבעטער איז אומבאגרענעצט. ווענ זיי יאָגנ אוועק איינ ארבעטער, געפינענ זיי באלד פיר, וואָס בעטנ זיכ נאָכ אפ דעם אָרט פונ דעם אוועקגעיאָגטנ. הײַנטיקער זומער איז פאר די געהילפנ א שניט־צײַט! קלײַב נאָר אויס אונ רײַס אראָפּ פונ דעם געהאלט, וויפל דו ווילסט. די ארבעטער וועלנ גאָרניט ניט זאָגנ — אונ אויב איינער וועט וועלנ זיכ קלאָגנ דעם בוי־מײַסטער, איז ארויסנגעשמיסנ, לאָז ער אומקומענ פונ הונגער, אויב ער האָט ניט געוואָלט זײַנ אונטערטעניק.

איינמאָל, ווענ איכ בינ, ווי געוויינלעכ, געזעסנ לעבנ פענצטער אונ געקוקט אפ דער ארבעט, האָט זיכ מיטאמאָל אָנגעהויבנ א געשריי סאמע אפ דער פּאָרנטיקער וואנט. די סיבע פונ געשריי האָב איכ ניט געזענ. איכ האָב נאָר געהערט, ווי דער געהילפ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו איינעם אנ ארבעטער, א פארזאָרגטנ הויכנ מוליער, פונ מיטעלע יאָרנ, אונ האָט אָנגעהויבנ זידלענ אים מיט די לעצטע ווערטער. אונ יענער — גאָרניט. ער האָט זיכ אײַנגעבויגנ אונ טוט זיכ ווײַטער זײַנ ארבעט. אָבער דאָס פארזאָרגטע, דאָס אײַנגעשפּארטע שווײַגנ האָט נאָכ מער צערייצט דעם געהילפ.

— דו, מערדער, גאנעוו, קרימינאלניק, זאָלסט זיכ באלד אוועקנעמענ פונדאנענ! — האָט געשריגנ דער פארפינצטער געהילפ, דערנעענטערנדיק זיכ צום ארבעטער.

איכ האָב געזענ, ווי דאָס פּאָנעם פונ דעם מוליער, וואָס איז אָנגעבויגנ געווענ איבער די ציגל, איז אלצ רויטער געוואָרנ, ווי מיט פלאם זיכ אָנגעגאָסנ. ער האָט פארקלעמט די ציינ אונ האָט געשוויגנ.

— איכ דארפ צו דיר הונדערט מאָל ריירנ, דו האָלאָדראנעצ, גאזלענ, הא? מארש פונדאנענ! פארנעמ זיכ באלד! אניט וועל איכ הייסנ דיכ אראָפּוואַרפנ!

דער ארבעטער האָט, ווײַזט אויס, געקעמפט מיט זיכ אליינ. דאָס פּאָנעם בא אים איז אויש בלאָו געוואָרנ. צום סאָפ האָט ער, ניט אויסגלײַכנדיק זיכ,

קאָם אופגעהויבן דעם קאָפּ און פּאמעלעך מיט שטאָלצקייט, וואָס איז שווער איבערצוגעבן, אויסגערעדט:

— א כלאָפּ בלײַבט א כלאָפּ! א מודיע בלײַבט א מודיע!

דער געהילף איז בא די ווערטער, ווי פארבאלעשט געוואָרן. ווײַזט אויס, דעם מוליערס ווערטער האָבן אים געטראָפן אין דעם ווייטעקדיקסטן אָרט: ער איז געווען פון דעם פּאָשעטסטן גראַד. און ווען ער איז געוואָרן „פאַנגעהילף־מײַסטער", האָט ער זיך זייער געשעמט מיט זײַן אָפּשטאמונג. אין א מינוט ארום האָט ער אופגעריסן מיט דער גאנצער קראפט פון דאמפּ.

— אזוי? דאָס איז צו מיר רעדסטו אזוי? ווארט־זשע, איך וועל דיר באווײַזן! איך וועל דיך אָנלערנען. מארש!

דער ארבעטער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט זיך זײַנס געטאָן.

— פארנעם זיך פונדאנען, דו באנדיט דו איינער. גיי צו אלדע שווארצע יאָר, אניט וועל איך הייסן רופן א פּאָליציאַנט!

דער ארבעטער האָט אײַנגעשפּארט געקלאַפּט די ציגל מיטן האמער. דעמלט איז דער געהילף צוגעשפּרונגען צו אים, ארויסגעכאַפּט בא אים דעם האמער פון האנט, און ארויסגעוואָרפן אין גאס. דער צעקאָסטער מוליער האָט פארקריצט מיט די ציינ און האָט זיך אויסגעגלײַכט.

— וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפּעט?—האָט ער א געשריי געטאָן.— וואָס ווילסטו פון מיר?

— הא, דו סטראשעסט מיך?—האָט א רעווע געטאָן דער געהילף.— גוואלד, גוואלד, א מערדער!

אף דעם געשריי איז געקומען דער צווייטער געהילף, און ביידע, מיט פארייניקטע קויכעס, האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן אפן מוליער. יענער האָט זיך ניט פארטיידיקט. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן פויסטן אף זײַן פלייצע. באגלייט מיט קלעפּ, שטום פון קאס און פארצווייפלונג, איז ער אראָפּ פון דער רעשטאָוואניע און גענומען אפן אקסל דעם זאק מיט געצײַג.

די איבעריקע ארבעטער, וואָס האָבן געזען די גאנצע זאך, האָבן שווײַגנדיק געארבעט, אָנגעבויגן איבער די ציגל און פארביסן די ציינ. קיינער האָט אפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

— זע נאָר, באווײַזט זיך דאָ ניט, דו באנדיט איינער. קלאָץ דו מיעסע!— האָט דער געהילף א געשריי געטאָן און באוויזן דעם אוועקגייענדיקן מוליער א פויסט.

דעם צווייטן טאָג בין איך פרי אופגעשטאנען און האָב א קוק געטאָן דורכן פענצטער. אין גאס איז נאָך שטיל געווען. די ארבעטער זײַנען זיך צונויפגעגאנגען אף דער „פאבריק". איך האָב זיך זייער פארוואונדערט, ווען כ'האָב דערזען דעם מוליער, וואָס מע האָט אים נעכטן אוועקגעטריבן. מיט נײַגיר האָב איך אָנגעהויבן קוקן, וואָס וועט ווײַטער זײַן, ווען עס וועט קומען דער

געהילף. די איבעריקע ארבעטער האָבן צווישן זיך ווייניק גערעדט, און צום ארויסגעטריבענעם איז ביכלאל קיינער ניט צוגעגאנ. און אָט איז דער געהילף געקומען. אָנגעבלאָזן זיך, ווי א בלאָזאק. ער האָט גיך באקוקט די ארבעטער, זיין בייזער בליק האָט זיך אָפגעשטעלט אפן מוליער, וואָס ער האָט אים נעכטן דורכגעטריבן.

— און דו, באנדיט, ביסט נאָכאמאָל דאָ? וואָס טוסטו דאָ? ווער דארף דיך האָבן?

— פאן געהילף, — רופט זיך אָפ דער ארבעטער, צוגייענדיק אפ צוויי שפאן (צווישן דער אלגעמיינער שטילקייט איז געווען צו הערן, ווי עס ציטערט זיין שטים, וועלכע ער האלט קאם איין), — פאן געהילף, כ'בעט אייך איבער, וואָס האָב איך אייך געטאָן? פארוואָס נעמט איר בא מיר צו דאָס שטיקל ברויט? איר ווייסט דאָך, אז כ'וועל איצט קיין ארבעט ניט געפינען אינדערהיים...

— מארש פונדאנען, קרימינאלסקע מאָרדע! — האָט א ברום געטאָן דער געהילף, וועלכן ס'איז איצט ניט געפעלן די אונטערטעניקייט פון מוליער, פונקט ווי נעכטן איז אים ניט געפעלן געוואָרן זיין איינגעשפארט שווייגן.

דער מוליער האָט אראָפגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט גענומען דעם זאק מיט געצייג אונטער דער האנט און איז אוועק.

א גאנצע וואָך נאָכדעם האָב איך יעדן אינדערפרי געזען די זעלבע סצענע אין גאס. דער ארויסגעטריבענער מוליער האָט, ווײַזט אויס, אינערגעץ ניט געקאָנט געפינען קיין ארבעט, און יעדער אינדערפרי איז ער געקומען צום געהילף און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים צונעמען אפ דער ארבעט. אָבער דער געהילף איז געווען הארט, ווי א שטיין, קיינע ביטעס און באקאָשעס האָבן אים ניט גערירט, און וואָס מער דער מוליער האָט זיך געבויגן פאר אים, וואָס טיפער עס זיינען בא אים איינגעפאלן זיינע טונקל־געוואָרענע אויגן, אלץ שטאָלצער האָט זיך דער געהילף געהאלטן, און מיט ביטערע גיפטיקע ווערטער האָט ער געזידלט דעם אָרעמען ארבעטער. און דער, נעבעכ, דער ארבעטער, האָט נאָך יעדער אָפזאָג צונויפגעקלעמט די ציין, גענומען שווייגנ־דיק דעם זאק אונטער דער האנט און אנטלאָפן, ניט אומקוקנדיק זיך, ווי ער וואָלט מוירע געהאט פאר דעם ניסאָיען, פאר דעם רייץ, וואָס האָט געטריבן צו א בייזן טאט.

עס איז געווען שאבעס אפדערנאכט. אן אומדערוואַרטעטער רעגן האָט מיך פארכאפט אינמיטן גאס, און איך האָב זיך געמוזט באהאלטן אין א נאָענטן שענקל. אין שענקל איז קיינער ניט געווען. דער אומריינער פייכטער צימער איז געווען שוואך באלויכטן מיט איין לאָמפּ, וואָס האָט זיך אומעטיק געהוידעט אפ דער סטעליע. בא דעם שענק־טישל האָט געדרעמלט אן אלטע און גראָבע שענקערן. כ'האָב באקוקט דאָס שענקל און... אָ, א כידעש, א וואונדער! אין א ווינקל, בא איין טיש האָב איך דערזען דעם באקאנטן מוליער און נעבן אים

זײַנ סוינע — דעמ געהילפ. נעבנ יעדערנ איז געשטאנענ א גלאָז ביר, ביז האַלב אויסגעטרונקענ.

— נו, גיב אונדז גאָט, קומ! — האָט געזאָגט דער מוליער, א קלאפּ געבנדיק מיט דער גלאָז אינעמ גלאָז פונ דעמ געהילפ.

— זאָל גאָט אײַכ געבנ! — האָט יענער געענטפערט מיט א טאָנ, וואָס איז פיל ווייכער געווענ, ווי פריִער אינ גאס בא דער ארבעט.

מיכ האָט פארינטערעסירט אָט די וווּנדערלעכע כאוועראַפּט. איכ האָב געהייסנ ברענגענ א גלאָז ביר אונ האָב זיכ געזעצט בא א טיש אינ צווייטנ עק צימער אינ א ווינקל.

— איז וואָס, קומ, האָט געזאָגט דער מוליער, זיכ באמיִענדיק אויס־האַלטנ א גוטברודערישנ טאָנ. — ניט גוט אזוי, וואָס דו האָסט זיכ אזוי צו מיר גענומענ. ניינ, ס'איז ניט גוט!

אזוי זאָגנדיק, האָט ער א קלאפּ געטאָנ מיט דער גלאָז אינ טיש אונ האָט באשטעלט נאָכ צוויי גלעזער ביר.

— דו ווייסט דאָכ, קומ, וואָס בא מיר אינדערהיימ איז, וואָס פאר א נויט. מע דארפ דיר גאָר ניט זאָגנ. דאָס ווײַב איז קראנק, קאָנ ניט פארדינענ, אונ דאָ בינ איכ אדאנק דיר, א גאנצע וואָכ אָנ א גראָשנ! איכ זאָל זײַנ אליינ, וואָלט איכ נאָכ געליטנ. אָבער זעסטו — א קראנק ווײַב אונ די נעבעכ־דיקע קינדער, וואָס קריכנ קאָמ ארומ אונ פּישטשענ פונ הונגער. דאָס הארצ צערײַסט זיכ. יאָ, יאָ, קומ, עס צערײַסט זיכ. איכ בינ דאָכ זיי עפּעס א פאָטער!

דער געהילפ האָט אויסגעהערט אָט דעמ שמועס, האָט אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ אונ צוגעשאָקלט ווי דרעמלענדיק. אונ ווענ די שענקערנ האָט געבראכט ביר, האָט ער דער ערשטער גענומענ זײַנ גלאָז, א קלאפּ געטאָנ אינ דעמ מוליערס גלאָז אונ געזאָגט:

— פאר דײַנ פרויס געזונט!

— זאָל גאָט געבנ, דו זאָלסט אויכ ניט קרענקענ! — האָט געזאָגט דער מוליער אונ האָט אָפּגעטרונקענ א ביסל פונ גלאָז. מע האָט אפ זײַנ פּנימ געזענ, ווי אומגערנ האָבנ זיכ זײַנע ליפּנ צוגערירט צומ געטראנק. אכ, עפּשער איז אפ דעמ געטראנק אוועק דער לעצטער גראָשנ פונ דעמ גולדענ, וואָס ער האָט אנטליגנ, אפ וועלכנ זײַנ מישפּאָכע האָט באדארפט דורכלעבנ ביז א בעסערער צײַט, ווײַל גאָט ווייסט, צי ער וואָלט געקאָנט אנטלײַענ א צווייטנ, אונ איצט האָט ער פארנ לעצטנ גראָשנ גענומענ מעכאבעד זײַנ זײַנ סוינע, קעדיי כאָטש אזויארומ אימ פארגיטיקנ.

— אונ דו, מײַנ ליבער קומ, גיב נאָר גוט א טראכט, וואָס האָב איכ דיר אזוינס געטאָנ? וואָס כ'האָב פונ קאס דיר געזאָגט א שלעכט וואָרט? אונ וויפל האָסטו דאָכ מיר אָנגערעדט? ניינ, ס'איז ניט גוט אזוי קריוודענ אנ אָרעמענ מענטשנ.

דער קום האָט אויסגעטרונקען דעם ביר, נאָכאמאָל אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און געהוידעט מיט אים, ווי דרעמלענדיק.

— איז אָט, — האָט ניטדרייסט געזאָגט דער מוליער, — זײַ־זשע אַזוי גוט, מאָנטיק... ע־ע... זעסט דאָך אַליין, ווו קאָן זיך אַן אָרעמער מענטש אַהינטון? סײַדן אומקומען אַזוי מיט ווײַב און קינדער.

— נו, ווּעסט הייסן געבן נאָך אַ גלאָז פון דעם בראָזיקן? — האָט דער געהילף איבערגעריסן זײַן שמועס.

— אוודאי, אוודאי! היי, נאָך אַ גלאָז ביר!

די שענקערן האָט געבראַכט נאָך ביר. דער געהילף האָט אויסגעטרונקען און האָט אָפּגעווישט די וואָנצעס.

— נו, וויאַזוי־זשע וועט זײַן? — האָט דער מוליער אומרויִק אַ פרעג געטאָן, באַמיִענדיק זיך נעמען דעם געהילף פאַר דער האַנט, און געקוקט אים אין די אויגן.

— אַ, וואָס וועט זײַן? האָט יענער קאַלט געענטפערט, ער איז אופגע־שטאַנען און זיך דערנענטערט צום אַרויסגאַנג. אַ דאַנק דיר פאַרן ביר, און צו דער אַרבעט מאָנטיק האָסטו ניט וואָס צו קומען, כ׳האָב געדונגען אַ צווייטן. אַנעוו (די ווערטער האָט ער שויג געזאָגט בײַ דער טיר) אַזוינע גאַזלאָנים, אַזוינע שיבעניקעס, ווי דו, דאַרף איך ניט. — און דער געהילף איז מיט איין שפּרונג אַרויס אין גאַס און האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר פון שענקל.

דער אומגליקלעכער מוליער איז געבליבן שטיין, ווי אַ דונער האָט אים דערשלאָגן.

אַ היפּשע מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען, ניט ווייסנדיק וואָס צו טראַכטן. פּלוצעם האָט ער זיך אופגעכאַפּט. עפּעס אַ ווילדער געדאַנק האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ. מיט איין האַנט האָט ער איבערגעקערט דעם טיש, בײַ וועלכן ער איז געזעסן, האָט אָפּגעבראָכן פון אים איין פיסל און אַ שלײַדער געטאָן מיט דעם אָפּגעבראָכענעם פיסל איבערן שענק־טישל. דער טראַסק, דער גרילץ, דער ליאַרעם, דער געפילדער פון דער שענקערן, דער טומל פון אָנלויפנדיקע מענטשן, דער געשריי פון פּאָליציאַנט — אַלץ האָט זיך אין איין רעגע צונויפ־געגאָסן אין איין ווילדער פּאַרטויבנדיקער האַרמאָניע. אין אַ מינוט אַרום איז דער אומגליקלעכער מוליער געווען אינמיטן פון אַ רעוועדיקן און פײַפנדיקן האַמוין, וואָס האָט מיט גרויס טומל איבערגעגעבן דעם „דולן און משוגענעם גאַזלען" אין די הענט פון פּאָליציאַנט. דער שטרענגער היטער פון געזעלשאַפט־לעכער אָרדענונג האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און אַ שטויס געטאָן פאָרויס.

# ש ל י מ א ק

פאסירט האָט עס אמאָל, מיט א צוואַנציק יאָר צוריק, ווענ אפנ וועג צווישנ דראָהאָביטש אונ באָריסלאוו האָבנ זיכ אינ א שיינעמ זומער־טאָג גע־טראָפנ א פאָר יונגעלײַט. כ׳ווייס ניט, צי עס קאָנ זיכ ווענ טרעפנ, אז צוויי באָכורימ, קימאט פונ זעלבנ עלטער, זאָלנ אזוי זײַנ ניט־ענלעכ איינער צומ צווייטנ סײַ מיטנ כאראקטער אונ סײַ מיטנ אויסערלעכנ אויסזענ. איי־נער — א הויכער, א פעסטער אונ א גערעָטענער האָט געשפאנט פאָשעט אונ לײַכט, אָפט געשמייכלט אונ אָפט געזונגענ פריילעכע לידער; זײַנע געמיינע אונ דאָכ ריינע בגאָדימ אונ דאָס סטאָליערשע געצײַג אינ קלומעק אפ די אקסלענ האָבנ גלײַכ איידעס געזאָגט, אז דאָס גייט א סטאָליערשער געזעל זוכנ פארדינסט אינ באָריסלאוו — אינ א שטאָט, וואָס האָט ערשט ניט לאנג אָנגעהויבנ אופלעבנ אונ צוציִענ צו זיכ אלצ מער ארבעטער אונ באַלמעלאָ־כעס. דער צווייטער וואנדערער — א מיזערנער, אנ אײַנגעהויקערטער אונ אנ אָפגעריסענער יִידלעק, מיט אנ אָנויסדריקלעכ פאָנעמ, קימאט פונ א זאָקנ, א שווײַ־גער אונ א מורעשכוירעניק. זײַנע מאָגערע פיס האָבנ קאמ באוויזנ נאָכשפא־נענ דעמ פעסטנ סטאָליער, אונ די קליינע אײַנגעפאלענע אייגעלעכ האָבנ זיכ אומרויִק באוועגט אינ די גריבעלעכ, גלײַכ ווי זיי האָבנ זיכ פאר עפעס דער־שראָקנ אונ געזוכט ווו זיכ באהאלטנ. דער דאָזיקער איז דעסגלײַכנ געגאנגענ קיינ באָריסלאוו זוכנ גליק. נאָר ער האָט אָבער מיט זיכ ניט מיטגעטראָגנ קיינ שומ געצײַג, קיינ מאכשירימ, וואָס מע זאָל קאָנענ מיט זיי עפעס פארדינענ.

— פונוואנענ קלערסטו עס, יודקע, צו עקזיסטירנ אינ באָריסלאוו? — פרעגט דער סטאָליער.

— פונ וואָס גאָט וועט געבנ, — ענטפערט דער סוטולעוואטער יִידל.

— יאָ, ס׳איז טאקע אזוי, אלצ איז בא גאָט אינ די הענט, — רופט זיכ אָפ דער סטאָליער, — בא אונדז זאָגט מענ אָבער דאָס ווערטל: „דו טו, אונ גאָט וועט דיר העלפנ.“

— אונ בא אונדז זאָגט מענ אנדערש, — האָט יודל קורצ אָפגע־ענטפערט.

— וויִאזוי־זשע זאָגט מענ בא אײַכ? איכ בינ טאקע א באַלנ צו וויסנ.

— באַ אונדז זאָגט מען: „דער, וואָס פאַרלאָזט זיך אַף גאָט, פאַרלאָזט אים גאָט אויך ניט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דער סטאָליער צעלאַכט אַף אַ קאָל און האָט אַ מאַך געטאָן מיט זײַנע פעסטע הענט.

— כ׳וואָלט אַ באַלד געווען זען, ווען איך פּרוּוו, אַשטייגער, אַ כוידעש ניט אַרבעטן, צי וואָלט זיך גאָט אַראָפּגעלאָזט פון הימל און מיך אָנגעהאָדעוועט!

— זאָג ניט אַזוי, שלימאַק, רעד ניט קעגן גאָט!

— ניט דערצאָרענע גאָט בין איך אויסן. איך דענק פונדעסטוועגן, אַז ניט אומזיסט העלפט גאָט דעם מענטשן!

און ער האָט באַנײַס צעפּאַכעט זיך מיט די פעסטע הענט, גלײַך ווי ער וואָלט זיך מיט זיי פאַרמאָסטן האַקן שטיינער.

— אַז גאָט וועט ניט וועלן, וועלן דײַנע הענט, שלימאַק, אויך גאָרניט העלפן!

— טײַדן ס׳וועט מיר אָפּנעמען די הענט, נאָר דאַן איז שוין דאָס לעבן אויך אַן איבעריקע זאַך!

— זיי וועלן אַפילו געזונט זײַן און וועלן ניט קאָנען העלפן!

— אָ, דאָס וועט ניט געשען!

— מיר וועלן אַ סימנע האָבן.

— נו־נו, מירן זען.

אַזוי האָבן ביידע כאַווײרים געשמועסט און זײַנען געגאַנגען מיט אַ פאַרלאָזטן וועג איבער די פעלדער. ביז באָריסלאַוו איז נאָך געווען קעגן אַ האַלב מײַל. די זון האָט פון האַלב־טאָג אומבעראַכמאָנעסדיק געבראָטן. שלימאַק האָט שוין לאַנג געוואָלט אַ טרונק, יודל האָט דערסגלײַכן שוין פון לאַנג אָפּטמאָל מיט אַ ראַכמאָנעס־פּאָנעם געכאַפּט אַ קוק צום קלומעקל, וואָס אַף שלימאַקס פּלייצעס: פון דאָרט האָט זיך געלאָזט פילן אַ רייעך פון ברויט און קעז. ער האָט ניט פאַרמאָגט בײַ זיך קיין שטיקל ברויט און קיין איינציקן קרײַצער.

מיטאַמאָל האָט זיך שלימאַק אָפּגעקערעוועט פונעם וועג אין אַ זײַט אונטער אַ שפּיציקן מעשופּעדיקן באַרג. יודלען איז געוואָרן קאַלעמוטנע.

— וווהין איז, שלימאַק?

— זע אָט האָסטו אַ קרענעטשקע, און מיר ווילט זיך אַ טרונק.

— עפּשער וואָלט קעדײַ געווען אַ ביסל זיך אָפּרוען אויך?

— געוויס אַזוי! די זון ברים, פּרעגלט, ווי מיט פײַער, און סײַוויסײַ וועלן מיר אַזוי אויך נאָך פאַרפרי אָנקומען קיין באָריסלאַוו.

— ס׳שאַט אַזוי אויך ניט.

מ׳האָט זיך געזעצט נעבן קוואַל. שלימאַק האָט זיך אָנגעטרונקען, אַרויסגענומען פונעם קלומעקל ברויט און קעז, און אַז ער האָט דערזען, אַז יודל האָט ניט קיין אייגנס גאָרניט, האָט ער אים אויך פאָרגעלייגט עסן.

— עפשער טאָרסטו גאָר ניט עסן, ס'איז דאָך עפּעס טריים?

— ע, — האָט יודל זיך אָפּגערופן, — פאר א גויט דערלויבט אונדזער גלויבן עסן טרייפס אויך.

— און גלאט אזוי דערלויבט ער ניט?

— ניין, ער דערלויבט ניט.

— יאָ, ס'איז שוין דאָס עמעסע גלויבן בא אײַך, אז מע קאָן עס אָנציִען, ווי מע דארף נאָר, ווי דער שוסטער ציט אָן דעם לעדער.

— זאָג ניט אזוי, שלימאק, מע טאָר אזוי ניט זאָגן. אונדזער גלויבן איז אזוי פון גאָט, ווי אײַער גלויבן, — האָט יודל, ווי שעמעוודיק, אָפּגעענטפערט.

אָפּגעגעסן — און אוועק ווײַטער. אָט איז שוין אויך באָריסלאוו. האגאם מ'איז געגאנגען די גאנצע צײַט אף טרוקענער ערד, כאָטש קיין רעגן איז שוין אריבער א וואָך ניט געווען, פונדעסטוועגן איז אף אלע גאסן פון באָרי־סלאוו געשטאנען א טיפע זומפיקע בלאָטע. ייִדן, באָכערים, ריפניקעס *), ווענעגער און טאטשקעס האָבן זיך געדרייט הין און צוריק. טומל, געזאנג, קוילעס און שיקערע קלאָלעס זײַנען אף קיין רעגע ניט שטיל געבליבן.

— ווהין־זשע וועסטו אצינד גיין, יודל?

— כ'וועל ערגעץ גיין זוכן א שטעלע. און דו ווהין?

— מ'האָט מיך דאָ באשטעלט אף ארבעט, בא א געבײַדע, אָן דאָרטן זע־סטו? איך דארף דאָרטן מאכן טירן, ראמען צו פענצטער און די גאנצע סטאָ־ליערשע ארבעט. נו, זײַ מיר געזונט!

— גיי געזונט, שלימאק! ווייסטו וואָס, אז דו וועסט אמאָל עפּעס דארפן, און איך וועל זײַן ביִעכוילעס... דארפסט וויסן, איך בין ניט אזא ייִד... קום דאן צו מיר! איך וועל אָן דיר ניט פארגעסן.

— איך צו דיר? כא־כא־כא! — האָט זיך שלימאק צעלאכט. — מיט וואָס וועסטו מיר קאָנען העלפן, אז דו ביסט אליין אויך א קאפצן!

— ווער ווייסט, שלימאק, ווער ווייסט, וואָס וועמען ס'איז באשערט. איך זאָג דיר נאָכאמאָל, קום צו גיין. יודל וועט אין דיר ניט פארגעסן!

---

זיי האָבן זיך צעשיידט.

ס'איז אוועק צען יאָר. נעבן דער באָריסלאווער הויפּטגאס האָט זיך ערשט ניט לאנג געעפנט א נײַ שענקל. דאָס שענקל איז געשטאנען אפן ראָג פון צוויי גאסן, אף א גוט אָרט, כאָטש א קנאפע אייל נידעריקער פון דער גאס־פלאך, אזוי אז צו דער טיר האָט מען זיך באדארפט אראָפּלאָזן מיט טרעפּ־לעך. ארבעטער פלעגן טאָג ווי נאכט אָנפילן דאָס גראָמע, ברודיקע און פײַכטע שענקל. געזאנגען, קוילעס, קריגערײַען פלעגן דאָרט קיינמאָל ניט אופ־הערן. דורך די שטענדיק אָפענע פענצטער פלעגן זיי, ווי א טויבער געפּיל־דער, זיך צעטראָגן איבער באָריסלאוו. אף דער טיר פונעם שענקל איז געווען

*) ריפּניק — דער, וואָס ארבעט בא נאפט.

צוגעפעסטיקט א שווארצגעמאָלטער שילד, און אפ אים איז מיט פּײַערדיק־רויטע אויסיעס געווען אופגעשריבן: Iudas

„Bier und Brantwein - Ausschank das Maultrommel “*).

און אין שענקל צווישן די שיקערע ארבעטער האָט זיך, ווי א וויונ, אומגעדרייט אן אײַנגעהויקערט, כאָטש אפילע ניט קיין זײער דאר יידל: דאָס איז געווען יודל. און בא דעם שענק־טישל איז געשטאנען א יידענע. מיעס, ווי דער טויט, דערפאר רײַך געקליידעט, מיינסטנ מיט א קינד אָדער מיט צוויי אפ די הענט: דאָס איז געווען זײַן ווײַב.

אפדערנאכט. מענגעסווײַז האָבן די ארבעטער זיך א לאָז געטאָן פון דער ארבעט און צעזייט זיך אין אלע עקן, די מערהײַט אין די שענקען. בא יודלען איז פול געפּאקט. אָבער זע נאָר, וואָס פאר אן אומעטיקער, פארטראכטער, דערשלאָגענער פארשוין שטופּט זיך דורכן האמוין צו דעם שענק־טישל? זײַן בלאס, אויסגעצערט פּאָנעם זאָגט אײדעס, אז ער איז נאָך א קרענק. אין די הענט האלט ער צוויי קיליעס, וואָס אפ זיי שפּארט ער זיך אָן, קאם שלעפּנדיק זײַנע צוויי קראנקע, דארע פיס. אָט האָט ער זיך קאם מיט צאָרעס צוגעשטופּט צו דעם שענק־טישל, איז געבליבן שטיין און האָט אָנגעהויבן זיך ארומקוקן אין אלע זײַטן.

— וואָס דארפט איר? — האָט די יידענע א פרעג געטאָן.

— יודלען דארף איך.

— יודלען? צו וואָס טויג אײַך יודל? אויב איר ווילט בראָנפן, וועל איך אײַך אליין געבן. און וויבאלד אפ באָרג, וועט אײַך יודל אויך ניט געבן

— ניין, איך דארף ניט קיין בראָנפן, איך וויל נאָר וועגן עפּעס ריידן מיט יודלען.

— ריידן? — האָט די יידענע איבערגעפרעגט פארוווּנדערט און האָט פון אויבן אראָפּ מיטן בליק אָפּגעמאָסטן דעם דאָזיקן שלעפּער, דעם שלימאזל. — וואָס האָט איר מיט אים צו ריידן? זאָגט מיר, וועל איך אים איבערגעבן.

— ניין, כ'וואָלט געוואָלט מיט אים אליין ריידן. אָט איז ער דאָ! — און דער שלעפּער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו יודלען, וועלכער האָט זיך סאמע דעמלט דורכגעשטופּט צום טיש מיט גלעזער און גלעזלעך אין ביידע הענט.

— דער גוי וויל שמועסן מיט דיר, — האָט די יידענע געזאָגט יודלען. יודל האָט זיך אויסגעדרייט און געקוקט א ווײַלע אפ דעם אָפּגעריסענעם שלימאזל. נאָר ער האָט אים, ווײַזט אויס, ניט דערקענט.

— איר האָט געוואָלט מיט מיר ריידן? נו, זאָגט, וואָס ווילט איר?

— איר דערקענט מיך ניט, יודל?

— ניין, עפּעס זײַנט איר מיר ניט קאָנטיק, — האָט זיך יודל אָפּגערופן און האָט נאָכאמאָל אפ אים א קוק געטאָן.

*) ביר און בראָנפן־פּארקויפ פון יודע מוילטראָמל,

— עמעס, פארשטייט איר מיך, ניט נעכטן האָט עס פּאסירט, ווען נאָך גאָר יונגעלײַט האָבן מיר ביידע געוואנדערט קיין בּאָריסלאוו.

— א, שלימאק? אוי, בין איך עס א זאבודקע! נו, וואָס הערט זיך עפּעס, שלימאק?

— שלעכט, יודל. אן אומגליק האָט מיך געטראָפן.

— מיר איז אדאנקן גאָט גוט, — האָט יודל געזאָגט.

— כ׳זע, כ׳זע, — האָט שלימאק טרויעריק אָפּגעענטפערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווייסט איר וואָס, שלימאק, איך האָב איצטער קיין צײַט ניט צו ריידן מיט אײַך. זעצט זיך צו אָט דאָ אפ דער באנק, אזוי... מאלקע, גיב אים א גוט ביסל בראָנפן און אן אָנבײַסן, הערסט! שפּעטער אין א פרײַערער צײַט וועלן מיר שמועסן. א יאָ?

— גוט, — האָט שלימאק געזאָגט און זיך אנידערגעזעצט אין ווינקל נעבן דעם שענק־טישל.

— ס׳איז שוין געווען ארום האלבער נאכט, ווען אין שענקל איז שוין שיטער געוואָרן און אפ אזויפיל שטיל, אז יודל האָט געקאָנט געפינען א מינוט פרײַע צײַט. ער האָט אופגעוועקט שלימאקן, וואָס איז דערווײַל אין טומל און דערשטיקעניש געשלאָפן אפ דער באנק.

— נו, שלימאק, דערציילן, וואָס הערט זיך עפּעס בא דיר?

— איר זעט דאָך וואָס, — האָט שלימאק אָן כיישעק אָפּגעענטפערט. — אָט צו וואָס איך בין געקומען פאר די צען יאָר. ס׳ווײַב האָט אָנגעהויבן שיקערן און איז געשטאָרבן. זי האָט איבערגעפירט מײַן גאנצן פארמעגן. איך בין קראנק געוואָרן, אָן פיס געבליבן. וואָס טוט מען איצט? אפ סטאָליערישער ארבעט נעמט מען מיך ניט צו; דאָרט דארף מען שטיין, לויפן, און איך טויג שוין דערצו ניט. ארבעטן באם גרוב *) — קאָן שוין גאָר קיין רײדע ניט זײַן. וואָס פאר אן אייצע גיט מען זיך? די הענט זײַנען געזונט, און קומען קומט אויס כאָטש לעבעדיקערהייט זיך באגראָבן.

— אָט זעסטו אצינד, שלימאק, האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אז גאָט דארף מען קיין סייכל ניט לערנען, וויאזוי צו שטראָפן א מענטשן? גאָט האָט אפ אלץ א מיטל.

— אוי, כ׳זע שוין אליין אויך! — האָט שלימאק מיט א זיפץ זיך אָפּגערופן. — גאָטעניו, וואָס האָב איך שוין ניט איבערגעטראָגן פאר די עטלעכע יאָר! ניט אומזיסט גרוי און האלט געוואָרן!

— וואָס־זשע קלערסטו איצט?

— כ׳ווייס אליין ניט וואָס. איך בין צו אײַך געקומען, יודל. איך געדענק, איר האָט מיר דענסטמאָל געזאָגט: קום צו גיין! ביזוואנען איך האָב נאָך

---

*) א גרוב אפ ארויסצובאקומען נאפט.

געקאָנט פאַרדינען, האָב איך מיר אַלץ געקלערט: כ׳וועל נאָך מײַנס פאַרדינען. און איצט — אויס. וואָלט געווען אינגאַנצן אויס, וואָלט דער פאַרדראָס אַזוי גרויס ניט געווען, אָבער אַזוי: די הענט זײַנען געזונט, אַרום־און־אַרום געזונט, און די פיס — אָט אי״ז זיי שטעקט טאַקע דער גאַנצער אומגליק!

— וואָס־זשע פאַר אַן אייצע קאָן איך דיר געבן צו די פיס?

— ע, מײַן פרײַנט, צו די פיס וועט מיר שוין קיינער קיין אייצע ניט געבן, סײַדן נאָר דער קיוּער אַליין, — האָט שלימאַק געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל. — דאָך, עפּשער וואָלט איר פּאָרט געפֿונען פֿון מײַנעטוועגן אַוואָסער ס׳ניט איז אַרבעט?

— וואָס, אַרבעט? המ?.. — האָט יודל זיך אָפּגערופֿן און זיך פאַרקלערט.— פאַר דיר עפּעס אַרבעט? דאָס איז אַ גאַנץ שווערע איניען, גוטער ברודער, שלימאַק! נאָר פאַרפאַלן, וויבאַלד כ׳האָב צוגעזאָגט, דאַרף מען עפּעס צו־טראַכטן. ווייסטו וואָס, שלימאַק, לייג זיך צו אָט דאָ, אויף דער באַנק. מאַלקע, גיב אים עפּעס אַ רעדנע אונטערן קאָפּ! נעכטיק איבער, און מאָרגן וועלן מיר זען!

אָפּגעזאָגט זײַנס, איז יודל געגאַנגען שלאָפֿן, און שלימאַק האָט אָפּגעזיפֿצט, האָט אָפּגעזאָגט טפילע און זיך צוגעלייגט אויף דער באַנק, צוקאָפּנס אונטער־געלייגט די קויטיקע שמאַטע, וואָס די ייִדענע האָט אים געבראַכט, און ער איז גיך אַזוי אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן.

דעם צווייטן פרימאָרגן האָט יודל לאַנג זיך געװיִשעוועט מיט זײַן מאַלקען און ערגעץ צו די שכנים אומגעלאָפֿן. און שוין ערשט אַרום האַלבן טאָג האָט ער שלימאַקן אַרײַנגערופֿן צו זיך אין שלאָפֿצימער, וואָס אי״ז געווען פאַר־וואַלגערט מיט בעבעכעס און קימאַט אָן שײַן.

— הערסטו, שלימאַק, כ׳האָב שוין אַרבעט פֿונדײַנעטוועגן.

— אַוואָסער?

— גרינגע אַרבעט, אַ סטאָליערשע. פאַרמאָגסט עפּעס געצײַג?

— אַ ביסל איז פאַראַן: אַ פּאָר הובליעס, אַן עקבויער און אַ האַק.

— נו, גוט. דעם עקבויער קאָנסטו אפֿילע פאַרקויפֿן, קיין עקבויער דאַרפֿסטו ניט. מע דאַרף נאָר אַ הובל, אַ האַק און אַ זעג.

— וואָס־זשע קאָן עס זײַן פאַר אַן אַרבעט נאָר מיט אַ הובל, מיט אַ האַק און מיט אַ זעג?

— אַז מע שמועסט אַ גרינגע, שלימאַק. דו וועסט נאָר דאַרפֿן הובליעווען הענטלעך צו קאָרבעס און צו ווייעלקעס, בלעטלעך, פלעקלעך, אַלץ קלייניקייטן אַזעלכע, פאַרשטייסטו? פאַרשפּאָרסט אפֿילע אַ וואַרשטאַט האָבן. דאַרפֿסט נאָר אַן אַקס־טישל; דו וועסט זיך אַזוי זיצן און טון דײַן גאַנצע אַרבעט.

— און ווײַטער? וואָס וועט איר מיר צאָלן?

— פֿון צאָלן רעדסטו נאָך, שלימאַק? פאַר וואָס איז דאָ פאַראַן צו צאָלן? הער נאָר בעסער, וואָס איך וועל דיר זאָגן! קיין דירע האָסטו ניט, עמעס?

— כ'האָב ניט.

— איז אָט, וועל איך דיר געבן א דירע, טאקע דאָ, אפן הויף. ס'וועט דיר זײַן שטיל, רויק, נאָר זיצ און ארבעט. הערסט, צי נײן? עסן וועסטו אויך באקר־מען, און די סטרוזשקעס זײַנען דײַנע. זעלבסטפארשטענדלעך, נאָר די סטרוזש־קעס! וויבאלד נאָר א גרעבער שפענדל, געהער עס שוין צו מיר. נו, און עפעס גרעט איז פאראן בא דיר, א?

— יאָ, עפעס איז פאראן.

— נו, איז רעכט. אז מירן דארפן, וועלן מיר דאָס אויך קריגן. איך וועל דיר שענקען א לײַלעך אפן בעט, דערצו נאָך א פּאָר פעקלעך טאבאק א וואָך און יעדן שאבעס צוויי קעלישקעלעך בראָנפן. באשטייסט אף דערויף, שלימאק?

— מיילע, א בדיירע האָב איך? זאָל זײַן אזוי, — האָט שלימאק נאָכגע־ביק זיך אָפּגערופן און האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אזא אומעטיקער מינע, גלײַך ווי ער זאָל אפן קאָפּ האָבן ארופגענומען עפעס א שווערן יאָך, פון וועלכן קיין שום קראפט אף דער וועלט וועט נישט אימשטאנד זײַן אים צו באפרײַען.

---

נאָך א צענדליק יאָר איז פארבײַ. דעם קייסערס אָנקום זומער 1880 יאָר האָט צונויפגענומען קיין באָריסלאוו טויזנטער מענטשן פונעם גאנצן אונטער־בערגיקן קאנט. איך בין אויך געגאן. ס'איז געווען א מעכײַעדיקער וועטער; געגאן בין איך אזוי זיך, פריידיק געשמועסט מיט עטלעכע באקאנטע פויערים, געשעפּט פארגעניגן פון דעם ווונדערלעך־שיינעם ארום און פון די געדיכטע שאָקן האָבער, וואָס האָבן געשײַנט פון אלע זײַטן, ווי שטערן אין הימל. ניט ווײַט שוין פון באָריסלאוו איז אונדז דאָך באפאלן א רעגן, א גאנץ געדיכטער און אן אײַנגעגעסענער, אזוי אז ביז מיר זײַנען פארגאנגען קיין באָריסלאוו, זײַנען מיר אלע נאס געוואָרן ביז העמד. דעריקער האָב איך געציטערט פון קעלט, ווײַל איך האָב זיך געלאָזט אין וועג ארײַן בלויז אין א זומער־דיקער בלוזע פון גרויער לײַוונט. ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, אז בא אזעלכע ניטגינסטיקע אומשטענדן איז מיר ניט געלעגן אין זינען פארקוקן זיך אף די קרענץ, אף די טריומפאלע טויערן מיט אויפשריפטן, אף די טויזנטער פענ־דלעך און אף די טויזנטער יאָנטעוודיק אויסגעפּוצטע ייִדן. ניט געקוקט אף דער בלאָטע, האָבן זיי פארפלייצט די גאסן, שטאָלץ געשמייכלט און אלץ גע־האט טײַנעס צום ריבוינעשעלוילעם, וואָס האָט זיי פארשטערט „זייער יאָנ־טעוו", וואָס האָט זיי אזויפיל אָפּגעקאָסט. איך מיט מײַנע כאווירים האָבן גאָר וויניק געשפּאצירט איבער די בלאָטיקע גאסן; די קעלט און דער רעגן האָבן אונדז געצוווּנגען זוכן זיך א טרוקענעם מיקלעט. מיר האָבן פארקערעוועט אין ערשטן טראקטיר, באלד טאקע נאָכן טריומפאלן טויער. דאָס איז געווען יודל מוילטראָמלס שענק.

א ייִדענע, מיט ווי דער טויט, מיט א געקנייטשט פּאָנעמ איז געשטאנענ הינטער דעמ שענק־טישל, האגאמ הײַנט, צוליבנ יאָנטעוו איז אינ שענקל ניט געווענ קיינער, אויסער אונדז. אונ איבערנ שענקל האָט ארומגעשפּרײַזט א שוינ באיאָרטער ייִד מיט א פּײַנ בײַכל, אינ אנ אטלאסענער קאפּאָטע אונטערגעגארטלט מיט א יאָנטעוודיקנ זײַדענעמ גארטל, מיט א ווידרענעמ שטרײַמל אפנ קאָפּ. אפ זײַנ גלאטנ לויטערנ כאָטש געלנ פּאָנעמ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט רויִקײַט אונ צופרידנקײַט. דאָס איז געווענ יודל.

איכ האָב מיכ א ביסל אָנגעוואַרעמט אונ ארויסגעגאנ אינ הויפ ארײַנ.

פונ אלע זײַטנ האָבנ זיכ צומ הויפ געטוליעט בלינדע ווענט פונ שכיינעסדיקע הײַזער אונ שטאלנ, געטינקעוועט מיט געלער ליימ. דער הויפ איז געווענ ענלעכ צו עפּעס א גרויסער שטײַג, א שמוציקער, א פארלאָזטער, פויל אונ פארריפּעשט ניט אויסצומאָלנ. אינמיטנ איז געשטאנענ א גרויסער מיסט־הויפנ פול מיט פארשיידענעמ אָפּפאל. אפ רעכטס, באמ סאמע ראָג פונעמ טראקטיר איז געווענ א שמאָלער דורכגאנג אפ דער גאס ארויס, אונ אהינצו טאקע פלעג אָפּרינענ די וואסער פונ די שכיינעסדיקע רינוועס אונ פונ נידעריקנ הויפ, ווי אינ א גרוב ארײַנ. אינ אנדערנ עק הויפ איז קיינ אויסוועג פאר דער וואסער ניט געווענ. צוגעשפּארט צו עפּעס א בלינדער וואנט פונ א גאנצ לאנגער געבײַדע, איז געשטאנענ עפּעס א צאָרעדיקע שטאל צי א מינ בודקע מיט א פוילנ דאכ אונ מיט טונקעלע, ניטגעוואלקעוועטע ווענט, ערטערווײַז מיט לעכער. צווישנ דעמ טראקטיר אונ דער בודקע איז געווענ א שמאָלער רינשטאָק פאר דער וואסער. דער צוגעקומענער צופלוס האָט אָבער ניט געקאָנט ארײַנ אינ אימ אונ האָט פארפלייצט קימאט א האלבנ הויפ מיט א ברייטנ טײַכל זומפּיקער, ברוינער וואסער. באזונדערס לעמ דער בודקע, וואָס געפינט זיכ אינ דעמ נידעריקסטנ אָרט פונ הויפ, האָט זיכ אָנגעזאמלט וואסער מער ווי אומעטומ, אונ א גרויסער שטראָמ האָט ארײַנגערונענ אינ שטוב ארײַנ דורכ די שפּארונעס, דורכ דער אומגעלומפּערטער טיר אונ פונ אונטער דער פארפוילטער שוועל. דאָס אייג אונ איינציקע שמאָלע פענצטערל מיט די שויבנ פונ לאנגאָנגעאויסגעזעצטע שויבנ, איז געווענ אינגאנצנ פארקלעפּט מיט פּאפּיר, פארגעלט פונ זונ אונ פונ רעגנ. אינ בודקע איז געווענ שטיל, ווי אינ א קייווער. דער רעגנ, ניט נאָר ער האָט ניט אופגעהערט, ער האָט אפילע שטארקער געגאָסנ. טויבע געשרייענ אונ גערויש האָבנ זיכ פונ דרויסנ ארײַנגעריסנ אינ דער דאָזיקער שטײַג ארײַנ, נאָר קיינ איינציקער שפּור אפ דעמ דאָזיקנ אָפּשטויסנדיקנ הויפ האָט ניט באוויזנ, אז אינ באָריסלאוו איז יאָנטעוו, אז דער גאנצער אוילעמ אינ דעמ דאָזיקנ ייִשעוו האָט זיכ יאָנטעוודיק אויסגעפּוצט צומ קאבאָלעס־פּאָנעמ פונעמ אלערהעכסטנ גאסט. א גרויע פוילע אונ מעגוווּלדיקע וואָכעדיקײַט האָט דאָ געהערשט גאנצ רויִק אונ ניט גערירט.

איכ בינ געשטאנענ א ווײַלע אפנ גאנעק, געקוקט אינ אלע זײַטנ. פונ דער רעכטער זײַט הויפ, דורכ א שמאָל ליקל, האָט זיכ פלוצעמ דורכגערוקט א

מיידעלע עפּעטער פון א יאָר אכט און האָט ניטדרייסט א קוק געטאָן אױף מיר מיט א פאַרוואונדערטן בליק.

— וואָס דאַרפסטו, קינד מײַנס? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— כ'בין דאָ געקומען צום זיידן.

— צו וואָסער זיידן?

— אָטאָ דאָ, — און האָט א ווײַז געטאָן אױף דער כוואַוועס. — אָט דאָ געפינט זיך דער זיידע שלימאַק. איך רוף אים אָן זיידע גלאַט אַזוי. איך בין געקומען זיך זען מיט אים. קאָנט איר מיר ניט זאָגן, צי ער איז אינדערהיים?

— כ'ווייס ניט, קינד מײַנס. ער גייט דען ווען ערגעץ?

— גייען גייט ער ניט אין ערגעץ. נאָר דער זיידע האָט געזאָגט אייערנעכטן, בײַס איך בין געווען בײַ אים, אַז יודל וויל אים אַרויסוואַרפן פון דער דירע.

— אַרויסוואַרפן גאָר? פאַרוואָס?

— דערפאַר, פאַרשטייט איר, וואָס דער זיידע איז שוין אַן אַלטער, ער קאָן שוין ניט אַרבעטן.

— און וואָס טוט ער דען, דער זיידע?

— אַזוי זיך: הענטלעך צו קאָרבעס, בלעטלעך, פלעקלעך. זינט איך לעב, טוט ער די אַרבעט. די מאַמע זאָגט, אַז ס'איז שוין צען יאָר.

— און פון אייערנעכטן ביסטו ניט געווען בײַ אים?

— איך בין ניט געווען, וואָרעם מײַן מאַמע איז אויך געווען קראַנק, האָב איך געמוזט זיצן נעבן איר. ערשט אַצינד, אַז ס'איז איר געוואָרן א ביסל גרינגער, האָב איך זיך אויסגעבעטן צום זיידן. די מאַמע אַליין האָט מיר אויך געראָטן גיין, עפּשער דאַרף מען דעם זיידן עפּעס אַרײַנטראָגן, וואָרעם דער זיידע האָט קראַנקע פיס און קאָן ניט גיין. און אויב ס'פעלט אים גאָרניט אויס, זאָל איך זיך באַלד אומקערן אַהיים.

— נו, רעכט. גיי־זשע טאַקע און ווער געוווירע.

דאָס קינד האָט זיך געלאָזט גיין, נאָר זי איז שטיין געבליבן — דערזען די גרויסע קאַליוזשע פאַר דער טיר.

— אוי־אוי־אוי! ווי גייט מען דאָ אַריבער? זעט נאָר, ס'אַ וואַסער, א גאַנצער דונײַ!

— שטיי נאָר א ווײַלע, איך וועל דיך אַריבערטראָגן, — האָב איך געזאָגט, און מיטן מיידעלע אױף די הענט האָב איך מיר א לאָז געטאָן אין קאַליוזשע אַרײַן. שפּאַנענדיק קימאַט איבער די קני(ע)ס אין וואַסער, האָב איך דערגרייכט ביז צום טירל און האָב עס געעפנט. א וווּנדערלעך שוידער־בילד איז אַנטשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן. די גאַנצע בודקע איז געשטאַנען אין וואַסער, אַרום — שוואַרצע הוילע ווענט, ערטערווײַז האָט זיך אַרײַנגעריסן ברוינע שײַן פון טאָג, לעם דער טיר איז געשטאַנען אַן אַלט אַקס־טישל. אַפן טישל — א

הובל, א זעג, א האק און א הויפנ ניטדערהובליעוועטע שטיקלעכ ברעטער. און אינ ווינקל, אויכ קימאט אינגאנצנ אינ וואסער, איז געלעגנ א הויפנ שפענדלעכ, סטרוזשקעס אינגאנצנ איבערגעפוילטע, ווי מיסט, הויכ אָנגעלעגט א שיכט אפ א שיכט, און אפ דעמ דאָזיקנ הויפנ, האלב פארגראָבנ אינ מיסט, איז געלעגנ א מענטש, קאמ איינגעדעקט מיט אלטע שווארצע שמאטעס. בלוי איז ער געווענ, ווי בעז, און דאר, ווי א שפענדל, מיט אנ אויסדרוק פונ שרעקלעכנ ווייטעק און אויסערגעוויינלעכנ צאאר אפ זיינ געקנייטשטנ פּאָנעמ. דאָס איז געווענ שלימאק, פאקטיש — בלויז שלימאקס טויטער קערפער...

א גרויל איז מיר דורכ איבערנ לייב. צענ יאָר אינ אזא געהענעמ! און דאָ האָט עס געלעבט א מענטש!.. — האָבנ געעקבערט צעשפליטערטע געדאנקענ אינ מיינ מויעכ. דאָס קינד האָט זיכ דערווייל א ווארפ געטאָנ וועקנ דעמ זיידנ, און אז עס האָט דערזענ, אז דער זיידע איז אייז־קאלט און פארגליווערט און דערצו נאָכ עפּעס אזא שרעקלעכער, האָט עס א הויכנ געשריי געטאָנ און איז ארויס פונ שטוב. איכ האָב מיכ אויכ געלאָזט גייענ נאָכ דעמ. דעמ קינדס געשריי האָט פונדעסטוועגנ קיינעמ ניט געבראכט צומ קאלטנ בארמינעג. אינ דער זעלבער צייט האָט א געדיכטער האמוינ אפ דער גאס געשאלט מיט טויבנדיקע אויסגעשרייענ:

— וויוואט! זאָל לעבנ אונדזער פאָטער! לעבנ זאָל ער!

דאָס איז געווענ א באווייז, אז דער כאָשעווסטער גאסט איז געקומענ אפ באָריסלאווער גאסנ.

דער הימל האָט זיכ אויסגעלייטערט, צעפליקט די טונקעלע כמארעס און זיי ארויפגעשליידערט פונ זיכ אינ א ווינקל אריינ, ווי אָפּגעריסענע בעטלערישע שמאטעס, קעדיי פונ אונטער זיי ארויסצווייזנ זיינ בלוי, יאָנטעוודיק אָנטונ.

— וויוואט! וויוואט! — האָט געהילכט איבער גאנצ באָריסלאוו, געקלונגענ פונ טויזנטער מיילער. און דער זיידע שלימאק איז געלעגנ אינ זיינ איפּעשדיקנ נעסט, שטומ, איינגעשרומפּנ מיט אנ אויסגעגליווערטנ געזיכט, אינ יענער מיעסער שאָלעכצ, וווהינ די מענטשלעכע גירזיקייט האָט אימ פארטריבנ און פונוואנענ ס'האָט אימ באפרייט דער איינציקער איבערגעבליבענער פריינט זיינער — דער טויט.

# א גוטער פארדינסט

איכ בינ א מענטש אנ אָרעמער. קיינ ברעקעלע געלד האָב איכ ניט. נאָר א כאטע, אי דאָס אנ אלטע. אונ דאָ האָסטו דיר א ווײַב, צוויי קינדער, געזונט זאָלנ זיי זײַנ. מע דארפ פונ עפּעס לעבנ, מע דארפ ווי ס׳ניט איז אפ דער וועלט זיכ האלטנ. צוויי ייִנגעלעכ בא מיר — איינעמ איז פערצנ, דעמ צווייטנ צוועלפ יאָר — זיי פאסטוכעווענ בא גוטע לײַט, אונ פאר דעמ האָבנ זיי קעסט אונ אוועלכנ ס׳ניט איז אָנטוג. דאָס ווײַב שפּינט, פארדינט זיכ אויכ עפּעס. אונ איכ, דער אלטער, וואָס פאר א פארדינסט קאָנ איכ האָבנ? כ׳גיי וועג־ניט־וועג צומ נאָענטנ סרוב *), שנײַד אָנ בערעזענע ריטער, אונ פאר דער וואָכ מאכ איכ מיר בעזעמער. עס קומט מאָנטיק, נעמענ מיר מיט דעמ ווײַב ד׳ קלומקעס אפ די פּלייצעס אונ גייענ אפנ מארק אינ דראָגאָביטש. קיינ גרויסנ פארדינסט קאָנ מענ פונ דעמ ניט האָבנ — דרײַ פיר קרייצער פאר א בעזעמ, אונ דעמ פּאָרעצ דארפ מענ נאָכ באצאָלנ פאר די ריטער. אזוי אז עס בלײַבט ווייניק. אָבער, וואָס וועסטו טונ, מע דארפ פארדינענ, מע דארפ דאָכ עפּעס באשטיינ דאָס אייגענע וועלטל.

אונ וואָס פאר א לעבנ איז בא אונדז! בולבע אונ באָרשטש, אמאָל אוועלכע ס׳ניט איז גרויפּנ אונ א ברויטל, אוועלכס ס׳וועט זיכ טרעפנ: א קאָרנס איז א קאָרנס, אונ אויב פונ גערשטנ אָדער פונ האָבער, איז אדאנק אויכ דערפאר. זומערצײַט איז נאָכ ווי צו דערלײַדנ, אנ אָרעמער מענטש פארדינט נאָכ עפּעס בא א רײַכערנ, דאָ א רוי בינענ אינ פּאסיקע צוהיטנ, דאָ היטנ באנאכט א סאָד, לעבנ היי אונ לעבנ סנאָפּעס א ביסל אנ ארבעט טונ, אניט גייסטו מיט א סאק צומ טײַכ, כאפּסט עפּעס א פישל, אָדער ביז פארטאָג וועסטו פונ וואלד שוועמלעכ ברענגענ. נו, אונ ווינטער איז דאָס אלצ ניטאָ, וואָס מיר קריגנ בא מענטשנ פאר דער ארבעט, דערמיט באגייענ מיר זיכ, אונ ניט איינ מאָל פוכנענ מיר פונ הונגער. אָט ווי עס לעבנ אָרעמע כאלופּניקעס!

אָט זעט איר, האָט זיכ אָבער נאָכ געפונענ א גוטער מענטש, וואָס פארגינט ניט אויכ אונדזער פארמעגנ, ד. ה. צופיל גוטס איז בא דיר, אלטער, וועסט נאָכ פעט ווערנ, וועסט זיכ צעהוליענ, איז אָט האָסטו דיר! אונ האָט ארײַנגעשאָטנ אזעלכס, אז איינ גאָט ווייסט וואָס וועט זײַנ.

*) אנ אָרט, ווו מע האָט דעמ וואלד אויסגעהאקט.

הערט נאָר, וואָס עס איז געווען.

גיי איך זיך איינמאָל דורך דער שטאָט, און אפ דער פלייצע טראָג איך מיר א פעקל בעזעמער אפ א שטעקן, איך גיי זיך אזוי און קוק זיך אום ארום־און־ארום, צי ווינקט ניט עמעצער צו מיר, אָדער צי רופט מען מיך ניט: „טשאָלאָוויטשע, טשאָלאָוויטשע, ווי טײַער זײַנען די בעזעמער?" און דאָ ארום איז א מענגע מענטשן, ווי שטענדיק אין א האנדל־טאָג. קוק איך זיך אום און זע: עס גייט נאָך מיר עפעס א פאָרעצל, א האָרבאטער מיט א גרויסער קאָפּ, ווי א סאָווע. די אויגן זײַנען בא אים גרויסע און שלעכטע, ווי בא א זשאבע. גייט ער זיך אזוי און קוקט אלץ אפ מיר. איך שטעל זיך אָפּ, כ'טראכט: עפשער דארף ער עפעס. און ער ווי גאָרניט, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און קוקט אין אן אנדער זײַט, ווי ער האָט צו מיר גאָרניט. גיי איך ווײַטער. ער נאָך מיר. איך האָב זיך עפעס ניט גוט דערפילט — וואָס פאר א שווארץ יאָר!—טראכט איך זיך.—וואָס הייסט עס? און דאָ שרײַט צו מיר א פרוי פון דער זײַט:

— טשאָלאָוויטשע, טשאָלאָוויטשע, ווי טײַער זײַנען די בעזעמער?

— צו פינף, — זאָג איך.

— וואָס הייסט צו פינף? נאט אײַך דרײַ.

— גיב פיר!

— ניין, דרײַ.

— ניין, פיר.

מיר האָבן זיך אויסגעדונגען אפ דרײַ מיט א האלבן קרייצער. נעם איך מיר אראָפּ דאָס פעקל פון דער פלייצע, צעבינד עס פּאוואָליע, גיב דער פרוי אָפּ דעם בעזעם, אז דאָ גייט צו דאָס האָרבאטע פאָרעצל.

— ווי טײַער פארקויפט איר די בעזעמער? — פרעגט ער בא מיר.

— צו פינף קרייצערס, פאָרעצל, — זאָג איך אים.—קויפט, גוטע בעזעמער. ער האָט גענומען איינעם, א פרווו געטאָן.

— אזוי, אזוי,—זאָגט ער, — ניטאָ וואָס צו זאָגן, גוטע בעזעמער. און פונוואנען זײַנט איר?

— פון מאָנאסטירעץ.

— אזוי, אזוי, פון מאָנאסטירעץ. און בעזעמער פארקויפט איר אָפט?

— ניין, ניט אָפט. איין מאָל אין וואָך. מאָנטיק.

— אהא, אהא, יעדער מאָנטיק! און אסאך פארקויפט איר אין איין טאָג?

— אָ, ווי סע טרעפט זיך, פאָרעצל. עס טרעפט, אז מיר מיט דעם ווײַב פארקויפן, וואָס מיר טראָגן ארויס, און עס טרעפט, אז מיר פאר־קויפן ניט אלע.

— המ... זײַנט איר מיט דער ווײַב ביידע, הייסט עס, טראָגט איר ארויס צו אזא פעקל בעזעמער?

— יאָ, יאָ, פראָשו פאנא. אמאָל אזעלכע, אמאָל גרעסערע.

— אהא, אהא! און אסאך בעזעמער קאָנט איר אזוי פאר א וואָך מאכן?

— דאָס איז, פראָשו פאנא, ווי סע פאָדערט זיך. זומער פארקויפט זיך ווייני־קער, ארבעט איך אויס ווייניקער. און אין הארבסט און ווינטער גייט אזא סכוירע בעסער.

— אזוי, אזוי פארשטענדלעך! איר זעט, איך בין א פאָדריאַדטשיק צו די מעלוכישע מאגאזינען. אזוי אז איך דארף אזעלכע בעזעמער אסאך, אזוי א הונדערט שטיק. וואָלט איר געקאָנט אין א וואָך ארום מיר מאכן הונדערט בעזעמער?

איך האָב א טראכט געטאָן און זאָג:

— פארוואָס ניט, כ'וועל מאכן. ווו זאָל איך עס אייַך צושטעלן?

— אָט דאָ, — זאָגט ער און האָט מיר אָנגעוויזן אפ א הויז. — אָבער גע־דענקט, איר זאָלט ברענגען, איך וועל אייַך אפן אָרט גלייַך באצאָלן. יאָ, ווי טייַער, זאָגט איר, איז איינער?

— נו, אז איר נעמט אזויפיל אין הורט, וועל איך אייַך אראָפּלאָזן פאר פיר.

— ניין, ניין, ניין. מע דארף ניט, לאָזט ניט אראָפּ! איך וועל אייַך צו פינף באצאָלן.

— זאָל אייַך גאָט געזונט געבן, פאנע.

— נו, זייַט מיר געזונט, אָבער געדענקט. איבער א וואָך פון הייַנטיקן טאָג זאָלט איר קומען. — און מיט די ווערטער האָט זיך דאָס פאָרעצל ערגעץ אוועקגערוקט, און איך בין געבליבן. אָט, טראכט איך זיך, עפּעס א גוט פאָרעצל, ער זאָגט אפילע ניט, מע זאָל אראָפּלאָזן א פרייַז, און אפ אזא סומע באשטעלט ער בעזעמער. ס'וועט דאָך אפ א גאנצ פינפערל זייַן. גאָטעניו! און איך האָב שוין אפ אים א שלעכטס אויג געהאט, ווען ער האָט אזוי נאָך מיר געשפּירט. נו, שענק אים, גאָטעניו, לאנגע יאָרן. דאָך האָט זיך מיר איינמאָל א גוטער פארדינסט געטראָפן.

געשווינד האָב איך זיך א לאָז געטאָן נאָך מייַן אלטער, שוין ניט געזוכט, פארקויפט צי ניט פארקויפט אונדזער סכוירע — געקויפט זאלצ, שוועבעלעך און וואָס מיר האָבן נאָר באדארפט, און געלאָזט זיך אהיים. זאָג איך צו דער אלטער: אזוי און אזוי, ס'האָט זיך א גוטער פארדינסט געטראָפן, ס'וועט זייַן מיט וואָס דעמ צינש באצאָלן, און פאר דיר וועט אפ ווינטער אונטערגעניי זייַן. זי האָט זיך אויך געפרייט.

— מע וועט דארפן, — זאָגט זי, — זיך נעמען אינייַנעם. אניט וועסטו אליין די גאנצע ארבעט פאר א וואָך ניט מאכן. איך וועל מייַן ארבעט דערווייַל אָפּלייגן.

גוט. אזוי פלאפלענדיק, האָבן מיר זיך געאייַלט, קימאט געלאָפן אהיים, קעדייַ, זעט איר, קיין צייַט ניט פארטערן.

באלד, דעם זעלבן טאָג טאָקע, האָבן מיר זיך צוגעכאַפּטביידע, אַזוי ווי צו א הייסן באָרשטש. ריטער אָנגעטראָגן א גאַנצע סטירטע — א פאבריק אין כאַטע! איך ברעך ארום די צוויַיגלעך, זי רייַסט ארום די בלעטער, די הויט איז איר אַזש פון די דאָלאָניעס אראָפּ. און איך שנייַד אזוי ארום די גרעבע־רע עקן, לייג צונויף. שנייַד ארום די הענטלעך — די ארבעט זידט. עס איז געקומען זונטיק, און הונדערט בעזעמער זייַנען גרייט און אין פעקלעך צו פינף און צוואנציק צונויפגעבונדן און אזוי צוגעפאסט, אז יעדער פון אונדז נעמט צוויי פעקלעך אריבערגעהאנגען, איינס פון פאָרנט און איינס פון הינטן, און דער שטריק אויף דעם אקסל. ס'איז געקומען מאָנטיק, נעמען מיר גוטע שטעקנס אין די הענט, די פעקלעך אויף זיך און אוועק אין שטאָט. ס'איז אזא היץ, אזא ספּעקע, גאָט זאָל אָפּהיטן. דער שווייס רינט פון אונדז ריטשקעסווייַז, אין האלדז איז טרוקן. נאָר וואָס וועסטו טון — א פאַרדינסט, איז א פאַרדינסט.

קומען מיר אין שטאָט, האָבן אלע אויף אונדז די אויגן אויסגעשטאַרטשעט. מע האָט קיינמאָל ניט געזען, מע זאָל אזעלכע גרויסע פעקלעך טראָגן.

— הערט נאָר, טשאָלאָוויטשע, — מאכט מען פון אונדז כויזעק, — ווי האָט איר די פערד פאַרקויפט, וואָס איר רוקט אליין א פור ריטער?

— טשאָלאָוויטשע, טשאָלאָוויטשע, — שרייַען אנדערע, — בא וועמען האָט איר עס א בערעזענע וועלדל געקויפט? צי האָט איר דאָס בערעזענע וועלדל געבראכט מיט דער באבע אין שטאָט פאַרקויפן? וואָס ווילט איר פאַר דעם בערעזענעם וועלדל?

און מיר גאָרניט. קאָם וואָס מיר כאַפּן דעם אָטעם. און גייען גייען מיר, אַזש די אויגן קריכן פון קאָפּ ארויס. א דאנק גאָט, קאָם דערקראָכן צום הויז, ווו דער פּאָרעץ האָט געהייסן ווארטן. צוגעגאנגען צום גאנעק און א וואָרף די פעקלעך אויף דר'ערד. און אליין אויף די פעקלעך, קאָם לעבעדיק, אנידער־געפאלן. און סאָפּען אזוי, אַזש די צינגער פון די מיַילער ארויסגעשטעקט. ניטאָ, ניטאָ. פלוצעם האָט א פענצטער א סקריפּע געטאָן, אונדזער פּאָרעץ קוקט ארויס.

— אהא, — זאָגט ער, — דאָס זייַנט איר, טשאָלאָוויטשקי?

— אזוי, פּראָשו פּאנא. דאָס בין איך מיט די בעזעמער.

— גוט, גוט, כוועל באלד צו אייַך ארויסגיין.

ער האָט פאַרשלאָסן דעם פענצטער, מיר ווארטן. נאָך א היפּשער מינוט איז ער ארויסגעגאנגען.

— נו, וואָס, האָט איר געבראכט די בעזעמער?

— יאָ, פּראָשו פּאנא. הונדערט, ווי איר האָט געזאָגט.

— אהא! איז גוט. אָדער איך דארף זיי איצט ניט. נעמט זיי, לאָזט זיי בא אייַך זייַן א צייַט, אָדער איר קאָנט זיי פאַרקויפן. און אז איך וועל זיי דארפן, וועל איך אייַך איבערגעבן, און איצט נאָט אייַך דאָס קוויטל, וועט איר עס באוויַיזן דעם וויט. ער וועט אייַך שוין זאָגן וואָס צו טון.

— באַ, באַ, וואָס איז דאָס? פריִער האָט איר באשטעלט און איצט נעמט איר ניט?

— ניין, אַ כ נעם ניט, — זאָגט ער זיך אַזוי איידל,—דערפאר וואָס איך דארף זיי איצט ניט. אָדער איר האָט קיין מוירע ניט, איך וועל אײַך ניט פארגעסן. אָט האָט איר דאָס קוויטל, נעמט!

— אף וואָס דארף איך אײַער קוויטל? וואָס וועל איך מיט אים מאכן?

— נעמט, נעמט, — זאָגט ער, — אַניט טוט אײַך, ווי איר ווילט, און איצט גייט זיך געזונטערהייט.

איך האָב זיך שוין, דעם עמעס זאָגנדיק, געוואָלט צו אים אנטקעגנשטעלן, אָבער ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און אפגיך ארײַן אין הויז. מיר זײַנען געבליבן, ווי מיט וואסער אָפּגעגאָסן. אָבער וואָס וועסטו ווײַטער טון? גענומען די בעזעמער און אוועק אין מארק, קעדיי כאָטש עפּעס פארקויפן.

אזש אָט, אַזוי אין אַ וואָך ארום, רופט מיך דער וויט. — וואָס פאר אַ צאָרע? — טראכט איך מיר און קום צו. און דער וויט לאכט זיך אַזוי און זאָגט:

— נו, אַלטער פּאַנקע (אַלע רופן מיך אַלטער, כאָטש כ׳בין נאָך ניט אַזוי אַלט) האָסט אַ מייליץ.

— וואָס פאר אַ מייליץ?—זאָג איך און וווּנדער זיך.

— אָט אַוועלכן, קוק! — און נעמט ארויס אַ פּאַפּירל, דאָס זעלבע, וואָס יענער פּאָרעץ האָט מיר אַנומלטן געגעבן, צעוויקלט עס און האָט אָנגעהויבן לייענען עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב קיין קאַפּעלע ניט פארשטאַנען, אַכוץ מײַן אייגענעם נאָמען.

— באַ, וואָס אַזוינס איז דאָרט געזאָגט? — פרעג איך.

— ס׳איז געזאָגט, אַלטער, אַז דו ביסט אַ גרויסער נאָגיד, צו הונדערט בעזעמער פארקויפסטו יעדע וואָך, געלט שאַרסטו מיט לאָפּעטעס, און מע הייסט דיר אָט די פּיאַווקע צושטעלן.

— וואָס פאר אַ פּיאַווקע? — פרעג איך און גלייב מײַנע אייגענע אויערן ניט.

— אַ בייגעלע, פרײַנטל.

— אַ בייגעלע? באַ, וואָס פאר אַ בייגע ע? פאר וועמען?

— היי, אַלטער, מאַך זיך ניט טויב, אויב עס טויג דיר ניט. ס׳איז דאָך ניט פאר מיר, נאָר פאר דיר! דארפסט צאָלן אַכוץ די הויז־שטײַערן אויך אַ האַכנאָסע־שטײַער. 15 רינסקע אַ יאָר.

— פופצן רינסקע אַ יאָר? גאָטעניו! באַ, און פארוואָס?

— פאר די בעזעמער! דו הערסט דאָך, אַז דער פּאַן, דער שטײַער־קאָמיסאר האָט אף דיר אײַנגעגעבן אַ פּאַפּירל און זאָגט, אַז דו פארקויפסט צו הונדערט בעזעמער אַ וואָך.

איך בין געבליבן שטיין, ווי יענער, מע זאָגט, היילִיקער סעמען דער

סטויפנער, וואָס איז פופציק יאָר אפ איינ אָרט געשטאנענ, ווי א סטויפ. אזוי־ווי כ'וואָלט זיך מיט טשעמעריצע אָנגעגעסנ.

— פאנע וויט! — זאָג איך אינ א צײַט ארומ. — איך וועל ניט צאָלנ.

— דו מוזט!

— ניינ, כ'וועל טאקע ניט צאָלנ. וואָס וועט איר מיר טונ? וואָס קאָנ א נאקעטער באהאלטנ אינ פאזוכע? איר ווייסט דאָך, אז פאר די בעזעמער וועל איך פאר א גאנצ יאָר קאמ פופצנ רינסקע אָפלייזנ.

— וואָס קאָנ איך ויסנ? דער פאנ קאָמיסאר דארפ דאָס בעסער ויסנ! — זאָגט דער וויט. — מײַנ זאך איז צונויפנעמענ דעמ שטײַער, אז דו וילסט ניט געבנ, וועל איך דעמ עקזעקוטניק *) ארויסשיקנ.

— אָוווא! שיקט אפילע באלד, דער עקזעקוטניק וועט בא מיר פייגערנ, ביז ער וועט עפעס געפינענ.

— נו, וועלנ מיר פארקויפנ די כאטע אונ די בייטנ, אונ אײַך — אפ אלע פיר זײַטנ. דאָס מעלוכישע טאָר ניט פארפאלנ ווערנ!

איך האָב א קרעכצ געטאָנ, ווי אונטערגעשניטנ.

אָ, זעסט, — זאָגט דער וויט, — נו, וואָס, וועסט צאָלנ?

— כ'וועל צאָלנ, — זאָג איך. — אונ אליינ טראכט איך זיך עפעס מײַנס.

דרײַ יאָר זײַנענ אוועק. איך האָב ניט געצאָלט אפילע קיינ קרייצער, ווענ עס פלעג קומענ די עקזעקוציע, האָב איך זיך מיט מײַנ ווײַב באהאלטנ אינ די אָטשערעטנ, ווי פונ די טאָטערנ, אונ די כאטע פארשלאָסנ. פלעגנ די עקזעקוטניקעס קומענ, קלאפנ אינ טיר, שרײַענ, רופנ אונ זיך אָפשארנ ווײַטער. צוויי מאָל האָבנ זיי געוואָלט זיך אינ כאטע מיט גוואלד דערשלאָגנ, נאָר גוטע לײַט האָבנ זיי אָפגעבעטנ. אָבער אפנ פערטנ יאָר האָט עס ניט אויסגעהאלטנ. קיינ באקאָשעס, קיינ געווייִנע האָבנ ניט געהאָלפנ, די רעשטאנציע **) האָט זיך אפ מיר אָנגעקליבנ בא זעכציק רינסקע. פונ שטאָט האָט מענ אָנגעזאָגט, איך זאָל באלד ארויסלייגנ די געלט, אונ אויב ניט — איז די כאטע אפנ אאוקציאָנ. איך בינ שוינ אינגערגעצ ניט אנטלאָפנ. איך זע, ס'וועט גאָרניט העלפנ. נו, איז וואָס? מע האָט באשטימט אנ אאוקציאָנ. מע האָט איבערגעשריבנ דאָס גאנצע גוטס אפ זעכציק רינסקע. עס איז געקומענ יענער טאָג, מע טאראבאנעט, מע רופט סאָכרימ... „ווער גיט מער?" עהע, קיינער וויל אפילע אזויפיל ניט געבנ. צענ... צוועלפ... קאמ צו פופצנ רינסקע דערצויגנ אונ פאר די פופצנ פארקויפט. אונ איך זאָג אזוי אפ געלעכטער צומ וויט:

— הא, איר זעט, איך האָב אײַך טאקע אָפגענארט! איך האָב דענ אײַך ניט געזאָגט, אז פונ א נאקעטנ קאָנ מענ גאָרניט נעמענ?

---

*) עקזעקוטניק — דער, וואָס קלײַבט צונויפ די שטײַערנ.

**) רעשטאנציע — אנ אלטער שטײַער אונ די פענ אפ אימ.

— זאָל דיכ, אלטער, דער רועכ נעמענ. פאר וואָס פאר א מיטל דו האָסט זיכ גענומענ!

אונדזער כאטע האָט געקויפט יוינע אפּ א שטאל פאר קעלבלעכ, אונ מיר מיט דער באבע זײַנענ אוועק אינ שכיינעס. מיר לעבנ ווײַטער, ווי פריִער, ביז גאָט וועט דאָס לעבנ שענקענ. זי שפּינט, די ייִנגלעכ פּאשענ פרעמדע פי, אונ איכ מאכ בעזעמער. אונ אָט אזוי שטורכענ מיר אָפּ אונדזער וועלט, כאָטש אָנ דעמ שטײַער־בייגעלע.

# מ ײַ נ  פ א ר ב ר ע כ נ

ניין, כ׳וועל ניט אויסהאלטן! איך קאָן ניט מער אויסהאלטן! איך מוז זיך עפּנטלעך מוידע זײַן אין מײַן זינד, כאָטש איך ווייס, אז אַפֿ דער נעשאָמע וועט מיר דערפֿון גרינגער ניט ווערן. אזוי אז קיין אָפּצאָל איז דאָ ניט מעגלעך. ווײַל וואָס פֿאר אן אָפּצאָל קאָן אויסקויפֿן אומשולדיק פֿארגאָסן בלוט, קאָן באלוינען א פֿארמוטשעט לעבן?

שרעקלעך ווערט מיר, ווען די דאָזיקע גאנצע אומגליקלעכע געשעעניש מיט אלע קלייניקײַטן שווימט אויף אין מײַן זיקאָרן. פֿון יענער צײַט זײַנען אסאך יאָרן אוועק, מיסטאמע שוין מער פֿון דרײַסיק. איך בין דעמלט געווען א קליין דאָרפֿיש ייִנגל, און כ׳בין ארומגעלאָפֿן און זיך געשפּילט איבער די וועלדער און פֿעלדער פֿון מײַן אייגן דאָרף.

נאָר אָט איז געקומען פֿרילינג, איינער פֿון די ערשטע ווארעמע טעג. דאָס ערשטע מאָל נאָך דער לאנגער ווינטערדיקער פֿארשפּארטקײַט אין ענגע שטיקנדיקע שטיבער האָבן מיר, דאָרפֿישע קינדער, געקאָנט פֿרײַ ארומלויפֿן. מיר זײַנען ארויסגעלאָפֿן אַפֿ דער לאָנקע, וואָס איז נאָך געווען הויל און גרוי פֿון דער ניט־ארָאָפּגעוואָרפֿענער ווינטערדיקער איבערבעט. ווו־ניט־ווו נאָר האָבן פֿון דער ערד ארויסגעשפּראָצט פֿרישע גראָזן: ציטעריקע שארפֿע בלעטעלעך אָטשערעט נאָך ניט צעלאָזט און שארף, ווי אן אָל, בלעטער פֿון כריינ און פֿון לאָפּוכן באַם טײַכל. אין דעם נאָענטן וואלד איז ד׳ ערד אינגאנצן געווען פֿארווײַסט פֿון ווילדן קנאָבל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אָפּבליִען, פֿון ווײַסע און בלאָווע וואלד־פּיִאלקעס.

איבער אונדז האָט זיך צונויפֿגערוקט דער טונקל־בלויער קײַלעך פֿון הימל, די זון האָט געשמייכלט, און אַפֿ די ווײַסע שפּיצן פֿון די קארפּאטער בערג האָבן, ווי דימענטענע קרוינען, געבלישטשעט נאָך פֿעסטע שניי־היטלען. אָבער זייער שיינקײַט האָט אונדז ווייניק וואָס גערירט, ווײַל יעדער רעגע האָבן מיר געפֿילט א קאלטן ווינטערדיקן ווינט, וואָס פֿלעג זיך פֿון זיי ארָאָפּלאָזן צו מיזרעך־צו. דאָס טײַכל האָט עס געפֿילט: גאנצפֿרי איז עס געווען קלאָר און ריין און האָט זיך שטיל געפּליוסקעט, ווי זומער־צײַט, און אצינד האָט עס בייז געראשט אין זײַנע ענגע ברעגן און האָט זיך דורכגעשטופּט ארָאָפּצו מיט זײַנע געלבלעך־שמוציקע, צעבושעוועטע וואסערן. דאָס זײַנען געווען פּונקט

יענע בלישטשענדיקע דימענטן, וואָס זײַנען צעשמאָלצן געוואָרן פון דער פרילינגדיקער זון.

אָבער דאָס אַלץ איז ניט אימשטאנד געווען צעשטערן אונדזער פרילינג־דיקע פרייד. מיר זײַנען געגאנגען, געשפרונגען, אונטערגעשפרונגען און גע־לאָפן ארום־און־ארום און האָבן באזוכט אַלע אונדזערע באקאנטע: דעם אלטן מעכטיקן דעמב באם עק וואלד, וואָס אפ זײַנע פעסטע צווײַגן זײַנען מיר זומערצײַט געקראָכן, ווי אין געווען מיט די וועוורעקעס; די הויכע אָנגע־בויגענע בערעזע מיט טרויעריק־אראָפגעהאנגענע דינע צווײַגעלעך, וועלכע מיר האָבן פארשטייט זיך, אויסגענוצט, ווי א הוידעלקע אפ צעפיקעניש דעם פאן, דעם וואלד־היטער; די שטילע קרענעצעס אין דער טיף פון וואלד, ווו מיר פלעגן, זיצנדיק אונטער די ביימער, אונטער די יאוואָרן און וויאזן, ניט איין מאָל שפירן נאָך פוקסן, נאָך בארסוקעס און ווילדע כאזיירים, וואָס פלעגן קומען אהער א טרונק טון; און ענדלעך די טיפע ריינע טײַכלעך, ווו מיר האָבן יעדן זומער מיט האטשעקעס געטשאטעוועט אפ העכט, און ווען די זון פלעג אָנהייבן באקן, האָבן מיר מיט א געשריי און געפילדער זיך אָפגעפרישט אין דער ריינער קאלטער וואסער זייערער.

יעדער אָרט ארום יענע טײַכלעך איז געווען דער באליבטער פלאץ פאר אונדזערע שפילערײַען, און מיר האָבן אים באקוקט און ארומגעזוכט גאָר אופ־מערקזאם. דאָס איז געווען דער רעשט פון אן אמאָליקער סאזשלקע. קווער דעם טאָל, פון וואלד צו וואלד, האָט זיך געהויבן א שטארק־גרויסע הרעבליע, וואָס איז איצט אויסגעגלײַכט מיט דער ערד און פון לאנג צעאקערט מיטן אקער. זי האָט אויסגעזען ווי א לאנג גלײַך בערגל, וואָס איז געווען אי־בערגעשניטן בלויז אין דרײַ ערטער: איינמאָל האָט זי דורכגעשניטן דער טײַך, וואָס האָט זיך דאָ א נעם געטאָן אזש צום וואלד צו און האָט ביין געבושעוועט, געריסן און אונטערגעשווענקט דעם הויכן אָפגעהאקטן ברעג, און נאָך צוויי מאָל איז די הרעבליע געווען דורכגעשניטן מיט די שוין דערמאנטע טײַכלעך, די איינציקע שפורן פון דער געוועזענער פריצישער סאזשלקע. די טײַכלעך זײַנען געווען ניט זייער בקייט, א קלאפטער די טיף. ערטערווײַז באוואקסן מיט אָלכעס, ווערבעס און לאָזעווע פענקעס. זומערצײַט פלעג געדיכט שמעקעוודיק גראָז און קווייטן פון ווײַסער קאָניושינע אראָפ־הענגען פון די ברעגן קימאט ביז צום וואסער־שפיגל. עמעס, אצינד איז דאָ געווען גאנץ הויל און טרויעריק. די וואסער, וואָס פלעג אום זומער אָפט באלעבט ווערן מיט דעם פלעסקען פון העכט און פון מענגעס רויטויגיקע פלאָטיצעס, וועלכע פלעגן געוויינלעך ארומשווימען הויפנסווײַז אונטער דער אָנפירונג פון איינער א גרעסערער, איז איצט געווען שטיל. נאָר מיר האָבן פונדעסטוועגן וואָס א טריט ארײַנגעקוקט מיט נײַגיר אין וואסער. באטראכט יעדער שטענגל, יעדער פארוויאגעטן לאָפוך, יעדער קאָרטש, צי האָט זיך דאָרט אונטערן איז ניט פארשטעקט איינער פון אונדזערע באקאנטע העכטן אָדער

צי איז די פּאַני ווידרע ניט געווען אַזוי גוט און איז ניט געקומען מיט אַ וויזיט צו אונדזערע פיש.

— פּסס! פּסס! — האָבן מיטאַמאָל אַ צישע געטאָן צוויי אָדער דריי ייִנגלעך, וואָס זײַנען געגאַנגען פאָרויס. זיי האָבן זיך אָנגעבויגן צו דער ערד און אָנגעהויבן שטיל פּויזען, באַמיִענדיק זיך אַרומרינגלען אַ קאָרטש.

— וואָס איז דאָרט בײַ אײַך? וואָס איז דאָרט? — האָב איך ניט ווילנדיק געפרעגט מיט אַ שעפּטשענדיקער שטים.

— אַ פויגל, אַ פויגל! דו זעסט אים דען ניט?

— ווו איז ער? ווו?

— אָט דאָ אין קאָרטש. ער איז אַוועקגעלאָפן. מיר האָבן נאָך אַזוינעם ניט געזען. מיסטאַמע פליט ער ניט, נאָר ער לויפט.

ביז וואַנען די ייִנגלעך האָבן אַרומגערינגלט דעם קאָרטש, בין איך אַוועק צו דער מיט זײַנער פּאַרזיכטיק פּאַנאַנדערגענומען די געדיכטע צווײַגעלעך און האָב ווירקלעך דערזען אַ קלײנינק פייגעלע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דעם פאַראיאָריקן געדיכטן טרוקענעם גראָז. כ'ווייס ניט, צי ס'איז געווען אָפּגעשוואַכט, צי איבערגעשראָקן, נאָר ווען ס'האָט מיך דערזען, איז עס ניט אַוועקגעפלויגן און ניט אַוועקגעלאָפן, און אין איין אויגנבליק האָב איך עס געהאַט אין דער האַנט. אַלע ייִנגלעך זײַנען זיך צונויפגעלאָפן, קעדיי אַ קוק טון אויף מײַן געפאַנגענער.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיין פייגעלע!

— אַזאַ פייגעלע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— גיט נאָר אַ קוק אויף זײַנע אויגן!

— און די פעדערלעך זײַנע!

דאָס איז געווען אַ קליין זומפּ-פייגעלע, וואָס באַווײַזט זיך אין אונדזער אונטערבאַרגיקער געגנט זייער זעלטן. די פעדערן זײַנע זײַנען געווען אַש-גרויע מיט אַ לײַכטן פּערל-אָפּשײַן, דאָס פּיסקל אַ דינינקס, אַ טונקל-גרינס און פונקט אַזעלכע לאַנגע דינינקע פיסלעך. ס'איז געזעסן שטיל, צוגעדעקט מיט מײַן דלאָניע, זיך ניט געריסן, ניט געדראַפּעט און ניט געפּיקט, ווי עס טוען עס געוויינלעך אַנדערע ווילדע פייגעלעך, ווען מע כאַפּט זיי מיט דער האַנט.

— וואָס וועסטו דערמיט טון? — האָבן מיך געפרעגט אייניקע ייִנגלעך. זיי האָבן מיט ניט פאַרגינענדיקע אויגן באַקוקט די שיינע רויב אין מײַן האַנט.

— כ'וועל עס אַוועקטראָגן אַהיים.

— וועסט עס אָפּבראָטן?

— פונוואַנען ווייס איך? איך וועל עס האָדעווען.

— און דו ווייסט, וואָס עס עסט?

— כ'וועל זען. אויב ס'וועט ניט וועלן עסן קיין ברויט, וועט עס עפּשער עסן פליגן, און אויב ניט קיין פליגן, איז רויפּעס, און אויב ניט קיין רויפּעס,

איז שנעקלעכ אָדער זוימענ, אָדער הירזש. כ'וועל שוינ עפּעס געפינענ פאר דעם.

אונ איכ האָב טאקע אוועקגעטראָגנ דאָס קליינע שיינע פייגעלע אהיימ אונ כ'האָב עס אוועקגעזעצט ניט אינ קיינ שטײַג, נאָר אינ מיט פונ א צווייענ־דיקנ פענצטער; דאָרט האָט עס געהאט מער אָרט ארומצולויפנ אונ ארומפליִענ, ס'איז דאָרט אויכ געווענ מער ליכט אונ לופט. דאָס פייגעלע איז ניט געפלויגנ אונ ניט געפּאָכעט מיט די פליגעלעכ, נאָר ס'איז געלאָפנ לענגויס די טאפּליעס, פונ מאָל צו מאָל געקלאפּט מיט זײַנ דינינק פּיסקל אינ די שויבנ. אונ יעדער מאָל פלעג עס, ווי ס'האָט זיכ מיר געדאכט, מיט טרויער קוקנ אפ דער פרײַער וועלט. אמאָל פלעג זיכ עס אָפּשטעלנ, אָנבייגנ דאָס קעפל אונ ווידער עס אונטערוואָרפנ מיט א שנעלנ פויגלשנ ריר, אָדער עס אָנגעבויגנ אפ א זײַט אזוי, אז איינ אויג זײַנס, ווי ס'האָט זיכ געדאכט, האָט געבלאָנדזשעט איבער די צווײַגנ פונ דעם נאָענטנ עפּלבוימ, דערנאָכ נאָכאמאָל צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ אזוי טרויעריק אונ האָפנונגלאָז, ווי ס'וואָלט געוואָלט זאָגנ:

— אכ, דאָרט אינדרויסנ איז אזוי גוט אונ ווארעמ, נאָר מײַנ פרילינג איז פארפאלנ! איכ בינ אינ געפענגעניש!

מיכ האָט עפּעס א שטאָכ געטאָנ אינ הארצנ, ווענ כ'האָב עטלעכע רעגעס נאָכגעשפּירט נאָכ דעם פייגעלע, ס'איז מיר געוואָרנ טרויעריק.

— לאָז עס אָפּ! צוליב וואָס ווּעסטו עס דאָ האלטנ?—האָט עפּעס אינ מיר געשעפּטשעט.

— נאָר ס'איז דאָכ אזא מינ שיינינקס! אונ איכ האָב דאָכ עס געכאפּט, — האָב איכ זיכ אליינ מיט אקשאָנעס אָפּגעענטפערט. — עפּשער וועט עס זיכ צוגעווינענ. ווענ איכ ווייס נאָר, מיט וואָס עס צו האָדעווענ!

מיטנ האָדעווענ האָב איכ געהאט אסאכ דײַגעס. איכ האָב דעם אוועקגע־לייגט א שטיקעלע ברויט, עטלעכע זוימענ הירזש אונ עטלעכע שטוב־פליגנ, יעדער מינ עסנווארג באזונדער אינ א ריינינקנ מושעלע, כ'האָב אוועקגעשטעלט א שערבל מיט וואסער, אונ כ'בינ אוועק, קעדיי עס לאָזנ צורו. ווענ כ'האָב זיכ פארנאכט אומגעקערט אהיימ אונ כ'האָב א קוק געטאָנ אפ מײַנ פייגעלע, האָב איכ דערזענ, אז ס'האָט זיכ ניט צוגערירט צומ עסנ, נאָר ס'איז געזעסנ אינ ווינקעלע אויסגעצויגנ דאָס דינינקע העלדזל ארופצו אונ מיט דעם ניט־פינטלדיקנ אויג געקוקט דורכנ פענצטער אינדרויסנ ארויס. דאָרט איז אינ א בלוט־רויטער סרייפע פארגאנגענ די זונ, הינטער דעם שניי־היטל פונ דעם כרעבטא־בארג, אונ פונ צײַט צו צײַט צוגעשאָקלט מיטנ קעפל, אזוי טרויעריק אונ האָפנונגלאָז, אז כ'האָב מער ניט געקאָנט קוקנ אפ דעם.

— עפּשער איז דאָס א נאכט־פייגעלע? — האָב איכ א קלער געטאָנ, — אונ ס'וועט עסנ ערשט באנאכט.

דער געדאנק האָט מיכ א ביסל באַרויִקט, אונ איכ בינ גוט געשלאָפנ אונ ניט געקלערט וועגנ פייגעלע. גאנצפרי, נאָכ פארנ זונ־אויפגאנג, בינ איכ ווידער

אוועקגעלאָפּן אין צימער און האָב אַ קוק געטאָן אין פענצטער. דאָס פייגעלע איז נאָך אַלץ געזעסן אַף דעם זעלבן אָרט, ווו כ'האָב עס געזען נעכטן, נאָך אַלץ אויסגעצויגן דאָס העלדזל הויך אַרויף און נאָך אַלץ געקוקט מיט דעם ניט פינטלדיקן אויג אַף דער ברייטער פרייער וועלט דאָרט הינטער, די גלעזערנע שויבן, און צייטנווייז צוגעשאָקלט מיטן קעפּל. צום עסן האָט זיך עס אַפילע ניט צוגערירט.

— לאָז עס אָפּ! לאָז עס אָפּ! — האָט עפּעס אין מיר אַ געשריי געטאָן. — צוליב וואָס דאַרפסטו עס מוטשען? עס וועט דאָך אויסגיין פון הונגער.

— ניין, — האָט זיך אין מיר אָפּגערופן אַן אַנדער, איינגעשפּאַרט קאָל, — איך מוז זיך דערוויסן, מיט וואָס עס האָדעוועט זיך! כ'וועל דעם ברענגען שנעקלעך, רויפּעס און רויג פון זשאַבעס.

איך ווייס ניט פון וואַנען איז מיר אין קאָפּ אַריינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז עס קאָן עסן רויג פון זשאַבעס. נאָר איך בין אוועקגעלאָפן צום וויהאָן, אָנגעקליבן פאַרשיידענע קליינע שנעקלעך, אָנגעגראָבן רויפּעלעך און אַרויסגעכאַפּט פון וואַסער אַ פּאָר זשמעניעס רויג פון זשאַבעס, און דאָס אַלץ געבראַכט מיין געפאַנגענעם. עס האָט אַפילע קיין אַכט ניט געלייגט, ווען כ'האָב דאָס גאַנצע גוטס געלייגט פאַר דעם. ניט אַרויסגעוויזן ניט קיין שרעק, ניט קיין מינדסטן אינטערעס, ניט קיין ביסל אַפּעטיט צו די אַלע נאַשערייען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר די זון, די וואַרעמקייט און דער פרילינג דאָרט אַף דער ברייטער פרייער וועלט האָבן פאַרנומען זיין גאַנצע אַכטונג.

יענעם טאָג האָב איך געהאַט עפּעס אַן אַרבעט. איך בין אוועק און זיך אומגעקערט שוין פאַרנאַכט. כ'האָב זיך געכאַפּט אַ קוק טון צום פייגעלע. עס איז אַרומגעלאָפן קאַם שאָקלנדיק מיטן קאָפּ לענגויס די שויבן און זיך אַפילע ניט צוגערירט צום עסן.

— אָט אַ וווּנדער! — האָב איך אַ קלער געטאָן און האָב געוואָלט באַלד אַרויסלאָזן עס אַף דער פרייהייט. נאָר ס'איז מיר געקומען אין קאָפּ, אַז אַצינד איז עס מיסטאָמע אָפּגעשוואַכט און ניט פייִק צום פליִען, און אויב כ'וועל עס באַלד פאַרנאַכט דאָ אַפן אָרט אַרויסלאָזן, וועט עס פאַר אונדזער קעצל זיין אַ זייער גרינגע און געווונטשענע רויב. ס'וועט זיין בעסער, ווען ס'וועט נאָך היינט איבערנעכטיקן בא מיר. און מאָרגן גאַנצפרי וועל איך עס אָפּטראָגן אַפן זעלבן אָרט, ווו כ'האָב עס געכאַפּט, און עס אַרויסלאָזן.

אַפן צווייטן טאָג האָב איך זיך גאַנצפרי אַראָפּגעכאַפּט פון דער שטרוי און אוועקגעלאָפן צו מיין געפאַנגענעם. ס'האָט זיך נאָך אַלץ ניט צוגערירט צו קיין שום שפּייז און געזעסן אַן אָפּגעשוואַכטס און אַ מידס אין אַ ווינקעלע, און נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אַף דער פרייהייט. עס האָט זיך רויִק געלאָזט נעמען אין האַנט, אַ קוק געטאָן אַף מיר מיט די זעלבע, ניט איבערצוגעבן־טרויעריקע אייגעלעך, מיט וועלכע ס'האָט אַרויסגעקוקט דורכ

די שויבן אַף דער זון, און אַף די צווײַגלעך פֿון עפּלבוים. אײנמאָל האָט עס אַפֿילע אַ שאָקל געטאָן מיטן קעפּל, ווי ס׳וואָלט געוואָלט זאָגן:

— אַזוי, אַזוי, איך ווייס שוין, וווּ מע טראָגט מיך. כ׳האָב שוין לאַנג געווּסט, אַז ס׳וועט דערגיין צו דעם.

איך האָב עס אַרויסגעטראָגן אין הויף. ס׳איז געזעסן רויִק אין מײַן דאָלאָניע און ס׳האָט זיך ניט געדרייט. איך האָב געפֿילט זײַנע ווייכע פֿעדערלעך און זײַן וואַרעם לײַב.

— זײַן פֿלייש דאַרף זײַן געשמאַק! — איז באַ מיר אין קאָפּ פּלוצעם דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק. — און וואָס וואָלט געווען, ווען מע זאָל עס קוילען און אָפּבראָטן?

— לאָז עס אָפּ! לאָז עס אָפּ! — שעפּטשעט עפּעס אין מיר, ווי אַ גוטער מאַלעך. — ס׳איז דאָך אַזאַ מין קליינינקס, ס׳לוינט ניט זיך פֿאַרנעמען דערמיט און עס בראָטן.

— ס׳איז דאָך אַ שאָד עס אָפּלאָזן. כ׳האָב דאָך עס געכאַפּט! — האָט זיך אין מיר געבונטעוועט די קינדערשע אײַנגעשפּאַרטקײַט.

— לאָז עס אָפּ! לאָז עס אָפּ! — האָט עפּעס שטיל־שטיל געזאָגט אין דער טיפֿסטער טיפֿעניש פֿון מײַן נעשאָמע. און דאָס פֿייגעלע איז שטיל און מיד געזעסן אין מײַן פֿויסט. איך האָב צעעפֿנט די דאָלאָניע — ס׳איז ניט אַוועקגעפֿלויגן. עפּעס אַ מיִעסער געדאַנק האָט מיט ניצאָכן אַ רעד געטאָן אין מיר.

— זעסט! ס׳וויל אַליין ניט. דו האָסט דעם געגעבן די מעגלעכקײַט אַנטלויפֿן, פֿאַרוואָס־זשע אַנטלויפֿט עס ניט?

— עס איז דאָך אַ שוואַכס און אַן אויסגעהונגערטס! — האָט עפּעס שטיל־שטיל געפֿליסטערט אין טיף פֿון מײַן נעשאָמע.

— עט, וואָס טראַכט איך דאָ! — האָט אַ געשריי געטאָן די קינדערשע אײַנגעשפּאַרטקײַט, און באַלד טאַקע האָב איך דעם קליינעם שיינעם פֿייגעלע אַראָפּגעדרייט דאָס קעפּל. עס האָט איין מאָל צי צוויי מאָל אַ ציטער געטאָן מיט זײַנע דינינקע פֿיסלעך, פֿון העלדזל זײַנען אַרויסגעשווומען צוויי צי דרײַ טראָפּנדלעך בלוט, און דאָס קליינע שיינע פֿייגעלע איז ניט געוואָרן. אין מײַן דלאָניע איז געלעגן אַ קאַלטער טויטער קערפּער.

און מיטאַמאָל איז פֿאַרשוווּנדן מײַן גאַנצע אײַנגעשפּאַרטקײַט, מײַן פֿאַרייסערישקײַט, מײַן זעלבסטליבע. איך האָב קלאָר דערפֿילט, אַז כ׳האָב אָפּגעטאָן עפּעס אַן אומזיניקע, מיִעסע זאַך, אַז כ׳בין דערגאַנגען ביז אַכזאָריעסדיקער מערדערײַ, אַז כ׳האָב אַרופֿגעוואַלגערט אַף זיך אַ שולד, וועלכע כ׳וועל קיינמאָל ניט אויסקויפֿן און ניט אויסבעטן. כ׳האָב דאָך אָן אַ ציל פֿאַרמאָרדעט אַזאַ שיין, אומשולדיק לעבן! אָט דאָ אַף דער פֿרײַער וועלט, אַנטקעגן דער קלאָרער וואַרעמער פֿרילינגדיקער זון האָב איך אַרויסגעגעבן און אויסגעפֿילט אַ מיט־גאָרניט מאָטיווירטן טויט־אורטייל. איצט האָב איך זייער קלאָר און דײַטלעך געפֿילט, אַז דער מאָרד איז געווען אינגאַנצן אָן אַ זין.

איך וועל דאָך דאָס אָרעמע קערפּערל ניט קאָנען ניט אָפּפּליקן און ניט עסן. ניין, כ'האָב ניט געהאַט קיין קויעך אפילע נאָך איין מאָל א קוק טון אף דעם. כ'האָב ארויסגעלאָזט דאָס טויטע פייגעלע פון די הענט און א צעמישטער, א פארשעמטער, אן אופגערעגטער און א דערנידעריקטער בין איך אוועקגעלאָפן ווײַט־ווײַט פון דעם, קעדיי עס ניט זען, קעדיי פארווישן בא זיך יעדן זייכער וועגן דעם. ס'האָט זיך מיר זייער געוואָלט וויינען, נאָר כ'האָב ניט געקאָנט. עפּעס האָט ווי מיט צוואנגען געדריקט מײַן נעשאָמע, און זי האָט ניט געקאָנט אין טרערן אויסגיסן איר ווייטעק. דאָס קליינס שיינס פייגעלע איז געלעגן אין מײַן נעשאָמע, כ'האָב עס אוועקגעטראָגן מיט זיך, און ס'האָט זיך מיר שטענדיק געדאכט, אז עס קוקט אף מיר מיט זײַנע ניט איבערצוגעבן־טרויעריקע אויגן, קוקט מיט א שטילער פארצווייפלטקײַט שאָקלט מיטן קעפּל און שעפּטשעט שטיל־שטיל:

— אך, איך האָב עס געוווסט, אז מײַן פרילינג איז פארפאלן, אז די געפענגעניש וועט שפּעטער זײַן אויך מײַן טויט!

אין דעם וויכן, פילבארן, קינדערשן הארץ האָבן ניט לאנג זיך געהאלטן די דײַגעס. אין צוויי־דרײַ טעג האָב איך שוין פארגעסן וועגן דעם פייגעלע און וועגן זײַן אומגליקלעכן גוירל. פארגעסן, האָט זיך מיר געדאכט, אפּשטענדיק. דער אײַנדרוק פון מײַן פארברעכן האָט זיך אײַנגעלייגט ערגעץ אין א פינצטערן ווינקל פון מײַן נעשאָמע, און ביסלעכווײַז האָבן אים פארשאָטן, פארדעקט און באגראָבן אנדערע אײַנדרוקן, אנדערע זיכרוינעס.

נאָר ער איז פאָרט ניט פארשטאָרבן. ס'זײַנען דורך גאנצע צוואנציק יאָר, און ווען אף מיר האָט זיך אומגעוואלגערט דער ערשטער גרויסער קלאַפּ פון מײַן אומגליקלעכן גוירל, ווען כ'האָב א יונגער מיט א הארץ פול מיט דאָרשט און ווילן צו לעבן און ליבן, אין א זעלטענעם זומער געוויאגעט אין טפיסע און געמוזט פילן, ווי עס ברעכן זיך אלע מײַנע טרוימען, ווי אומבארעכמאָנעסדיק איז צעטאָלאָטשעט, צעטאָפּטשעט, אָן ציל און געדאנק פארניכטעט און צערויִנירט געוואָרן אלץ, וואָס כ'האָב גערעכנט פאר דעם טײַערסטן אויצער פון מײַן נעשאָמע, דעמלט, אינמיטן א שלאָפלאָזער, אומרויִקער נאכט, איז פאר מיר דערשינען יענץ קליינינק שיינס פייגעלע. זײַנע טרויעריקע אייגעלעך, פול מיט שטילער פארצווייפלונג, האָבן א שטאָך געטאָן אין מײַן הארצן. ס'האָבן א שעפּטשע געטאָן זײַנע פאמעלעכדיקע באוועגונגען און די עלנטע שרעקלעכע ווערטער:

— אך, מײַן פרילינג איז פארפאלן! איך בין אין געפענגעניש! איך ווייס שוין, איך ווייס שוין, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

און פון דענסטמאָל אָן קאָן איך ניט פּאָטער ווערן פון יענער דערמאנונג. זי פארגיפטיקט מיר יעדער רעגע פון גליק, צעקלאַפּט מײַן קויעך, מײַן מוטיקײַט בײַס אן אומגליק. זי מוטשעט מײַן באוווסטזײַן מיט געוויסנביסן, און עס דאכט זיך מיר, אז אלץ דאָס שלעכטע, אומזיניקע, אכזאָריעסדיקע און

מיִעסע, וואָס כ'האָב ווענ געמאכט אפ מײַנ לעבנ, האָט זיכ אויסגעקריסטאַליזירט אינ א קאָנקרעטנ בילד פונ אָט דעמ קלײנעמ אומשולדיקנ פארמאָרדעטנ פייגעלע, קעדיי מיכ מער מאטערנ אונ מוטשענ. אינ שטילע נעכט הער איכ, ווי יענצ פײגעלע קלאפט שטיל־שטיל מיטנ פיסקל אינ דער שויב, אונ איכ כאפ זיכ אופ פונ שלאָפ. אונ אינ רעגעס פונ אומרו אונ פארצווייפלונג — ווענ דער צאָרנדיקער ווייטעק לאָזט ארײַנ זײַנע נעגל אינ מײַנ הארצ אונ דראָט, אז אָט וועט ער צעברעכנ די קראפט פונ מײַנ ווילנ — דאנ דאכט זיכ מיר, אז איכ אליינ בינ יענצ קלײנינק, אָנמעכטיק, הונגעריק פייגעלע. איכ פיל, אז עפעס אנ אײַנגעשפארטע אומזיניקע אונ אומפארשטענדלעכע קראפט האלט מיכ אינ פויסט, באווײַזט מיר די גיט־באגרײַפלעכע בילדער פונ פרײַהײַט אונ גליק, אונ אז עפשער אינ דער נאָענטסטער רעגע אָנ א סיבע, אָנ א ציל וועט זי מיר אָפדרייענ דעמ קאָפ.

# ד ע ר  ש יי פ ע ר

הונדערט מעטער אונטער דער ערד, אינ דער טיפ פונ דער צענמעטערדיקער שטאָלניע אינ דער דערשטיקעניש און אינ דעם נאַפט־געדוכ ארבעט אנ ארבעטער. א קלאפ נאָכ א קלאפ דערלאנגט ער דעם שלאמיקנ ליאָס מיטנ דזיובאק אונ רײַסט פונעמ ליאָס שטיקער. אָבער דער ליאָס איז הארט אונ קארג, נאָר קליינע שטיקלעכ לאָזט ער אָפרײַסנ פונ זײַנ לײַב... ער הודעט טויב אונ קרעכצט אונטער די קלעפ פונעמ דזיובאק, ווי ער וואָלט געוויינט אָדער עמעצנ געשראָקנ. עס באשלאָגט אימ א שטיקנדיקער שוויס, אָבער ער גיט זיכ ניט אונטער: אײַנגעשפארט האלט צר באהאלטנ זײַנע סוידעסדיקע אויצרעס. דער ארבעטער, א געזונטער באָכער, וואָס איז ניט לאנג געקומענ פונ די בערג קיינ באָריסלאוו, הייבט אָנ זיכ בייזערנ.

— ה־הע!—גיט ער צו, אונ מיט אלע קויכעס קלאפט ער אינ א גריבל, וווהינ ער האָט שוינ דרײַ מאָל געקלאפט אונ ניט געקאָנט אָפרײַסנ קיינ שטיקל.—ביזוואנעו ווּעסטו שטיינ? לאָז אָפ!

און ער האָט מיט אלע קויכעס א דריי געטאָנ אינ גריבל מיטנ דזיובאק, קעדיי צו אָפקאלופענ די שטיק. די שטיק האָט סאָפקאָלסאָפ זיכ אונטערגעגעבנ. ער האָט גענומענ זי מיט ביידע הענט אונ זי ארײַנגעוואָרפנ אינ קיבעל [1].

— א, הונט איינער! גיי אפ דער ליכט! פארזוכ א ביסל די זונ!—האָט ער צוגעגעבנ.—האָ־האָ, נעבעכ איינער! איכ שפאס ניט, מיט מיר הייב זיכ ניט אָנ, איכ קאָנ דערלאנגענ ניט אזא ווי דו! דו ווייסט ניט, וואָס עס הייסט זיבנ הונדערט שעפסנ? דאָס איז דיר ניט קיינ פאָר שטיקלעכ ערד, אונ אויכ מיט זיי האָב איכ זיכ געקאָנט אײַנראָמענ.

און ער נעמט דעמ פולנ קיבעל פארנ אויער, טראָגט אימ אָפ צו דער שאכטע, בינדט אימ צו צו דער לינווע אונ קלינגט אָנ, מע זאָל שלעפנ, אונ אליינ קערט ער זיכ אומ מיטנ ליידיקנ קיבעל צוריק אינ שטאָלניע אונ נעמט זיכ ווײַטער דזיובענ די ערד. די געדאנקענ זײַנע לויפנ דאָרט ערגעצ אינ פעלד נאָכ די שעפסנ, אונ קעדיי צעשטרײַענ אונ צעזייענ דעמ אומעט אונ די פינצטערניש, קוויקט ער זיכ מיט די געדאנקענ, רעדט וועגנ זיי מיטנ דזיובאק,

---

[1] קיבעל — א בלעכענער עמער.

מיטן לײדיקן קיבעל און מיט דער האק — ווײַל דאָס זײַנען אלע זײַנע כאַ־ווײרים דאָ, אין דעם טיפן אָפּגרונט.

— דו מײנסט, נעבעך, אז דאָס איז א גרינגע ארבעט זיבן הונדערט שעפּסן? יעדע לעבט דאָך, יעדע האָט איר סײכל, ניט קײן גרויסן סײכל, פארשטענדלעך, א שטומע בריִע. ווען זײ קומען אין פעלד אָדער אין וואלד, צעלויפן זײ זיך ניט אײנע אהער, אײנע אהין, ווי די הערנער־פּי, נאָר זײ האלטן זיך אין א קופּקע... ה־הע!

און דער בער, דער מערדער, ווארט נאָר אף דעם. אָ, ער האָט אויך סײכל, און נאָך אוועלכן! ניט אומזיסט הײסט ער פּאן קולאקאָווסקי! ער זיצט זיך אונטער א קלאָץ און ווארט, ביז די גאנצע טשערעדע וועט ניט ארײַנגײן צווישן די אָנגעוואלגערטע קלעצער, און דעמלט א שפּרונג, און האָט זײ אלעמען, ווי אין א שטאל. און ער דישעט זײ אלע אויס. און זײ, אָרעמע, מעקען אפילע ניט, שלאָגן זיך צונויף אין א קוטשקע און ווארטן שטיל אפן טויט... ה־הע!

א שטעקן אין האנט, די ביקס איבערן אקסל, דאָס פּײַפל אונטערן גארטל — אזוי, נעבעך, גײ איך. מיר יעדן פרימאָרגן נאָך די שעפּסן. דרײַ הינט, אײ־נער פאר דער טשערעדע, צווײ בא די זײַטן, און איך פונהינטן. גײ איך מיר אזוי און שטעל זיך אָפּ. די שעפּסן, ווי א פּאסיקע, האָבן זיך צעשאָטן איבערן גרינעם פעלד. א שווארצע קופּקע, א ווײַסע קופּקע, א שווארצע קופּ־קע, א ווײַסע קופּקע. דאָ א ציפּ א גרעזל, דאָרט א ציפּ, און ווײַטער און ווײַטער. עס פּאסעט זיך ניט, ווי א הערנער־פּי, נאָר עס טשיפּעט, ווי א קינד, ווי עס וואָלט זיך שפּילן, ווי עס אײַלט זיך ערגעצווו. און פונפאָרנט די בארانען, די קאָמענדאנטן. די טשערעדע דארף מען ניט קערעווען, נאָר זײ. א ביר־ביר! א דריא־או!

די שײפּערישע געשרײען הילכן אין דער פינצטערער שטאָלניע, מישן זיך צונויף מיט די טויבע קלעפּ פונעם דזיובעק.

— שײן איז דאָרט בא אונדז אין די בערג, אף די לאָנקעס, אוי, שײן! דעליקאט! ניט אזויווי דאָ בא אײַך, דער רועך זאָל אײַך...

ער האָט געוואָלט פארשעלטן, אָבער ער האָט זיך א קלאפּ געטאָן מיט דער דאָלאָניע איבערן מויל. זײַן נעשאָמע איז איצט געווען אין דער אטמאָספער פון פּאָעזיע, צווישן דער לעבעדיקער נאטור, דער פילבארער און דער זעעור־דיקער, און ער האָט מוירע געהאט באלײדיקן זי, ווײַל ער איז געווען בא איר אין די הענט.

— ס'איז שײן בא אונדז! אוי, ווי שײן! כ'האָב גענוג געארבעט בא יע־נעם, גענוג געבידעוועט, אף פרעמדע געארבעט, פונדעסטוועגן איז קעדײַ צו דערמאנען זיך. גײסט ארויס אף דער בארג־לאָנקע — ארום איז גרין, נאָר די האָלאָוואטניעס [1]) טוליען צו דר'ערד זײערע ווײַסע קעפּלעך, ווי ציקאווע אויגן

1) האָלאָוואטניע — א מין בארג־בלום.

וואָלטן ארויסגעקוקט פון גראָז און מאָכ. ס'איז קאַלט, עס בלאָזט א ווינט. דו אָטעמסט מיט דער פולער ברוסט. אלצ ארום שמעקט. אלצ ארום אָטעמט אפ דיר מיט געזונט און קראַפט. דער וואַלד גאַרטלט ארום די לאָנקע פונהינטן, ווי א שוואַרצע וואַנט. און איבער דיר הייבט זיך אופ דער קײַלעכיקער שפּיצבאַרג. ארום איז שטיל, עס הערט זיך נאָר א שאָרכ פון שעפּסן, וואָס פּאַשען זיך אין פּאַפּאָראָט. א הונט גיט ווען־ניט־ווען א ביל, דער גרינער פּיקהאָלצ הייבט אָן קלאַפּן אין וואַלד, אָדער א וועווערקע טוט א געשריי. און איך גיי זיך פּאַמעלעכ, שטעל זיך אָפּ, נעם ארויס דאָס פּײַפעלע פון הינטערן גאַרטל און איך גיב עס א שפּיל, און איך גיב עס א טראַכט, אזש דאָס האַרצ שפּרינגט אונטער אין ברוסט, אָדער טרערן שטעלן זיך אין די אויגן. ה־הע! ריר זיך נאָר! לאָז אָפּ! ה־הע!

א קלינג פון אויבן. עס איז געקומען א ליידיקער קיבעל. דער אַרבעטער נעמט זײַן פולן קיבעל, טראָגט ארויס צו דער שאַכטע און שיקט אים ארופ. און אליינ קערט ער זיך אום מיטן ליידיקן. ער קערט זיך אום קריגעריש געשטימט, ווײַל ער איז שוין הונגעריק. צאָרנדיק קלאַפּט ער מיטן דזיובאַק, קלאַפּט אָפּ גרויסע שטיקער ליים — אין די געדאַנקען שלאָגט ער זיך מיט א בער.

— האָ־האָ! הער נאָר, פּעטער, אזוי טויג עס ניט! איינ שאָפּ איז נאָכ ווי גאָרניט, אָבער הײַנט שעכטסטו איינע, מאָרגן צוויי און איבערמאָרגן וועסטו מיר אויסדישען א האַלבע טשערעדע. ניינ, פּעטער, אזוי האָבן מיר זיך ניט צונויפגערעדט! דו מיינסט עפּשער, אז די ביקס טראָג איך נאָר, קעדיי שרעקן עמעצן? האַ־האַ! איך וועל שוין פּאַטערן א נאַכט, איך וועל זיך שוין דערוואַרטן אפּ דיר אין יענעם וויוווערט *). מיר איז אלציינס: טויט אָדער לעבני אָבער מיט דיר מוז איך זיך צערעכענען!

א פּאָר מאָל האָט ער א קלאַפּ געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. ער רוט אָפּ, אָנגעשפּאַרט אפּן הענטל פון דזיובאַק.

— א בער א גאַזלען! דרײַ נעכט האָט ער מיכ געמוטשעט! ער האָט, ווײַזט אויס, דערשמעקט מיט דער נאָז א יעדיע און איז ניט געקומען. אָבער ניט מיכ נאַרט מען: אויב איך האָב זיך אונטערגענומען, וועל איך שוין ניט דורכלאָזן. אפּ דער פערטער נאַכט איז ער טאַקע געקומען. ס'איז פינצטער, כאָטש אן אויג נעם ארויס. דער ווינט קרעכצט אין די שפּיצן פון די פיכטעס, דער שטראָם רוישט פון אונטן. און איך האָב זיך צונויפגעקאָרטשעט צווישן די וואָרצלען פון גרויסן אומגעוואַלגערטן בוים. די ביקס באַם אויג. איך זיצ און וואַרט און הער זיך צו. איך הער, אז ער גייט שוין, איך פיל אז ער אַרפּ דורכגיין לעבן מיר. זיצ איך און האַלט אײַן דעם אָטעם. כרוס־כרוס שוין נאָענט. איך טאַראַשטשע אויס די אויגן — ער רוקט זיך, מײַן בער, ווי א קאָפּיצע היי, די מאָרדע אופגעהויבן ארופ, פּאַמעלעכ, פּאָרזיכטיק. די

*) וויוווערט — אן אָרט אין וואַלד, ווו עס ליגן קלעצער צעזעגענע אפּצווייען.

אויגן שפּרינגען שיר באַ מיר פון קאָפּ ניט אַרויס, אַזוי קוק איך זיך איַין, קעדיי צו צילען אים גלייַך אונטער דער לינקער לאָפּעטקע. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ, דעם קאָפּ אַפּ אַ זייַט, אַ פּורקע געטאָן — ער דערשמעקט עפּעס, ער קערעוועט זיך אויס, קעדיי צו אַנטלויפן, און אין דער רעגע — בוך־בוך! פוןביידע רערן. דער בער האָט קיין זיפץ ניט געטאָן, ווי פון אַ דונער, איז ער געפאַלן אַפּ דער ערד. ער איז אָבער נאָר איין רעגע אַזוי געלעגן, דערנאָך האָט ער אַ ברום געטאָן, זיך אויפגעשטעלט אַפּ די הינטערשטע פיס און זיך געלאָזט גלייַך אַפּ מיר. ווייַזט אויס, כ'האָב אים ניט געטראָפן אין סאַמע האַרץ. איך זיץ שוין און ריר זיך ניט — ס'איז ניטאָ וווּהין צו אַנטלויפן, ניטאָ קיין צייַט אָנלאָדן די ביקס. „נו, טראַכט איך מיר, אויב כ'האָב שלעכט געטראָפן, נאָר אים אַ דראַפּע געטאָן, איז שוין נאָך מיר. אַזאַ גורל האָב איך שוין. איינמאָל האָט מיך די מוטער געבוירן...“ אָבער ביז עפּעס וואָס האָב איך נאָך אַ האַק אין גאַרטל. כ'האָב אַ שפּיַי געטאָן אין די הענט, געכאַפּט די האַק, זיך איבערגעציילעמט, זיך פעסט געשטעלט מיט די פיס אַפּ צוויי וואָרצלען, מיטן אַקסל זיך אָנגעשפּאַרט אין די צונויפגעפלאָכטענע וואָרצלען פון דעם אומגעפאַלענעם בוים, וואָס זייַנען געשטאַנען, ווי אַ וואַנט, צונויפגעקלעמט די ציין, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, קעדיי בעסער צו זען, און וואַרט אַפּ דעם בער. אָט־אָט איז ער שוין, ער כאַפּט זיך מיט די לאַפּעס פאַר די וואָרצלען, שמעקט און ברומט, ברומט, אַזויווי אַ צעקאַסטער שיקאָרניק, וואָס קאָן קיין גלייַך וואָרט ניט זאָגן. ער פילט נאָר, אַז ער איז אין קאַס, ברומט ער און רייַסט זיך פאָרויס. אָט האָט ער דערשמעקט מייַן פוס און דערלאַנגט זי מיט דער לאַפּע, ווי ער וואָלט מיך מיט קראָפּיווע אָפּגעבריט, ניט שטאַרקער. אָבער אין דער רעגע האָט זיך מייַן האַק, אַזש ביזן אָבוך, אַרייַנגעהאַקט אין דעם בערס קאָפּ, זי צעשמעטערט ביזן גרונט. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קרעכץ געטאָן — אַזוי שווער, אַזוי יאָמערדיק, ווי אַ זינדיקע נעשאָמע אין גענעם, און איז אַנידערגעפאַלן, פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש, אין דער גרוב אונטערן קאָרטש. איך האָב די האַק ניט באַוויזן אַרויסצושלעפן, מיט איר האָט ער זיך טאַקע אַראָפּגעקאַטשעט. און דעמלט שפּרינג איך אַרויס פון אונטערן קאָרטש און דורך דער געדיכטעניש אַרופ אַפּ דער באַרג־סטעזשקע, און מיטן וואַלד, און אַפּ דער לאָנקע, און לענגויס דעם יאַר, דורכן סאַסע וואַלד. אין איין אָטעם בין איך שוין געווען אַפּ דער לאָנקע, נעבן דעם פּאַסטעך־הייַזל. כ'האָב אַ קלאַפּ געטאָן. „דאָס ביסטו, פאַנקע?“ פרעגט דער באַץ *) פון איבעווייניק. „איך, איך, עפנט.“ איז ער אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדן דעם לאַמטערן און אָפּגעשלאָסן. „נו, וואָס?“ „גאָרניט,“ זאָג איך. „געווען דער בער?“ „יאָ, געווען.“ „און איז אַוועק?“ „ניין, ניט אַוועק“ „וווּ־זשע איז ער?“ „ער ליגט“. „וואָס זאָג...“ דער באַץ האָט ניט דערעדט. „אוי, ליבינקער, וואָס איז באַ דיר אַפּ דער פוס?“ האָט ער אויסגעשריגן, אַפּ דער פוס?“ איך האָב אַליין ניט

*) באַץ — דער סטאַרשינאַ פון די שייפּערס.

געוווּסט, וואָס איז בא מיר אפ דער פוס. ערשט איצט האָב איכ א קוק געטאָן אונ דערזען, אז די גאנצע פוס איז אינ בלוט אונ די טרעט מייַנע זייַנען מיט בלוט פארגאָסנ. איינ מאָל, נאָר איינ מאָל האָט דער בער מיטנ נאָגל מיכ א טאפ געטאָן אונ דורכגעריסנ די אָנוטשע אונ די פוס אוזש ביזנ ביינ! אז האָט צעוויקלט די פוס, בינ איכ פארכאלעשט געוואָרנ — אסאכ בלוט איז ארויסגערונענ. אָבער דער באצ, א דאנק אים, האָט געקאָנט פארשפרעכנ, ער האָט אָפגעשטעלט דאָס בלוט, צוגעלייגט עפעס א שמירעכצ. אונ אינ א וואָכ רום בינ איכ געווענ געזונט. אונ דעמ בער האָט מענ אפ מאָרגנ געפונענ א טויטנ מיט מייַנ האק אינ קאָפ...

ווידער א קלוגנ. דער ארבעטער רוקט ווייַטער א פולנ קיבעל מיט ערד צו דער שאכטע אונ ברענגט א נייַעמ, אונ גראָבנדיק רעדט ער ווייַטער מיט זיכ. ער פילט אָנ דעמ שטומענ אונטערערד ניט נאָר מיט דעמ קלאפנ פונעמ דזיובאק, נאָר אויכ מיטנ רויש פונ זייַנע ווערטער, מיט דער פאָעזיע פונ זייַנע וועלדער אונ לאָנקעס. אונ אזויווי ער ווערט מיט דער צייַט שוואכער פונ הונגער אונ שטיקעניש, ווערנ זייַנע געדאנקענ אלצ טרויעריקער אונ טרויעריקער. ער דערמאָנט זיכ אינ דעמ שווערנ ווינטער־לעבנ פונ א שייפער, וועגנ דעמ האָבער־קאָרזש, וועגנ דער בולבע אונ דער פיסנער לעמעשקע, וואָס ווינטער־צייַט זייַנענ זיי דאָס איינציקע געריכט זייַנס, וועגנ דער בודנער דרעש־צייַט, וועגנ דעמ נאָכ מער גודנעמ ליידיקגייערשאפט אינ דעמ גרויסנ פאָסט, וועגנ דער שווערער צייַט פאר שניט, וועגנ קרענק אונ קריגערייַענ איבער א שטיקל ברויט, אָדער איבער א ניטדערבראָטענער קארטאָפליע. ער דערמאָנט זיכ אינ דעמ, אז די שעפסנ־צוכט פאלט, ווייַל מ'האָט אויסגעקויפט די לאָנקעס, אונ עס לוינט בעסער פאשענ אָקסנ, איידער שעפסנ. אונ בא די אָקסנ איז שוינ ניט די דינסט, ווי בא די שעפסנ. אָ, דאָ איז א שווערע, א שלעכטע ארבעט! דאָ וועסטו שוינ ניט עסנ קיינ שעפסענע סיראָוועטקע, ניט קיינ שעפסענעמ קעז, ניט קיינ ברינזע, ניט קיינ קוליש פונ שעפסנ־פוטער. לעב, ווי א הונט, אונ היט, ווי א הונט... האָט ער טאקע אינגיכנ געוואָרפנ זייַנ ארבעט, געפאָלגט איינעמ, וואָס האָט אימ געייצעט גיינ קיינ באָריסלאוו פארדינענ געלט אונ דינגענ ערד (מיט געלט נעמט מענ איצט אומעטומ צו) אונ באלעבאטעווענ. ער האָט אפילע דערמאָנט דאָס לידל, וואָס יענער כאווער האָט אימ אויסגעלערנט:

כ'וועל אוועק אינ באָריסלאווקע,  
געלט וועל איכ פארדינענ.  
כ'קומ צוריק פונ באָריסלאווקע,  
וועל איכ ערד זיכ דינגענ.

ער האָט געפרוווט א זינג טונ דאָס לידל מיט זייַנ געזונטער שייפערישער שטימ, אָבער ניינ, עס גייט עפעס ניט, וואָס־וואָס, נאָר געזאנג אינ שטאָלניע הונדערט מעטער אונטער דער ערד גיט זיכ ניט איינ.

און פארצאָרנט קלאַפּט ער וויַטער די ערד. ער הייבט אָן האסן אָט די טונקלע, שווערע, אָנגעבראכמאָנעס־הארטע ערד, וואָס גיט זיך איַינגעשפּארט ניט אונטער זיַין דזיובאק.

— הארט ביסטו, מייַן הייליקע, — זאָגט ער, — און ווער ווייסט, צי ביסטו א הייליקע צו ניין?

ער שטעלט זיך אָפּ און הייבט אָן באטראכטן די פראגע, ווי ס'וואָלט זיַין עפּעס א וויכטיקס.

— אפשרעמעסן, צי איז זי הייליק אָט דאָ? דאָרט פון אויבן איז דאָס געוויס אזוי — אָבער דאָ? פונזינט די וועלט איז אנטשטאנען, איז געוויס אהער קיין טראָפּן הייליקע וואסער ניט דערגאנגען, ניט אומזיסט איז דאָ אזא גערוך, ס'איז געוויס ניט פון קיין הייליקן, נאָר פון א פארשאָלטענעם. און אין אזא אָרטשטופּט זיך דער מענטש, נעמט אָפּ די אויצרעס פון דעם ניט־גוטן. צי דען קאָן דאָס ־ברענגען גוטס? אוי, ניין, ליבינקע, ניין! ניט צו גוטס וועט עס ברענגען! און דער כאוועד, וואָס האָט מיך אהער געשיקט, איז דען ניט אומגעקומען פונקט אין אזאמין שטאָלניע? עס האָט אים פארשאָטן, דערשטיקט, מ'האָט אפילע זיַין קערפּער ניט געפונען... אוי, אוי!..

און ער הייבט אָן נאָך פארביסענער קלאַפּן. לויטן בורטשען אין בויך פילט ער, אז גיך איז שוין די צייַט פון ווארמעס, און ער ווארט אפּ דעם גלאָק, אפּ דער מינוט, ווען מע הייסט אים ארויסקריכן ארויף. און אין דער צייַט ארבעט אָן אופהער זיַין פאָרשטעלונג, צעוויקלט פאר אים אלץ נייַע געשטאלטן, טייַערע, שטילע און לויטערע בילדער פון לאָנקעס, פון וועלדער, פון דער שעפּסן־סטאדע און פון אלע פּאָשעטע פאסירונגען פון דעם שייפערישן לעבן. אריַינגעוואָרפן דורכן גורל אין דער טיפער אונטערערדישער שטאָלניע, פילט ער אליין, אז די פריַערדיקע טעג זיַינען אוועק אפּ אייביק, אז זיַין וועג האָט פארקערעוועט אין אן אנדער זייַט, אז ער איז פון אמאָליקן פּאסטוכאר־כאלן לעבן איבערגעגאנגען צו אן אנדערן, וואָס זיַינען זיידעס און עלטערזיידעס האָבן עס ניט געוווּסט. פון אָנהייב איז עס שרעקלעך און וווּנדערלעך, אָבער אין אסאך הינזיכטן איז עס בעסער, פרייַער און ברייטער פון דעם פריַער־דיקן. אָבער דאָס פריַערדיקע לעבט אין זיַינע זיכרוינעס, פון דעם אלטן לעבן איז געבליבן אזויפיל, וויפל עס איז נייטיק, קעדיי מיט א פּאָעטישן צויבער צו פארפילן און באלעבן די פינצטערקייַט און דעם אומעט פון דעם נייַעם לעבן. אזוי גייט ניט איין מאָל די זון אריַין הינטער א כמארע, און פון דער גאנצער פרעכטיקייַט פון זומער־טאָג, פון דער גאנצער רייַכקייַט פון שיַין און פון קאָלירן בלייַבט נאָר אזויפיל, קעדיי באגיסן מיט א גאָלדענעם גלאנץ די ראנדן פון די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אפּ דעם זון־פארגאנג...

# דער האָז און דער שטעכלער

(א מעשׂהלע)

ס'איז געווען א ליכטיקער זונטיק שוין צו הארבסט־צו, ווען די גרי־קעס האָבן זיך צעבליט. די זון איז הויך געשטאַנען אין לויטערן הימל, פייגעלעך האָבן געזונגען הויך־הויך אין דער לופט, בינען האָבן געזשומעט אין די בליטן פון דער גריקע, און פויערים אין יאָנטעוודיקע קליידער זײַנען געגאַנגען אין קלויסטער. פון צײַט צו צײַט האָט א וואַרעם ווינטל פון פעלד צו פעלד זיך אריבערגעכאַפּט און אין די ארומיקע קוסטעס זיך באַהאַלטן. אַלץ, וואָס לעבט, איז געווען צופרידן מיטן ליבן שיינעם טאָג, און דער שטעכלער אויך.

ער איז זיך געשטאַנען פאַר דער טיר פון זײַן נאָרע, די הענט פאַרלייגט אין גאַרטל, און זיך שטיל א לידל געמורמלט.

האָט ער זיך אזוי געמורמלט און א טראַכט געטאָן:

— ביז מײַן ווײַב וואַשט דאָרט די קינדערלעך און טוט זיי אָן פרישע העמדעלעך, לאָמיך זיך א ביסל דורכגיין און כאַפּן א קוק אָף מײַנע בורעקעס, צי זײַנען זיי שוין אויסגעוואַקסן.

די בורעקעס זײַנען געוואַקסן ניט ווײַט פון זײַן שטיבעלע. דער שטעכ־לער האָט זיי געגעסן, וויפל ער האָט באַדאַרפט פאַר זײַן געזינדל, און דער־פאַר פלעג ער טאָמער זאָגן אָף זיי „מײַנע בורעקעס".

ער האָט שטיל פארמאַכט נאָך זיך די טיר און זיך אוועקגעשלעפּט מיט דער סטעזשקע אין פעלד ארײַן.

ניט ווײַט אָפּגעגאַנגען, האָט ער געוואָלט פאַרקערעווען און גלײַך אוועק־גיין צו די בורעקעס, קומט אים אָן א האָז אנטקעגן.

דער האָז איז אויך ארויס שפּאַצירן און דערבײַ געוואָרע ווערן, וואָס מאַכט עפּעס זײַן קרויט.

ווען דער שטעכלער האָט דערזען דעם האָז, האָט ער זיך אים א נויג געטאָן און אים א גוטמאָרגן אָפּגעגעבן. דער האָז אָבער איז געווען בא זיך א גרויסער פּאָרעץ און א שטיק גאַדלען, האָט ער דעם שטעכלער אפילו נויג ניט געענט־פערט. ער האָט א קוק געטאָן אָף אים פון אויבן אראָפּ און זיך אָנגערופן:

— אָ־אָ, אזוי פרי שלעפּסטו זיך שוין ארום איבערן פעלד!

— איך גיי זיך דורך א ביסל, — האָט געזאָגט דער שטעכלער.

— דו גייסט זיך דורך? — האָט דער האָז זיך הילכיק צעלאַכט, — און מיר דאַכט זיך, אַז פאַר דײַנע פיס וואָלט בעסער געווען, זיי זאָלן ליגן, אײדער אַזוי פּרי אַרומצוקריכן.

אָט דאָס אָפּלאַכן האָט זייער טיף באַרירט דעם שטעכלער. אַלצדינג קאָן ער מוחל זײַן, נאָר לאַכן פֿון זײַנע פיס, קאָן ער קיינמאָל ניט דערלאָזן, ווײַל ער האָט טאַקע, צווישן אונדז רעדנדיק, קרומע פיסלעך.

— דו מיינסט, ווײַזט אויס, — האָט דער שטעכלער אָפּגעענטפערט דעם האָז, אַז מיט דײַנע לאַנגע פיסלעך וועסטו מיר עפּעס דערווײַזן?

— איך מיין אַוודאי, — האָט דער האָז מיט א שמייכל געענטפערט.

— אַנו, לאָמיר מאַכן א פּרווו, — האָט דער שטעכלער מיט היץ אויסגעשריגן, — לאָמיר זיך וועטן: וועסט זען, צי כ'וועל דיר ניט איבעריאָגן.

— אוי, א לײַטיש געלעכטער! דו מיט דײַנע קרומע פיסלעך ווילסט מיך איבעריאָגן? — האָט דער האָז געלאַכט. — פֿונמײַנעטוועגן לאָמיר פּרוּוון, אויב עס גלוסט זיך דיר אַזוי! אַף וואָס וועלן מיר זיך וועטן?

— אַף א רענדל און א בוטל ווײַן.

— גוט, ווײַז אהער די האַנט, און געגומען לויפן.

— נו־נו, כאַפּן זיך האָבן מיר ניט וואָס, — האָט דער שטעכלער געענטפערט. — איך בין נאָך אַפּן ניכטערן האַרצן! איך מוז פֿריִער גיין אהיים און עפּעס איבערבײַסן. אין א האַלבער שאָ אַרום וועל איך זיך אהער אומקערן.

דער האָז האָט גאָרנישט ניט געהאַט קעגן דעם: אים אַליין האָט זיך געגלוסט א ביסל א כראָמקע פֿון די פרישע קרויט. האָט דער שטעכלער זיך דערווײַל אַוועקגעלאָזט אהיים.

— וואָרט־זשע האָזעלע, — האָט ער אינמיטן וועג געטראַכט, — דו פאַרלאָזסט זיך אַף דײַנע לאַנגע פיס, אָבער איך וועל דיר שוין באַווײַזן! עמעס, דו ביסט טאַקע א גרויסער פּאָרעצ. נאָר סייכל האָסטו ווייניק: א קעפּעלע, ווי אַן עפּעלע. וועסטו באַצאָלן פאַרן געווען, אַז ס'וועט גיין א רויך!

און דער שטעכלער איז געקומען אהיים און געזאָגט צו זײַן ווײַב:

— נו, מײַן ווײַב, קלויב זיך אין וועג, מיר וועלן גיין אין פעלד אַרײַן.

— וואָס האָב איך דאַרט צו טון אין פעלד? — האָט זי אים א פרעג געטאָן.

— פאַרשטייסטו, כ'האָב זיך מיטן האָז געוועט, ווער וועמען וועט איבעריאָגן: ווער ס'וועט פאַרשפּילן, דער באַצאָלט א רענדל מיט א בוטל ווײַן.

— וואָס, דו ביסט פֿון זינען אַראָפּ? ווילסט איבעריאָגן דעם האָז?

— אַוודאי וויל איך! און דו מוזסט מיר העלפן, — זאָגט ער צו איר.

די שטעכלערן האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דער שטעכלער האָט זיך אָנגערופן:

— מאַך ניט קיין טײַנעס, מײַן ווײַב, איך וועל דיר שוין זאָגן, וואָס צו טון. טראַכט נישט קיין סאַך. און קום אין פעלד אַרײַן.

וואָס האָט זי געקאָנט טון? זי האָט זיך אפגיך אָפּגעפּאָרעט און איז מיטן מאַן אוועק אינס פעלד.

— הער נאָר, מײַן ווײַב, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן. זעסט דאָרטן דאָס קאָרן־פעלד? דאָרט דארפן מיר לויפן. דער האָז וועט לויפן אין איין בייט, און איך אין דער צווייטער. אָנ־אָן פון יענעם בארג וועלן מיר אָנהייבן לויפן. שטעל־זשע זיך דאָרט אין דער בייט, און אז דער האָז וועט קומען צו לויפן, הייב אוף דעם קאָפּ און שרײַ אויס:

— איך בין שוין דאָ!

אזוי זײַנען זיי אָנגעקומען צום באשטימטן אָרט. דער שטעכלער האָט אוועקגעשטעלט זײַן ווײַב אפ איר אָרט, און אליין איז ער אוועקגעגאנגען מיט דער בייט צום בארג. ער קומט צו גיין, און דער האָז איז שוין דאָ.

— נו, וואָס, לויפן מיר? — פרעגט דער האָז.

— וואָס דען? — ענטפערט דער שטעכלער.

— נו, איינס, צוויי, דרײַ! — איינער איז געשטאנען אין איין בייט, דער אנדערער אין דער צווייטער, און אז דער האָז האָט א געשריי געטאָן: „דרײַ“, האָט ער זיך אליין, ווי א ווינט, א לאָז געטאָן מיטן קאָרן־פעלד בארג־אראָפּ. דער שטעכלער איז עפּשער דרײַ שפּאן אָפּגעלאָפן, האָט זיך אײַנגעהויקערט און זיך צוריק אומגעקערט אפן אייגענעם אָרט.

און דער האָז איז דערווײַל מיט אלע קויכעס געלאָפן, נאָר ווי ער איז נאָר צוגעלאָפן ביזן עק פעלד, האָט אים דעם שטעכלערס ווײַב פון דער אנ־דערער זײַט א געשריי געטאָן:

— איך בין שוין דאָ!

דער האָז האָט די אויגן אויסגעגלאָצט. ס׳איז אים אפילע אפן געדאנק נישט געקומען, אז דאָס איז נים דער שטעכלער.

— וואָס קאָן דאָס זײַן? — האָט דער האָז אויסגעשריגן. — לאָמיר נאָכאמאָל לויפן ביזן ערשטן צייכן! — און אפילע ניט אָפּגעעטעמט גוט, האָט ער די אויערן אפן רוקן פארלייגט, און ווי א פײַל, א פלי געטאָן מיטן פעלד בארג־ארופּ.

דעם שטעכלערס ווײַב איז זיך רויק געלעגן אפ איר אָרט. אז דער האָז איז צום אנדערן עק פעלד צוגעלאָפן, האָט דער שטעכלער אים אנטקעגן א געשריי געטאָן:

— איך בין שוין דאָ!

דער האָז איז אין קאס געוואָרן.

— וואָס איז דאָס פאר אן אָנשיקעניש? אזא קרום פיסל, ווי דער שטעכ־לער, זאָל מיך איבעריאָגן! און אויסער זיך פון קאס האָט ער אויסגעשריגן:

— נאָכאמאָל לאָמיר לויפן, ביזן אונטערשטן צייכן!

— פון מײַנעטוועגן, — האָט דער שטעכלער געענטפערט, — אפילע צען מאָל: בא מיר איז דאָס א קלייניקייט.

דער האָז איז אװעקגעלאָפֿן, און אונטן האָט ער װידער דערהערט:

— איך בין שױן דאָ!

לױפֿט ער װידער ארױף — װידער דאָס זעלבע. און אזױ איז ער, נעבעך, געלאָפֿן הין און צוריק, און דער שטעכלער האָט אים אלעמאָל אנטקעגן געטראָגן:

— איך בין שױן דאָ!

דער האָז איז געלאָפֿן, געלאָפֿן, אָן קױכעס געבליבן און א טױט־מידער אפֿ דער ערד א װאלגער זיך געטאָן און געבליבן ליגן.

און דער שטעכלער האָט צוגענומען דאָס רענדל מיטן בוטל װײַן, האָט א הוק געטאָן זײַן װײַב און צופֿרידן אהײם אװעק.

און דער האָז איז פֿון דעמלט א לאנגע צײַט קראַנק געלעגן, און זײַן מיש־פּאָכע האָט פֿארזאָגט דעם צענטן מיט קײן שטעכלער מער ניט גײן איַן געװעט.

# דער בער און דאָס מייז׳לעכל

(א מייַסעלע)

גייען זיך איינמאָל דער בער מיטן וואָלף דורכן וואלד שפּאַצירן און דערהערן, ווי ס׳האָט עפּעס א טרילער געטאָן אין די קוסטעס. זייַנען זיי נעענטער צוגעגאַנגען און האָבן דערזען, אז א קליין פייגעלע מיט א פאַריסן עקעלע שפּרינגט ארום פון איין צווייַגעלע אף דעם אנדערן און צוויטשערט זיך...

— וועלפעלע, ברודערל, וואָס פאר א פייגעלע זינגט דאָס אזוי שיין? — האָט דער בער געפרעגט.

— שא, בער, ס׳איז דאָס מייזלעכל [1]! — האָט דער וואָלף אים אייַנגערוימט.

— דאָס מייזלעכל, — האָט דער בער א ברום געטאָן א דערשראָקענער. אויב אזוי, דארף מען זיך בוקן צו אים.

— אוודאי, — זאָגט דער וואָלף, — און ביידע האָבן זיי זיך ביז דער ערד געבוקט פארן מייזלעכל.

און דאָס מייזלעכל קוקט אפילע ניט אף זיי, שפּרינגט זיך פון צווייַג אף צווייַג, צוויטשערט זיך און דרייט מיטן פאַריסענעם עקעלע.

— זעסטו, אזא קליינס און אזא גאדלעסדיקס! — האָט א ברום געטאָן דער בער. — עס טוט אפילע קיין קוק ניט אף אונדז. כ׳וואָלט א באַלן געוועזן, וואָס איז דאָרט בא אים אין פּאַלאַץ פאראן.

— וואָס ס׳איז דאָרט, ווייס איך ניט, — האָט געזאָגט דער וואָלף. — כ׳ווייס אפילע יאָ, ווו זייַן פּאַלאַץ איז, נאָר כ׳האָב ניט אריינגעקוקט אהינצו:

— וואָס איז, אזוי מוירעדיק איז דאָרט?

— ס׳קאָן זייַן.

— נו, טאָ קום, איך מוז א קוק טון! — האָט דער בער געזאָגט. זיי זייַנען אוועקגעגאַנגען און געקומען צום אלטן בוים.

— זעסט דאָרטן די לאָך אין בוים? — האָט דער וואָלף אָנגעוויזן. — דאָס איז דעם מייזלעכלס נעסט.

ווי נאָר דער בער האָט געוואָלט א קוק טון אינעווייניק, גיט אים דער וואָלף א שלעפּ פארן פעלץ.

1) אף לאטייַן — רעגולוס; אף דייַטש — גאָלדהעננכען, צאורקעניג, רוסיש — קאָראָליאָק; אוקראַיניש — קאראָליק; א קליינער שפּאַץ — (שפּערלינג) פון דער מישפּאָכע נאכטיגאלס.

— בערעלע, שטיי!

— וואָס איז אזוינס?

— דו זעסט ניט? דאָס מיילעכל איז געקומען צו פליִען, און אָט איז זײַן מאלקעלע. ס'פאסט ניט צו קוקן, בעשאס זיי זײַנען דאָ.

דער בער מיטן וואָלף זײַנען אָפּגעגאנגען צו די קוסטעס, און דאָס מיילעכל מיט זײַן פרוי זײַנען ארײַן אין זייער הייל אָנהאָדעווען זייערע קינדערלעך.

אָנגעהאָדעוועט — און אוועקגעפלויגן.

איז דער בער צוגעגאנגען צום בוים און האָט א קוק געטאָן אין הייל ארײַן. אין הייל איז געווען, ווי אין א הייל: צעפוילט האָלץ, א ביסל פעדערן אויסגעשפרייט, און אף די פעדערן פינף קליינינקע מיילעכלעך.

— וואָס, אָט דאָס איז דעם מיילעכס פאלאץ? — האָט דער בער אויסגעשריגן. — ס'איז דאָך גאָר א בעטלערישע נאָרע! און אָט די הוילע פּוזעלעך? דאָס זײַנען זיי דעם מיילעכלס קינדער? פע, עפּעס גאָר מיִעסע נעפאשעסלעך.

— אזוי, פאני בער, דו שפּײַסט אף אונדז! וואָס פאר א מיִעסע נעפאשעסלעך זײַנען מיר דיר? מיר זײַנען שיינע לײַטישע קינדער פון שיינע לײַטישע עלטערן. דײַנע ווערטער וועלן דיר טײַער קאָסטן!

דעם בער איז איבערגעגאנגען אזש א פראָסט איבערן לײַב פון אָט דעם געשריי. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן און איז אוועק פונעם נעסט.

ער איז ארײַן אין זײַן נאָרע, זיך אוועקגעזעצט און זיצט.

און די קליינע מיילעכלעך האָבן געשריגן אזוי לאנג, ביז זייער טאטע־מאמע זײַנען געקומען צו פליִען.

— וואָס איז דאָ אזוינס? וואָס איז דאָ געשען? — פרעגן די אלטע און ווילן די קינדער צעטיילן די פליגעלעך און די ווערעמלעך, וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן.

— מיר דארפן ניט קיין פליגעלעך, מיר דארפן ניט קיין ווערעמלעך, מיר וועלן פון הונגער אויסגיין און וועלן ניט עסן גאָרניט, ביז מיר וועלן ניט וויסן, צי זײַנען מיר מיִעסע נעפאשעסלעך, צי שיינע קינדער פון שיינע עלטערן.

— אָבער וואָס איז דאָ מיט אײַך געשען? — פרעגן די אלטע.

— דאָ איז געווען דער בער און האָט אונדז געזידלט און האָט אונדז אין נעסט ארײַן אָנגעשפּיגן!

— טאקע אזוי, עמעס? — האָט א געשריי געטאָן דאָס אלטע מיילעכל, און ניט קלערנדיק לאנג, האָט ער זיך א הויב געטאָן און איז אוועק צום בערס נאָרע.

— דו, אלטער בורמילע! — האָט דאָס מיילעכל אָנגעהויבן, אוועקזעצנדיק זיך אף א צווײַג איבערן בערס קאָפּ, — וואָס טראכסטו זיך? פארוואָס רופסטו עפּעס אָן מײַנע קינדער מיִעסע נעפאשעסלעך און שפּײַסט נאָך אין מײַן נעסט ארײַן? דו וועסט מיר דערפאר טײַער באצאָלן. מאָרגן גאנצפרי רופ איך דיך ארויס אף א מילכאָמע.

וואָס זאָל ער טון דער בער? מילכאָמע — איז מילכאָמע. איז ער אוועק און האָט אלע כײַעס גערופן זיך צו הילף: דעם וואָלף, דעם ווילדן כאזער, דעם פוקס, דעם האָז און אלע, וואָס לויפן ארום אין וואלד אף פיר פיס.

דאָס מיילעכל האָט אויך צונויפגערופן די גאנצע פויגל־וועלט און דעם דרויב פון וואלד; אלע פליגן, ווילדע בינען און קאָמארעס און האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך גרייטן מאָרגן צו דער גרויסער מילכאָמע.

פארנאכט האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן אף אן אסיפע צו באטראכטן, וויאזוי מילכאָמע האלטן מיט די כײַעס.

— הערט, — זאָגט דאָס מיילעכל, — מיר דארפן אײַנעם ארויסשיקן צום סוינעס לאגער פאר אן אויסקוקער; ער דארף זיך דערוויסן, ווער איז בא זיי גענעראל און וואָסערע קריגס־צייכנס מאכן זיי זיך.

אן אייצע אהער, אן אייצע אהין — מ׳האָט ארויסגעשיקט דעם קאָמאר, ווײַל ער איז דער קלענסטער.

דער קאָמאר איז ניט קיין נאר, פליט ער אוועק צום בערס לאגער און קומט אָן אהין פונקט, ווען ס׳הייבט זיך אָן די אסיפע בא די כײַעס.

— פון וואָס זאָלן מיר אָנהייבן? — זאָגט דער בער פארטראכט. — דו פוקס, ביסט דער קלוגסטער פון אלע כײַעס, זײַ דו אונדזער גענעראל.

— גוט, — זאָגט דער פוקס. — זעט איר, ווען כײַעס וואָלטן געהאט צווישן זיך אן אייסעק, וואָלט בעסער פון אלץ געווען מאכן דעם בער פאר א גענעראל. אָבער איצט, אז מיר האָבן צו טון מיט אָט דעם באפליגלטן דרויב, עפשער וועל איך טאקע קאָנען עפעס העלפן. דרייסיס דארף מען דאָ האָבן א שארפ אויג און אן איידעלן סייכל. הערט־זשע אויס, וואָס פאר א פלאן איך האָב. דעם סוינעס כאַיל וועט צו אלדע רוכעס פליִען, דאָס איז עמעס. מיר אָבער, לאָמיר פון אים גאָרנישט ניט טראכטן, מיר גייען גלײַך צום מיילעכלס נעסט און נעמען אין געפענקעניש זײַנע קינדער. וויבאלד מיר וועלן זיי נאָר האָבן אין די הענט, וועלן מיר שוין נייטן דאָס אלטע מיילעכל, עס זאָל מאכן אויס מילכאָמע און זאָל זיך אונטערגעבן.

— קונציק, קונציק! — האָבן געשריגן אלע כײַס.

— אזוי, הייסט עס, — האָט ווײַטער געזאָגט דער פוקס, — דארפן מיר גיין בעדיכעט, זיך האלטן אײַנעם, ווײַל דאָרט, באם סוינע זײַנען פאראן אָדלערס, שפארבערס און נאָך אזעלכע מיִעסע פויגלען. אז מיר וועלן גיין איינציקווײַז, קאָנען זיי אונדז נאָך די אויגן אויספיקן, און אײַנײַנעם איז פאָרט זיכערער.

— עמעס, עמעס, — האָט א געשריי געטאָן דער האָז. בא אים האָבן נעבעך די פיסלעך אָנגעהויבן ציטערן, אז ער האָט דערהערט דאָס וואָרט אָדלער.

— איך וועל גיין אפריִער, און איר אלע נאָך מיר, — האָט ווײַטער געזאָגט דער פוקס. — איר זעט דאָ מײַן עק? אָט דאָס וועט זײַן אײַך א פאָן בייס

דער שלאַכט. איר דאַרפט אַלע גוט קוקן אַף אים; ביז כ'וועל אים האַלטן גלײַך אינדערהייך, איז דאָס אַ סימען, אַז ס'איז אַלצדינג רויִק און איר מעגט גיין גלײַך און דרייסט. טאָמער וועל איך אָבער דערשמעקן ערגעץ אַ לאָקער, וועל איך באַלד דעם עק ביז האַלב אַראָפּלאָזן, דאָס איז אײַך אַ סימען, אַז איר דאַרפט גיין אַ ביסל פּאַמעלעכער און זיך היטן. און אויב עס וועט שוין אינגאַנצן זײַן שלעכט, וועל איך דעם עק צווישן די פיס באַהאַלטן, און דעמאָלט, ברידער, אַנטלויפט, וווהין די פיס טראָגן.

— קונציק, קונציק! — האָבן אַלע כײַעס געשריגן און האָבן זייער געלויבט דעם פוקס פאַר זײַן סייכל.

דער קאָמאַר האָט דערווײַל אויסגעהערט אינגאַנצן דעם פּלאַן, איז אַוועק־געפלויגן צום מיילעכל און האָט אים אַלצדינג אויסגעדערציילט.

אַף דעם אַנדערן טאָג מיט דעם באַגינען האָבן זיך די כײַעס אָנגעהויבן צונויפנעמען אין איין מאַכנע. ס'איז געוואָרן אַן ערדציטערניש; די ביימער האָבן געקנאַקט, אַ געשריי, אַ ברומערײַ, אַז דאָס לײַב האָט געגרוילט.

פון דער אַנדערער זײַט האָבן זיך די פויגל אָנגעהויבן צונויפפליִען מיט אַ געפילדער, האַרמידער און קראַקערײַ, אַז אַ גוואַלד!

ווי אַ געדיכטע מאַכנע, גייען די כײַעס צום מיילעכלס נעסט...

ווי אַ שווערער וואָלקן, פליִען איבער זיי די פייגל — אָבער אָפּשטעלן די כײַעס קאָנען זיי נים.

נאָר דאָס אַלטע מיילעכל הייבט זיך אפילע ניט אָן זאָרגן. דאָס מיילעכל האָט אַ קוק געטאָן אַפן פוקס, ווי גאַדלעסדיק ער מאַרשירט פאַר זײַן כאַיל און דער עק זײַנער, שטייט ווי אַ ליכט, אינדערהייך אופגעהויבן, האָט ער די ווילדע בין צו זיך אַ רוף געטאָן.

— הער נאָר אויס, שוועסטערל, — האָט דאָס מיילעכל געזאָגט, — זעסט דאָרט דעם פוקס? דאָס איז דעם סוינעס גענעראַל. פלי געשווינד און זעץ זיך אים אַפן בויך, און וויפל קויעך דו האָסט, לאָז אים אַרײַן דײַן גיפט.

די בין איז אַוועק גלײַך צום פוקס אַפן בויך.

דער פוקס האָט דערפילט, אַז עמעץ פּאָרעט זיך בא אים אַפן בויך, וואָלט ער דעם עק אַראָפּגעלאָזט, קעדיי עס אַוועקטרײַבן, איז אָבער זײַן עק איצט קיין עק נים געווען, נאָר אַ קריגס־צייכן.

און די בין האָט דערווײַל אויסגעקליבן אַ גוט אָרט און האָט אַ שטאָך געטאָן מיטן גיפט.

— אוי, אַ צאָרע איז מיר! — האָט דער פוקס אַ געשריי געטאָן און האָט ביז האַלב דעם עק אַראָפּגעלאָזט.

— וואָס איז דאָרט? וואָס איז דאָרט? — האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער צווישן די כײַעס.

— דאַכט זיך... עפּעס... אַ לאָקער, — האָט דער פוקס דורך די ציין דורכ־געזויפצט, און אַליין האָט ער פון ווייטעק אַזש געציטערט.

— א לאָקער, א לאָקער!—איז אוועק א קלאנג צווישן די כּײַעס.—שטילער א ביסל גייט. שטילער...

אין דער רעגע גיט די בין א לאָז דעם גיפט מיט איר גאנצן קויעך. דער פוקס האָט די שײַן ניט דערזען פאר ווייטעק און האָט דעם עק צווישן די פיס באהאלטן.

די כּײַעס האָבן שוין גאָרנישט געפרעגט — זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן וווהין די פיס טראָגן. און די פייגל, די בינען און די קאָמארעס האָבן זיך א לאָז געטאָן נאָך זיי און זיי געריסן און געביסן אף וואָס די וועלט שטייט!

ס'איז א מוירעדיקע מילכאָמע געווען!

די כּײַעס זײַנען זיך צעלאָפן און האָבן זיך אין די גריבער באהאלטן.

דאָס מיילעכל איז פריילעך צוגעפלויגן צו זײַן נעסט און האָט די בסורע די קינדער אָנגעזאָגט:

— נו, קינדער, איצט מעגט איר שוין עסן, מיר האָבן די כּײַעס פארטריבן.

— ניין,—זאָגן די קליינע מיילעכלעך,—מיר וועלן ניט עסן, ביז דער בער וועט ניט קומען און וועט אונדז ניט איבערבעטן.

נו, וואָס קאָן מען דאָ טון? איז דאָס מיילעכל אוועקגעפלויגן צום בערס גאָרע, האָט זיך אף א צווײַגעלע אוועקגעזעצט איבער זײַן קאָפּ און געזאָגט:

— נו, בורמילע, ס'איז געשמאק מילכאָמע צו האלטן מיט דעם מיי־לעכל, הא?

— לאָז מיך צורו,—האָט דער בער א ברום געטאָן,—כ'וועל דעם צענטן פארזאָגן, ער זאָל זיך מיט דיר ניט אָנהייבן.

— ניין, גוטער ברודער, דאָס איז נאָך ווינציק,—זאָגט דאָס מיילעכל,—דו מוזסט נאָך גיין צו מײַן נעסט און מײַן כעוורע איבערבעטן, אויב ניט, וועסטו ערשט זען!

דער בער האָט טאקע געמוזט גיין און איבערבעטן דעם מיילעכלס קינדער, און זיך מוידע זײַן, אז זיי זײַנען ניט קיין מיִעסע נעפאשעסלעך, נאָר שיינע לײַטישע קינדער פון שיינע לײַטישע עלטערן.

דעמלט האָבן די קליינע מיילעכלעך זיך איבערגעבעטן און אָנגעהויבן עסן און טרינקען.

# אינהאלט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 5
1. שטיינברעכער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 13
2. אייביקער רעוואָליוציאָנער . . . . . . . . . . . . 15
3. אין טאָל א דערפל ליגט . . . . . . . . . . . . . 17
4. סאָרקע (יידיש ל. קוויטקאָ) . . . . . . . . . . . . 18
5. ברויט אפ פאנשטשינע . . . . . . . . . . . . . . 28
6. צו שײַן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 36
7. דער בלײַער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 58
8. דער קליינער מיראָן . . . . . . . . . . . . . . . 72
9. Schön schreiben . . . . . . . . . . . . . . . . 79
10. וועלדער און פאשעס . . . . . . . . . . . . . . 86
11. דער מולער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 98
12. שלימאק . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 104
13. א גוטער פארדינסט . . . . . . . . . . . . . . 114
14. מײַן פארברעכן . . . . . . . . . . . . . . . . . 121
15. דער שייפער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 129
16. דער האָז און דער שטעכלער . . . . . . . . . . . 135
17. דער בער און דאָס מיילעכל . . . . . . . . . . . . 139


---

## צום לייענער:

איבער טעכנישע סיבעס איז דער טעקסט פון די זײַטלעך 14 און 16 פארביטן מיט די ערטער. דער טעקסט, וואָס אפן 16 זײַטל, איז די פאָרזעצונג פון דער ליד „שטיינברעכער“, דער טעקסט, וואָס אפן 14 זײַטל, איז די פאָרזעצונג פון דער ליד „אייביקער רעוואָליוציאָנער“.